STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05783

UNTER FREMDE UN EYGENE HIMLEN

Menuche Alperin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנוחה אַלפּערין

אונטער פרעמדע

און

אייגענע הימלען

מנוחה אַלפּערין

מנוחה אַלפּערין

אונטער פרעמדע
און
אייגענע הימלען

צווייטער באַנד

פאַרלאַג „ניי לעבן"
תשל"ב — 1972

MENUCHE ALPERIN

UNTER FREMDE UN EIGENE HIMLEN

פאַרלאַג „ניי-לעבן"

נדפס בישראל תשל"ב

Printed in Israel

דפוס „אור" בע"מ — שד' הר־ציון 104
טעל. 822481

געהייליקט מיין מאַן
צבי זבולון וויינבערג ז״ל

וואנדערונגען

אוזבעקיסטאַן (ראַטנפאַרבאַנד)

ווין, זאַלצבורג (עסטרייך)

בלוט

כאַקול־אַבאַד, איינע פון די קרייז־שטעט, וואָס געהערט צום צענטער נאַמאַנגאַן אין אוזבעקיסטאַן, איז אָנגעפּראָפּט מיט טויזנטער מלחמה־פּליטים, דערצו נאָך — מיט פאַרשיקטע טאַטערן און פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

אויבן, צוקאָפּנס הינטערן שטאָט כאַקול־אַבאַד, שטראָמט דער געלער מעכטיקער אמור, וואָס זיינע קאַכיקע, ברויזנדיקע כוואַליעס שווימען מיט געלן, זאַמדיקן שטורעם; רייסן זיך פון די טיפענישן מיט ליאַרעם און אימפּעט ווי פון אַ בייזער מכשפה...

איבער זיינע הויכע ברעגעס גרינען די הויך־צעוואַקסענע תירס־פעלדער, וואָס אין זייערע אַלייען באַהאַלטן זיך די איינגעפונדעוועטע „קיביטקעס" (הייזלעך) פון די מער פאַרמעגלעכע, שטאַטישע אוזבעקן.

די זייטיקע אַלע רייז־פעלדער איז פול מיט נעסטן פון מאַלאַריע־פיבער, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו פאַרטיליקן הונדערטער לעבעדיקע משפחות... אונטן שטייט די גרויסע וואַטע־פאַבריק און אַרום איר זענען פאַרבויט צענדליקער „אַבשטשעזשיטיעס" (קאָלעקטיווע אַרבעטער־שטיבער), פאַר די אַרבעטער — און בעיקר: פאַר די מלחמה־פּליטים.

דאָ איז די נייע גרויסע „אַבשטשעזשיטיע", פאַר יענע פרויען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פלייס אין דער וואַטע־פאַבריק; האָט מען זיי, אַלס אָנערקענונג, אַרויסגעצויגן פון די אַלטע צעבראָכענע אַרבעטער־הייזער; באַשטימט פאַר יעדער אַן אייזערנע בעטל, אַ מאַטראַץ מיט אָנגעשטאָפּטע ים־גראָזן. חוץ דעם נאָך צוויי קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן אַ צווייענדיקע פונקציע: דער פּירקאַנטיקער, גראָבער סטאָלב אויף אונטערצושפּאַרן דעם דאַך און די פּליטע — צום קאָכן. די ביידע קעגנ־

שטאַנדן דינען אויך — צו טריקענען די פיס־שמאַטעס פון אַלע באָרוועסע פרויען און קינדער, וואָס לעבן דאָ אַלע צוזאַמען...

ווינטער. אַ קאַלטער שניי צוזאַמענגעמישט מיט אַ שלאַקס־רעגן האָט אויפגעהויבן די געלע געדיכטע בלאָטעס פון די פּאַרגאַסענע נידעריקע גאַסן און די גרויסע ליידיקע פענצטער פון די אַרבעטער־הייזער זענען פאַרטרערט געוואָרן, ווי מיטן פּיין און עלנט פון זייערע קראַנקע, הונגעריקע טעג...

שליאַך־שליאַך־שליאַך! — ציען זיך פאַרשידענע אַרבעטער־שיכטן — מענער און פרויען פון די פאַבריק־טויערן — קוים אַרויסשלעפנדיק די פיס פון דער געלער גאַסן־געמויזעכץ — אין פאַרשידענע ריכטונגען: ווער צו דער אַרבעטער־קיך, נאָך דער האַלבער שיסעלע „שטשי", (אַזאַ שיטערע זופּ פון שטיקלעך קרויט); ווער עס טראָגט זיין פּאַרציע ברויט אויסצוביַיטן אויף אַ ביסעלע מעל אָדער — תירס, וואָס שטילט לענגער דעם הונגער, אָדער אַנדערע גליקלעכע, וואָס ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן „אויף לינקס" אַרויסצוטראָגן אַ שטיקל לייוונט פון דער אַרבעט און לויפן אויפן אוזבעקישן מאַרק פאַרקויפן אונטערן פרייז אָדער אויסבייטן אויף אַ פלעצל אָדער „דזשוגאַרע", (אַזאַ גרויסע ווייצענע פערל־גרויפּ), ווידער אַ מאָל צו פאַרקירצן דעם הונגער־טאָג... כאָטש מען ווייס פאָראויס, אַז הינטן גייען נאָך איבערגעטאָענע — די געהיים־פּאָליציי...

ביים אַריינקומען פון די פרויען — פון דער נאַכט־שיכט — ווערט די גאַנצע „אָבשטשעזשיטיע" פול מיט נאַסע ריטשקעלעך, וואָס פירן צו יעדעס בעטל. ווייל דאָס בעט איז דאָ אַלץ: צום שלאָפן, צום איבערדעקן זיך איבערן קאָפּ, כדי נישט צו באַגעגענען זיך מיט די הונגעריקע, פאַרטרערטע אויגן פון די אַרומיקע שכנות, וואָס אין זייער גרויל דערזעט מען זיך... אין בעט קען מען זיך איבערדרייען מיטן פנים צום וואַנט; קיינער עפּעס שטיל, קיינער זאָל נישט וויסן וואָס... און צוטראַכטן אַן עצה... אפשר אַנטלויפן פון דאַנען? אָבער וווהין? איך בין דאָך געלאָפן אהער! אין בעט ווערט גרינגער דער ווייטיק פון די געשוואָלענע פיס. מיט אַ שטילער פרייד טאַפּט די האַנט אַן דאָס שטיקל ברויט; עס איז אַזוי גוט צו ליגן אין בעט אַן די שמאַטעס, וואָס ציען דיר נאָר אַראָפּ,

אַראָפּ: אונטערן בעט האַלטסטו דיין ציטעריק געקאָכטע ביסעלע קאַשע! אויפן בעט נעמסטו אויף צו גאַסט דיין חברטע, דער קיילעכדיקער יתומה, וואָס האָט אין דער מלחמה פאַרלאָרן איר גאַנצע משפחה... נאָר צום בעסטן איז די בעט, ווען דער גאַנצער שרעקלעכער מצב שלאָגט אין האַרצן און מען לייגט זיך אַוועק, מען פאַרמאַכט די אויגן און אין אַ סעקונדעטשקע איז מען שוין דאָרטן — אין דער היים! אין דער היים!...

די טויזנטער און אפשר מיליאָנען עוואַקואירטע פּליטים, וואָס די באַנען האָבן אומאויפהערלעך, טאָג און נאַכט, אַרויסגעפירט פון די אָקור־פירטע געביטן, ווו נאָר דער שונא האָט זיין פוס באַוויזן, האָבן יעדער איינער מיטגענומען, וואָס נאָר מ'האָט געקאָנט. אַנדערע האָבן מיט זייערע באַגאַזשן פאַרנומען האַלבע וואַגאָנען. אין וועלכן אָרט עס האָט נאָר דערגרייכט דער הונגער האָבן זיי אים פאַרטריבן מיט דער היימישער שפע זאַכן אָדער געלט. איצט אָבער, אין פערטן מלחמה־יאָר, איז ביי קיינעם גאָרנישט געבליבן. די לעצטע קלייד איז שוין אונטער דער פלאַם־פייערדיקער זון אָפּגעקראָכן און צעפאַלן.

דרייען זיך אַרום, איבער דער אויסגעהונגערטער שטאָט, לעבעדיקע מענטשן־סקעלעטן, ווי פּורים־שפּילער: מיט איין אָרבל, אין איין פוס־קאַלאָשע, מיט שטיקלעך שמאַטעס אויף די מיני איברים צוגעדעקטע...

ביי דער אַלגעמיינער פּליטע האָט מען זיך נענטער באַקענט און דאָ זענען געקומען צום אויסדרוק יעדנס כאַראַקטער־שטריכן און אייגנשאַפטן. אָבער נישט אַלע האָבן דאָס גליק זיך צו באַנוצן מיט דער קיך...

די פרוי ג. דעם פּראָפעסאָרס פרוי פון טשערנאָוויץ, מיט די גרויע גיריק־וואָלפישע אויגן, אַז זי שטעלט זיך ביי דער פּליטע קריגן אַלע פאַר איר דרך ארץ, ווייל זי לערנט מייסטעריש, ווי מען קען פון דער ביסעלע מעל מאַכן נישט נאָר אַ פשוטע קאַשע, און נישט נאָר קאָכן מיט וואַסער, נאָר דווקא אויף פאַרע!... דערפאַר אָבער, ווען זי זעצט זיך עסן און עמיצער פרעגט איר עפּעס, לאָזט זי יענעם אַ ביסל וואַרטן, דערנאָך ענטפערט זי קורץ און טרוקן:

— איצט עס איך!

פאַראַן נאָך איינע, פאַר וועמען מען האָט דרך ארץ און מען קוקט איר ממש אין די אויגן, ווען זי לערנט... ווי צו גנבענען.

— אַז מען וויל נישט הונגערן, דאַרף מען וויסן דעם „וועג" און ווי אַזוי דאָס צו מאַכן? ד.ה., ווען אַרויסצונעמען ביי דער אַרבעט דאָס שטיקל לייוונט און זיך צעטיילן מיט דער שמירה ביים טויער...

פאַרשטייט נישט די אַנדערע:

— ווי קען מען דאָס באַגנבענען אַן אַרבעטס־אָרט?!

פרעגט די דריטע:

— צו וואָס דאַרף מען אַ שמירה? אַז די שמירה אַליין העלפט גנבענען?!

פרעגן אַנדערע צוויי:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רעגירונג, וואָס פריער לאָזט זי אירע אַרבעטער הונגערן און דערנאָך לאָזט זי זיי זיך אַליין באַגנבענען?!...

אָט איז, אַ שטייגער, איינע פון די דריי שוועסטער פון וויטעבסק — לאה, וואָס מאַכט שווער דער גוטער שוועסטער, דער שיינער סאָניע, און מען קריגט זיך כסדר. לאה אָבער דערקלערט מיט איר אייגנאַרטיקער שאַרפקייט: „אַז מען צעקריגט זיך דאַרף מען לאָזן אַן אָרט אויף שלום ווערן!"... איר טובערקוליאָז קינד, דער פינף־יעריקער ליאָווע, מיט דער אומהיילבאַרער באַנדאַזשירטער פיסל, דרייט זיך דווקא אַרום איבערן „אָבשטשעזשיטיע", ווי אַ גאַנצער בעל־הבית...

אַנדערש איז די טיאָטיע (מומע) פאַיע פון בעסאַראַביע, מיט אירע דריי וווּנדערשיינע ייִנגלעך. אמת, דער עלטערער, פון אַ יאָר צען, איז איינגעאָרדנט אין אַן אינטערנאַט, אָבער ער קומט אויך, פון צייט צו צייט צו דער מאַמען. דער צווייטער און קלענסטער זענען אין „אָבשטשע־זשיטיע". די מאַמע איז אַ ברונעטין מיט אַ שטייפן, ראָזן פנים פון אַ געזונטער פרוי. די שפייז טיילט זי איין טאָג־טעגלעך, ווי מיט אַ וואָג, אויף דריי גלייכע פאָרציעס, כדי ביים הונגערן, זאָל צו איר קיין טענות נישט זיין. דאָך איז זי די איינציקע, וואָס בלייבט זיצן אין מיטן גאַס, אין זאַמד, און עסט עפּעס... זי זאָגט, אַז יעדער דאַרף זיך „ספּאַסאַיען" (ראַטעווען) אויף זיין אופן... אָבער דער קלענסטער זונעלע אירער,

א שייניקער, אַ פּולינקער שטייט אַ גאַנצן טאָג, ביי יעדער געקומענער שיכט — ווער עס קאָכט אָדער באַקט עפּעס שאַרט ער אויף די קליינע ברעקעלעך פון פּליטע און שטיל אַזוי, לייגט ער זיי מיט די שיינע פינגערלעך אין מויל אַריין. קיינער שרייט נישט אויף אים.

די טיאָטיע ליובע ווידער, איז אַ גרויסע אַ שטאַרקע, מיט גרויסע הענט און לאַנגע פיס, מיט אַן ענערגישן פּנים און איז זייער אונטער־נעמעריש..

נאָך די אַרבעטס־שעהן, ווען אַלע פאַלן מידע אויף זייערע געלעגערס, נעמט זי ערשט ראַמען און וואַשן די דיל. און פאַר די פאַרדינטע געלט קויפט זי, פאַר איר זיבעצן־יאָריקער טאָכטער אַ קלייד.

קלאַרע, די בילד־שיינע אַקושערין־פעלדשערין, איז דאָ מיט אַ יינגעלע פון אַ יאָר זעקס־זיבן. די אינטעליגענטערע פרויען זענען זיך מיט איר מחיה; אַלץ ווייס זי, וועגן אַלץ האָט זי ידיעות און אַלע פּראָבלעמען זענען איר קלאָר — קאָכן און באַקן, פּאָליטיק, קונסט, ליטעראַטור און אַפילו מוזיק! נאָר איר קינד שלאָגט זי. פאַר אַ ליאַדע קלענסטן חטא — שלאָגט זי אים! און אַז זי שלאָגט, שרייט זי דיקטאַטאָריש: שטיי! שטיי! נישט גערירט זיך! און האַקט און בראָקט אים מערדערלעך!...

צעגליען זיך פון אַלע זייטן די געמיטער און אַ פייערדיקער כעס צינדט אָן די אַלע מוטערס פונעם אָרטיקן וואָגל...

— גיי זאָג איר זי זאָל אויפהערן!

— זעט נאָר, זעט נאָר, ווי די מערדערין שלאָגט דאָס קינד!

— גיי, נעם צו פון איר דעם בידנעם שעפעלע!

— קוקט נאָר אָן דער דעספּאָטין!

— גייט, רייסט אַרויס פון דער שמינטעליגענטין דאָס קינד!

— גייט איר, וואָס עפּעס שיקט איר מיך?!

עפּעס אַ מאָדנער מין דרך־ארץ האָט קיינעם נישט צוגעלאָזן צו איר. אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז די סיבה פון איר קאַלטער מוטערשאַפט איז, וואָס דאָס קינד איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צום טאַטן, דעם מאַן, וועלכן זי האָט פיינט...

דערווייל האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסליידיקן אַ בעט נאָך

אַ בעט... די מאַלאַריע און בלוטיקע דיזענטעריע האָבן זיך פֿאַוואַליע אַריינגעשניטן אין די הונגעריקע לייבער און די קראַנקע האָט מען צוגענומען אין שפּיטאָל. פֿון דאָרט איז מען שוין צוריק נישט געקומען... ווייל דאָרט איז די לאַגע געווען נאָך ערגער.

די יונגע פֿאַליע, צוויי קליינע קינדער מיט אַן אַלטער מאַמען, האָבן פֿון אָנהייב אָן געלעבט דאָ. ווי אַלע האָט, פֿאַליע פֿון מינסק, דאָ געאַרבעט אין פֿאַבריק און די מאַמע אירע האָט זיך מטפּל געווען מיט אירע קינדערלעך.

אַ קאָפּ העלע בלאָנדע האָר, אַ יונגער רייץ פֿון שיינעם פּנים און האַלדז האָבן געשטראַלט מיט אויפֿגאַנג און האָפֿענונג; אין די גרויסע בלויע אויגן האָבן זיך געשפּיגלט הימלען פֿון אומשולד און גלויבן. אַז זי, פֿאַליע, פֿלעגט אַריינגיין און זיך נאָר באַווייזן אויפֿן שוועל, האָט זי, ווי אַ ליכטיקער פֿלאַטערל, ווי אַ שטראַל פֿון טרייסט, באַלויכטן דעם לעבעדיק־צאַנקענדיקן מתים־געצעלט. באַזונדערס פֿלעגט זי אויפֿלויכטן, ווען זי פֿלעגט אַרויסנעמען פֿון טאַש דאָס בילד פֿון איר יונגן, שיינעם מאַן, וועלכער געפֿינט זיך אויפֿן פֿראָנט און ווייזן עס אַלעמען, מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף אירע דינע, רייצנדע ליפּן.

די ערשטע איז קראַנק געוואָרן פֿאַליעס מאַמע. ווי אַלע אַנדערע, האָט זי די סאַניטאַרע הילף צוגענומען אין שפּיטאָל. אויף צו מאָרגנס, ווען פֿאַליע איז געקומען פֿון דעם באַזוך ביי איר מאַמען, אין גאַנצן אַ דערשלאָגענע און מען האָט איר אַרומגערינגלט און פֿאַרשאָטן מיט פֿראַגעס, האָט זי, פֿאַרברעכנדיק די הענט, אָנגעהויבן דערציילן:

— דער שפּיטאָל איז אַ פֿאַרלייגטער פֿון עק ביז עק און ס'איז פֿאַרווישט געוואָרן די מחיצה פֿון איין אָפּטיילונג צו דער צווייטער, פֿון די פֿאַרשידענע קראַנקהייטן; דער עיקר — איז פֿול מיט יענע געפֿאַלענע אין די גאַסן — האָט מען זיי אויפֿגעקליבן און אין די שמאַטעס אויף זיי, צעלייגט געחלשטערהייט אויף די פּריי געוואָרענע בעטלעך נאָך די מתים. און אויך אין די קאָרידאָרן, אויפֿן דיל.

דער מאַמען האָט מען אַריינגעלייגט אין גרויסן זאַל צווישן „די אויפֿגעקליבענע”. אַריינגייענדיק דאָרט, זעט מען בכלל נישט קיין מענטשן.

עס דוכט זיך — בערג מיט שמאַטעס! נאָר די אויפגעלאָפענע „בערג״ באַוועגן זיך מיט אַ סך פאַרבן פון געוועזענע אָפּגעקראַכענע מלבושים, מיט מיילער — פאַרבראַכענע מיט בלוט, מיט פאַרברענטן מאָגן־אָפּפאַל, מיט בלוטיקן אייטער; די פיס — בלוי־געשוואָלענע — דאָס איז דאָך כמעט ביי אַלעמען!... נאָר שטילע קרעכצן דערמאָנען אין לעבעדיקע מענטשן־מחנות... האָב איך אַ פרעג געגעבן דער שוועסטער:

— ווער האָט די מענטשן צעשלאָגן ביז בלוט?

ענטפערט זי מיר:

— די מענטשן זענען געשלאָגן געוואָרן מיט צוויי ביטערע, באַזונ־דערע קרענק: אָפענע טובערקוליאָז פון די לונגען און בלוטיקן שלשול. אָבער — פאַרענדיקט זי — דער זעלבער מערדער, וואָס האָט אונדז אַלעמען געטראָפן און דערשלאָגן — איז די פינצטערע מלחמה!...

נאָך דעם איז פאַליעס, דער עלטערער יינגעלע, קראַנק געוואָרן און אויך אַוועק אין שפּיטאָל.

פאַליע איז איין מאָל אַריינגעלאָפן אין „אָבשטשעזשיטיע״ מיט אַ געוואַלד:

— געוואַלד, איך האָב שוין נישט קיין מאַמע! מענטשן, איך האָב שוין נישט קיין מאַמע, געוואַלד, געוואַלד!!!...

אין איינעם פון די נאָענטסטע אָוונטן, איז פאַליע מיטן קינד אויף די הענט פאַרשוווּנדן. אין דער פרי איז זי געקומען אַן אויפגעלעבטע. אויף איין האַנט דאָס קינד, אַנגעטאָן אין אַ ווייס העמדעלע, זי — אין אַ נייעם קאַינאַק (אוזבעקיש קלייד), אין דער צווייטער האַנט האָט זי געטראָגן: דריי גרויסע, ווייסע פיטעס (פלעצלעך) און אַ זעקעלע מיט אַלערליי פּרוכטן.

— פאַליע! ווו ביסטו געווען? מיר האָבן דאָך געמיינט, אַז חלילה...

זי, פאַליע, שווייגט און דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום פענצטער. מען האָט זי פון דער ווייטנס באַטראַכט און זיך איבערגעקוקט... האָט איינע נישט אויסגעהאַלטן און אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען האָסטו עפּעס אַ ניי קלייד?

און די צווייטע:

— און פיטעס?! אַ־אַ־אַ!!! גאַר אַזוי, אונדזער פאַליע אויף אַזעלכע וועגן גאַר!?... מיט אוזבעקן?!...

האַסטיק האָט זי זיך געטאָן אַ דריי אויס. אין די לויכטנדיקע, גרויסע אויגן האָבן זיך צעצונדן פרעכע פייערלעך.

— און אַז אוזבעקן, איז וואָס? — זאָל מיר זיין צו געזונט! — האָט זי אַ נעם געטאָן דאָס קינד, מיט דער מאַמעס פאַרבליבענע בעבעכעס און — אַרויס...

אין אַ וואָך אַרום איז זי שוין געלעגן דאָרט, ווו איר מאַמע איז געווען. און צוריק איז זי שוין קיין מאָל נישט געקומען.

בעסער פון אַלעמען איז געווען דער שלאַנקער ברונעטין, חנה די לובלינערין, ווייל פון דער היים איז זי געווען אַ גוטע שניידערין. דאָס האָבן דערשמעקט די פרויען פון די באַאַמטע און אינזשינערן. איז זי, נאָך דער פאַבריקס־אַרבעט, געגאַנגען צו זיי אויף עטלעכע שעה און האָט זיי אַרומגענייט. דאָרט האָט זי באַזונדער פאַרדינט און אָפּגעגעסן אַ גוטן, פעטן מאָלצייט. די אַרבעטער האָבן אַפילו וועגן דעם נישט געקאָנט חלומען...

ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס אָנקוקן די ליידיק געוואָרענע בעטן, מיט די פאַרפלעקטע בלוטיק־אייטערדיקע גראָז־מאַטראַצן — זיי האָבן געהאַלטן אין איין דערמאָנען דעם קרבן, וואָס האָט אויף זיי געלעבט, געשלאָפן, געחלומט און געהאָפט נאָך זיך אומצוקערן אַהיים צו דער האַרציק־וואַרעמער משפחה... די פאַרלאָזטע בעטן האָבן געהאַלטן אין איין מאָנען און דערמאָנען, ווי אַ לעבעדיקער מלאך המות, אַז אויך אויף דיר מיט דיין בעט וואַרט דער זעלבער גורל!...

אַ פרייד איז געווען צו זען, ווען אין דער וויסטער אונטערגייענדיקער וועלט, האָט אויפגעלויכטן אַ יונג פאָרל:

ליזאַ איז נאָך גאַר אַ יונג קינד געווען, ווען די מלחמה־עוואַקואַציעס האָבן זיך צעבושעוועט און אויף אַן אומגליקלעכן אופן האָט זי, לויפנדיק ערגעץ אין די וועגן, זיך פאַרלוירן מיט אירע עלטערן... איז זי דאָ, ביי דער אַרבעט, געווען די ייִנגסטע.

אַ שטילע, אַ רואיקע, מיט איר אויסגעדאַרט טונקל־סימפּאַטישן פּנימל

איז זי געגאַנגען אין שפּאַן פון דעם אַלגעמיינעם אַרבעטס־רעגולאַמין. קיינער האָט זיך גאָרנישט אַרומגעזען, ווי דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסן און — צו איר האָט אָנגעהויבן אַריינקומען דער יונגער יתום מישקאַ, פון דער שכנהשער מענער־אָבשטשעזשיטיע, וועלכער איז אויסגעוואַקסןביים באַדינען די שליחותן די אוזבעקן. פון אָנפאַנג האָט ליזאַ זיך נישט אומגעקוקט אַפילו אויף אים. מיט דער צייט, האָט זי אָנגעהויבן בליען ממש, ווי אַ בלום, און איז שוין פון אים מער נישט אַוועק... האָבן די פרויען זיך געפרייט און געזאָגט: אַז דער אויבערשטער איז אַן אבי היתומים! און נאָך: אַז גאָט איז אַ מזווג זיווגים...

אין אַ געוויסן טאָג, ווען די אַרבעטער־שיכט איז געקומען פון דער אַרבעט און יעדע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר בעט, האָט מען באַמערקט, אַז פאַניע איז נישטאָ. אַזוי ווי זי איז שוין אַ פּאָר מאָל געווען אַרעסטירט, איז מען געווען זיכער, אַז זי איז ווידער אַריינגעפאַלן...

אין אַ פּאָר שעה שפּעטער איז זי אַריינגעפאַלן אין „אָבשטשעזשיטיע" מיט פאַרנומענע הענט און אַ באַהאַלטענעם שמייכל....

פאַמעלעך, פאַמעלעך, האָט זי מיט די שפּיצן פינגער אין עפּעס אַ טונקעלער שמאַטע געטונקט און — אין מויל אַריין. די קיך איז דאָך איצט געשלאָסן, טאָ וואָס פאַרט, נעמט זי אין מויל און קוויקט זיך אַזוי?!

פאַניע האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער און מיט גרויס אַפּעטיט עפּעס געשטופּט אין מויל אַריין. דערנאָך האָט זי זיך ווידער אויסגעדרייט און מיט בלוטיק־רויטע פינגער אַרונטערגעשטופּט די שמאַטע אונטערן בעט. אַלע האָבן, מיט הונגעריקע אויגן, זיך איינגעזויגן אינעם צעפלאַמטן פּנים און געזוכט אַ באַשייד אין איר קרומלעכן שמייכל, וואָס האָט עפּעס פאַרבאָרגן...

פאַניען האָבן אַלע געקענט פאַר זייער אַ גוטן מענטש און בעיקר, פאַר אַן אָפנהאַרציקן מענטשן־פריינד. אַזוי ווי ענערגיש זי איז צו זוכן איר אייגן שטיקל ברויט, אַזוי שאַרט זי אונטער אויך אַנדערע. אָט למשל, ברענגט זי אַ מאָל פון דער קיך אַ ביסל זופּ פאַר דער הינקענדיקער ציליען, און בעט ביי דער איוואַנאָוונאַ, דער בריגאַדירשע, די פּאָרציע ברויט פאַר עמיצן, וואָס פילט זיך שלעכט; אַז פאַליעס מאַמע איז

געשטאָרבן, האָט זי אַ לאַנגע צייט געהאָלפן ביאַנטשען זיך מיט דעם קינד. בקיצור:

— פאַניע! ווער האָט דיך צעבלוטיקט?

טוט זי אַ מילדן שמייכל און ענטפערט:

— איך אַליין! איך האָב געגעסן בלוט!

— בלוט? — האָבן אַלע מיט אַ מאָל אויסגעשאָסן און מיט עקל אַ שפּיי געטאָן אויפן דיל.

— ווי מיאוסט דו זיך נישט אָנצורירן אַזאַ זאַך?

— בלוט? — האָבן אַ סך קולות אויסגעשריען — פון וועלכער חיה, פון אַ קאַץ? פון אַ מויז? פון אַ הונט? און פון וואַנען האָסטו זיך דערוווּסט דערפון?...

— אין פאַבריק, ביי דער אַרבעט, האָט מען זיך שטילערהייט געשושקעט, אַז אין שעכט־הויז באַקומט מען דאָס זייער ביליק; אין דער מענער־אָפּטיילונג נוצן זיי עס שוין לאַנג...

— אָבער אַזאַ כאָליערע נעמען אין מויל אַריין, ווי שעמסטו זיך נישט?!

— איך האָב שוין מער נישט קיין כוח צו הונגערן!

— אָבער ביי אונדז, יידן, איז דאָך סתם שטרענג פאַרבאָטן צו נוצן בלוט! — האָט זיך אַריינגעמישט אַ פרוי מיט אַ בלאַס פּנים, מיט גרויסע גליענדיקע אויגן — אַ סימן: פאַרן קאָכן ווערט דאָס פלייש געווייקט אַ האַלבע שעה אין וואַסער און דערנאָך אַ גאַנצע שעה אין זאַלץ, כדי אַרויסציען און אָפּציען דאָס בלוט, וואָס איז פול מיט גיפט און רשעות...

עטלעכע שטימען האָבן זיך אַריינגעמישט, מיט פאַרביטערונג און געוויין איבערגעשריען איינע דער אַנדערער:

— מיט וואָס פאַרט, זאָלן מיר שטילן דעם פינצטערן הונגער?! אַ גאַנצן טאָג שלעפּן די זעק מיט כלאָפּאָק (פלאַקס) אַרויף און אַראָפּ אויף די טרעפּ, מיט וואָס? מיט דאָס ביסל וואַסער, מיט שטיקלעך קרויט?; דעם האַלבן קילאָ ברויט פאַרטיילט מען הייסערהייט, בו זענען דאָך שוין געווען קרבנות, וואָס האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן, צוליב „סקרענט־קישעק" און דיזענטעריע; האָבן מיר זיך גענומען צו די טוטן־ביימער אויף די פעלדער און זיי האָבן אונדז מחיה געווען — האָבן די אוזבעקן

אונדז פֿאַרטריבן, און מיט רעכט! נאָך ווייניק, וואָס זיי טיילן זיך אין די קאָלכאָזן מיט די פּליטים מיט זייער קיביטקע (שטוב), קורפּא (קאָלדרע), סאַנדאַל (טישל) און פּיטאַ — פּלעצל־ברויט!...

— נו, און אַז איר עסט שוין „קאָנינע״ (פֿערדן־פֿלייש) איז גוט?!...

אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, זיך צעקרעכצט און פֿאַניע האָט זיך צעוויינט אויפֿן קול...

די טיאָטיע ליובע, וואָס איז זייער אַ ריינע, האָט זיך פֿאַרקרימט און קוקנדיק אויף פֿאַניען מיט אַ פֿאַרדריסלעכן בליק, ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו שרייען, האָט זיך איינגעבויגן און אָנגעהויבן ברעכן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז איר פּנים איז אַזש בלוי געוואָרן. אַזוי כסדר, אַלע מאָל פֿון דאָס ניי, קוקנדיק צו פֿאַניען מיט פֿאַראַכטונג...

אַלע האָבן פֿונדעסטוועגן געקוקט צו איר בעט, ווו עס ליגט די שמאַטע, וואָס פֿאַרמאָגט אַ כּישוף פֿון זאַט ווערן...

דערווייל איז אין דרויסן געוואָרן אַ בהלה מיט געוואַלדן. אַלע זענען אַרויסגעלאָפֿן און דערזען: איינער, אַ שטאַרקער אוקראַינער, האַלט צו די הענט פֿון אַ ייִנגל און אַן אוזבעק שלאָגט דאָס ייִנגל מיט אַ צווייג פֿון אַ טוטן־בוים איבערן קאָפּ, איבער די פּלייצעס און ביידע שלעפֿן דעם צעממתטן צו זייער בנין, באַגיסנדיק דעם גאַנצן וועג מיט בלוט, ביז דאָס ייִנגל איז געבליבן ליגן אַן באַוווסטזיין...

אויף אַלעמענס שאלות — פֿאַר וואָס?

— ער האָט געגנבֿעט אַ הון אין אַן אוזבעקישן הויף!

דעם ייִנגלס אַן עלטערער ברודער איז אָנגעשפּרונגען און געפּלעכט פֿון הענט האָבן ווידער פֿאַרגאָסן די גאַס מיט ריטשקעס בלוט און ס'האָבן זיך דערהערט געשרייען:

— די זשידעס, די זשידעס! זיי זענען אויך אַהער געקומען. די גערמאַנצעס צעשיסן זיי דאָרטן, ווי די הינט! לאָמיר זיי דאָ אויך אָפּראַמען! — האַ־האַ, ווי די הינט!...

פֿון אַלע זייטן איז געוואָרן אַן אויפֿגעלאָף. אַ שטאַרקער מאַן, מיט אַן אייזערנער הענטשקע, האָט זיך דורכגעריסן און גענומען האַקן אויף

רעכטס און לינקס. אַלע זענען זיך צעלאָפן. נאָר דער צעבלוטיקטער יוגנטלעכער האָט זיך שוין מער נישט גערירט...

צעבראָכענע, דערשראָקענע פון דעם, וואָס מען האָט געזען און געהערט, האָבן זיך די פרויען צוריקגעצויגן און שטיל, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זיך צעזעצט אויף די בעטן און געשוויגן... שווייגנדיקערהייט געפילט, וואָס אין האַרץ פון יעדערער קומט פאָר... בלוט, בלוט, בלוט!

פאַר כאַפּן אַ הון דורך אַ הונגעריקן ייִנגל — טויט! די מענער, טאַטעס, ברידער, זיי פאַרגיסן זייער בלוט אויף די שלאַכט־פעלדער — פאַר וועמען? פאַר וועמענס פרייהייט?!... דאָרט, די טייערע, און האַרציקע, אין די פאַרלאָזטע היימען, צעשיסט מען, ווי די הינט. מיר אַלע, דאָ, גייען אויס פון הונגער און זענען דאָ נאָר „זשידעס”, וואָס מען דאַרף אונדז אויך צעשיסן, אָפּראַמען!!

...ווער האָט עס אָנגעצונדן די שרעקלעכע וועלט־שנאה?

ווער איז שולדיק אין אַזוי פיל אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט? וואָס און ווער וואַרט אויף אונדז, הונגעריקע, אויסגעוואָרצלטע? וועלן מיר נאָך אַ מאָל קומען צו אַ תקומה?...

מיר, די געוואָרענע מענטשן־חיות, וואָס זענען שוין גרייט צו שטילן דעם הונגער מיט בלוט! בלוט — אומעטום בלוט!...

פרייטיק צו נאַכטס

פרייטיק. אַ טאָג, ווי אַלע טעג פון דער וואָך, אין גאַנג און לעבן פון די אַרבעטער־פרויען, אין אַבשטשעזשיטיע. נאָר פאַר נאַכט, ווען די לעצטע אַרבעטער־שיכטן בייטן זיך: די בייטאָגיקע קומט אָן און די נאַכט־שיכט פאַרשווינדט, ווערט די שטימונג אַן אַנדערע; אַ מער געפּרעס־טע, אַן אומרואיקערע. אַ ציטערדיק־נערוועזע און אַ נאָגנדיקע בענק־שאַפט שפרייט זיך אויס אויף אַלעמענס פּנימער; שווייגנדיק הויבט זיך יעדע אָן צו דרייען איבערן באַראַק, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרלוירן און אין פאַרלעגנהייט הויבט מען זיך אָן אָנקוקן, ווי מען וואָלט זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן. ס׳ווילט זיך אָפּטרייסלען פון דער אַלטעג־לעכער, האַרטער ווירקלעכקייט און טרעפן עפּעס אַ נאָענטע געשטאַלט, כדי אין אַ גוטמוטיקן טאָן זאָגן: גוט שבת!... און אַ פּאָר וואַרעמע אויגן זאָלן דיך דורכנעמען און אין אַ ריינער, שבתדיקער שטוב זאָלן ברענען דער מאַמעס אָנגעצונדענע ליכט; זאָלן באַלייכטן דעם שיינעם, שבתדיקן טיש, וואָס איז סערווירט מיט אַלדאָס גוטס און אַ פולע שטוב מיט דיינע טייערע זאָלן דיך אַרומנעמען און ענטפערן: גוט שבת! גוט שבת! גוט שבת!...

גאַנץ געוויינלעך, אָן די שטענדיקע טענות, איינער צו דער אַנדערער, ציט זיך יעדע צו איר איינציקן מקום־מקלט — צו דער בעט!... מ׳ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג און מען צעלייגט די הענט אין דער פרייסטער פּאָזיציע, ווי וועלנדיק אָוועקטרייבן פון זיך דעם אומרואיקן עלנט און געשטאַנק פון די נאַסע, הענגענדיקע שמאַטעס; דאָס פּנים מיט די צעעפנטע אויגן צום אויבערשטן אַרום, ווי וועלנדיק זיך באַהעפטן מיט דער שבתדיקער נשמה יתרה פון זכרונות און דערמאָנונגען, און דערזען די וויזיע פון זיי אַלעמען, און אַלץ, וואָס עס איז הייליק און טייער — די היים!...

אַ וואַרעמקייט צעגיסט זיך אין פאַרוועלקטן, אויסגעדאַרטן גוף און צום פּנים שלאָגן הייסע כוואַליעס, וועלכע שטראַלן אויף מיט ווילן, מיט אויפגאַנג און מיט פאַרלאַנגען זיך מיט עמיצן צו טיילן מיטן גליק, מיט היימישן אויפלויכטנדיקן זמר און ניגון, מיטן ריח און טעם פון יידן און יידישקייט!...

האָט זיך אַ שטיל ניגונדל פון קעל אַרויסגעגליטשט, ווי אַ שטילער, זיסער פּישטש פון אַ יונג פויגעלע, וואָס שוועבט אין דער לופט אומ־געשטערט, איבערן די פאַרטרויערטע הערצער, וואָס רוישן מיט צער און עלנט... און ווי אַ העלע טרייסט טראָגט זיך דער אָנגעצונדענער ניגון מיט זיסע, ברייטערע טענער, שטראָמענדיק כוואַליעסווייז מיט דער וואַרעמקייט פון אַ פרילינגס־ווינט, איבער אַ בית־הקברות־פעלד, וואָס וועקט, מינטערט, דערפרישט און איז מתחזק צום אויפקום — צו תחית־המתים...

...און דער נס איז געשען: עס האָט זיך אַ רודער געטאָן, אַ רירעוור־דיקע באַוועגלעכקייט האָט דערוואַכט!... און צום ערשטן מאָל האָבן די יידישע אַרבעטער־פרויען זיך אויפגעהויבן, אַוועקגעזעצט און וואַרעם זיך איבערגעקוקט מיט חברישער נאָענטקייט... און יעדע, שווימענדיק אין אַ ים פון היימישע זכרונות האָט אָנגעהויבן דערציילן פון שבת אין דער היים, פון איר משפחה, און דער עיקר — פון די שמעקנדיקע געבעקסן און געקעכצן, וואָס יעדע פון זיי האָט באַוויזן צו מאַכן, אַז עס האָט פאַרשמעקט די גאַס...

אַלע האָבן זיך גערן צוגעהערט און מיט חשק אָנטייל גענומען, דערציילנדיק וועגן זיך און דער שיינקייט פון שטייגער לעבן אין דער היים, איבערשטייגנדיק איינע די אַנדערע. גערעדט האָט מען הויך, אומ־געשטערט שמייכלענדיק, אין אַן אויפגייענדיקער, פרידלעכער וועלט, פאַרגעסנדיק דעם מוראדיקן שווידער פון דער מלחמה מיט אַלע בלוטיקע פּאַלגן...

אַלע פּנימער האָבן אויפגעלויכטן, די אויגן האָבן געשטראַלט און זכרונות זענען ווי געוואָרן ווירקלעכקייט... עס זענען אויפגעגאַנגען פּייזאַזשן פון פאַרשידענע געגנטן, שטייגער־לעבן האָט זיך געביטן און

געמיניעט, ווי אויף אַ שוועבנדיקן עקראַן; יידישע שטעט און שטעטלעך פון פוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד, רומעניע, בעסאַראַביע און אונגאַרן האָבן געשוויבלט און געגריבלט מיט ליכטיקע, יידישע קהילות פון טויזנטער, טויזנטער יידישע משפחות, מיט שבתדיקע טישן, געבענטשטע מיט חלות, כל מיני קוכנס, טאָרטן, געפילטע פלאָדנס און אייער־קיכלעך, גרויסע פּאָרציעס קאַרפּן־פיש, וויינען און איינגעמאַכצן און פרוכטן. און שבתדיקע יידן האָבן געמאַכט קידוש ביי פולע טישן מיט גרויסע משפחות, זינגענ־דיק די הייליקע שבתדיקע זמירות, וואָס האָבן פול געמאַכט דאָס שטעטל מיט דער זאַטער פרייד פון — שבת שירה!

...און יענע פרוי, וואָס גייט אַרום און קלייבט איבער די גאַסן שטיקלעך פּאַפּיר (ווּ אַנדערש איז עס דען געווען צו באַקומען?) — און פאַרצייכנט אַלץ, וואָס זי זעט, הערט און לעבט איבער — זיצט, ווי שטענדיק דאָרט אין וויטן ווינקל און פאַרצייכנט. פלוצלינג גיט זיך אַ ווענד צו איר לאה:

— אוי מאַניע, מאַניע! קלוגע מאַניע! צוליב וואָס שרייבסטו דאָס און פאַרצייכנסט? ווער וועט דאָס אַלץ איבערלעבן?!...

מיט אַ מאָל האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט... פון אַלע זייטן האָט מען אָנגעהויבן בעטן:

— הערט אויף, הערט אויף!

— הערט אויף, איך קען דאָס נישט אויסהאַלטן!

— אוי, איך וועל באַלד חלשן!

— אוי, כאָטש אַ שטיקל ברויט, ווּ נעמט מען??!

— אוי, כאָטש אַ שטיקעלע ברויט!

— צו וואָס האָט מען דאָס געדאַרפט?! וואָס האָט איר געהאַט צו מיר!?

ווי אַ פאַרטייעטער מלאך המות איז דער הונגער ערשט אַרויסגע־שפּרונגען, מיט זיין גאַנצער מאָנענדיקער קראַפט. און די דערוואַכטע פרייד איז פאַרטונקלט געוואָרן; דער יידישער שבת איז דערטרונקען געוואָרן אין די הונגעריקע ספּאַזמעס — „נאָך אַ שטיקעלע ברויט!"...

ראש השנה אין בוכאַרער שול

גרויסע, קײלעכדיקע, טונקל־גלאַנציקע אויגן, אײנגעפאַסט אונטער געדיכטע, קוילן־שוואַרצע ברעמען, פולע באַקן פון ברוינע מענער־פּנימער, באַוואַקסן מיט געדיכטע, שוואַרצע סעמיטישע בערד; זײערע פרומע גופים געוויקלט אין ווײסע, באַגאַרטלטע כאַלאַטן. די פרויען — אין העלע, גע־בלומטע, פאַרמאַרשטשעטע קוינאַקן (אוזבעקישע קלײדער), זיצן זײ, די אוזבעקיש־רעדנדיקע, בוכאַרער ײדן, אין אַ שולעכל מיט אַלטע, ווײס־געקאַלכטע ווענט און אַ הויכן באַלקן, מיט פאַררונדיקטע פענצטער, ווי אַמאָל אין אונדזערע שטעטלדיקע שולן.

איבער די הילצערנע, לאַנגע בענק מיט פאַרענטשעס, ליגן מחזורים, געדרוקטע אויף לשון קודש. אַלעמענס בליקן זענען געווענדט חשיבותדיק אַהין — צום מזרח, וווּ עס שטײט דער חזן, אַ ברײט־פּלײציקער ײד מיט אַ ווײסער מיץ אויף זײן פעך־שוואַרצער קאָפּ האָר. דער חזן נעמט זאָגן די ראש־השנהדיקע תפילות מיט אַ זיסן ציקלדיקן מזרח־ניגון. אַרום זײער געדיכט באַזעצטע רײען, זיצן מיר, די אַפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, עלנטע פּליטים...

דאָרט, הינטער אונדז, האָט געבושעוועט דער שוואַרצער שטורעם פון דער פינצטערער מלחמה, וואָס האָט געזײט טויט און פאַרניכטונג. אין פײער, בלוט און טרערן זענען אונטערגעגאַנגען הונדערטער שטעט און ישובים, פעלקער און לענדער זענען חרוב און מוחרב געוואָרן. אויף די שלאַכטס־פעלדער האָבן זיך געגאָסן טײכן בלוט, ווו נאָר עס האָט זיך דערטראָגן דער פוס פון פאַרשאָלטענעם נאַצי, וואָס האָט געוואָלט אײנ־שלינגען די וועלט און האָט געזײט פאַרוויסטונג...

טאָג־טעגלעך האָט זיך געמערט די צאָל פון אלמנות און פון טויזנטער

יתומים. און די צעבראָכענע, רואינירטע פּליטים, האָבן געוועונדעוועט, פון גרענעץ צו גרענעץ, זוכנדיק פאַר זיך אַ מקום מקלט...

אין יענע היסטאָריש־בלוטיקע טעג, האָט דער שונא זיך באַכגע־יאָגט נאָך צענדליקער אַנטלויפנדיקע באַנען, איבערפולטע מיט מענטשן, וואָס זענען געלאָפן צו די צעעפנטע טויערן, פון די פאַרשידענע רעפּוב־ליקן אין מיטל־אַזיע, קירגיזיע, אוזבעקיסטאַן, קאַזאַכסטאַן א.א.וו. די דאָזיקע רעפּובליקן האָבן די פּליטים אַריינגענומען אין זייערע שטעט, קאָלכאָזן און סאָווכאָזן, אין זייערע פּרימיטיווע קיביטקעס און זיך גע־טיילט מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, מיט אונדז, פרעמד־שפּראַכיקע.

די אומגליקלעכע מחנה פּליטים האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַלע ראַיאָנען פון אוזבעקיסטאַן — אַרום די רייז־פעלדער, ביי די בליענדיקע מאַלאַריע־נעסטן, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן הונגער איינגעשלונגען טויזנ־טער היימלאָזע, וואָס זענען שוין אַרומגעגאַנגען באָרוועס און האַלב־נאַקעט אין די פלאַם־פייערדיקע זאַמדן, פונעם זוניק־הייסן אוזבעקיסטאַן.

זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן דער חודש אלול, האָבן מיר שוין נישט געפונען קיין רו. עס האָט געצוימען פּייניקן, רייסן און ציען די בענקשאַפט אַהיים, צו דער יידישער קהילה, צו אַ יידישן פּנים, צו דער יידישער תפילה. האָבן מיר אָנגעהויבן וואַנדערן איבער די גאַסן און ליקעס, קליינע געסלעך, פון דער שטאָט כאַקול־אַבאַד, מיר האָבן זיך גלייך באַגעגנט מיט נאָך ביינערדיקע סקעלעטן, נאָר מיטן שיינעם גלאַנץ פון יידישע אויגן... אַזוי האָבן מיר זיך אַלע אַריינגעשפּאַרט אין דער בוכאַרער שול, זיך אָנגעהאַנגען אָן די ווענט און בענק.

די יום־טובדיקע עדה האָט אויפגעהויבן אויף אונדז פאַרחידושטע אויגן און געבליבן געפּלעפט. אַ ווייַלע איז אַנטשטאַנען אַ פאַרשטיינערטע שווייגעניש. די הערצער האָבן זיך ביי אונדז אָפּגעשטעלט. זיי, די בוכאַרער, האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן מיט זייער חזן, דעם ווייס־געקליידעטן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ נביא.

דער חזן האָט אָנגעשטעלט אויף אונדז אַ פּאָר ברייט־צעגלאָצטע אויגן און אַ זאָג געטאָן:

— ברוכים הבאים יהודים!

עס האָט עפּעס אַ צאַפּל געטאָן אין אונדז אַ טרער...

די מתפּללים האָבן צוגערוקט צו אונדז די מחזורים און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די תּפילות.

מיר האָבן אַראָפּגעלאָזן אונדזערע אויסגעדאַרטע, פאַרשרפּהטע פּנימער און געגומען אַריינקוקן אין די שוואַרץ באַצויגענע מחזורים. פון אונטער די ראש־השנהדיקע קלאַנגען האָט זיך, מעשה שטן, גענומען באַווייזן די היים און ווי אַ מאַגנעטיש־פעלד האָט עס גענומען ציען, ציען פון יעדער שורה, פון יעדער אות, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטוב־ווינקל: אָט איז אונדזער קינדער־צימער מיט די ווייסע, פּיקענע דעקעס איבער די בעטן, מיט די שיינע אויסגענייטע קישעלעך, די שאַפע מיט די ווייס־געפּרעסטע וועש, די ביכער און די בילדער אויף די ווענט, וואָס צויבערן אַזוי אַרויס צו מיר און איך האָב זיך אויפשטעלנדיק אָנגעהויבן סודען מיט זיי...

די מאַמע, אַ יום־טובדיקע, אַ שמייכלענדיקע, אין אַ בלאַנקענדיקער שטוב, אַ צעשמעקטע מיט פרישע געבעקס און פּירות; פאַרן גיין אין שול אַריין, בענטשן אונדז טאַטע־מאַמע און די גאַס ווערט פול מיט יום־טובדיקע יידן, וואָס ציען זיך צום דאַוונען; איך הער, דאַכט מיר, שופר־בלאָזן — דעם הייליקן שאַל־רוף! דאָס האַרץ קלאַפּט מיט אומרו, פאַר די אויגן שווינדלען, די שיינע, ברוינע קוילעטשער פונעם אויבנאָן־טיש...

מיין מויל, וואָס לעבט און שפּייזט זיך שוין פיר חדשים נאָר מיט הונדערט גראַם ווייץ אַ טאָג, מיט קאַלט, נישט געקאָכט וואַסער, איז פאַרלאָפן מיט אַ שליימיקן שפּייעכץ. פון מיין פּנים זענען אַראָפּגעפאַלן טרערן אויף דער פּרעס־ווייסער קאָפּ־טוך פון דער בוכאַרקע און פון דאָרט זיך געקייקלט אויף אונדזער בשותּפותדיקן מחזור, אַז די פּיס האָבן אָנגעהויבן ציטערן. פאַר די אויגן האָט זיך פאַרצויגן אַ נעפּל און איך האָב פאַרשטיקט זיך צעשריגן: מאַמע! מאַמע! מאַמע!...

די בוכאַרין האָט אויפגעהויבן אויף מיר אירע שיינע, שוואַרצע אויגן און מיט דער האַנט, האָט זי לייכט אַ גלעט געטאָן מיין ביינערדיקן אַקסל...

אַרום האָבן זיך געהערט געבראָכענע קרעכצן, די יידישע אַרבעטער

פון דער וואַטע־פאַבריק זענען געשטאַנען מיט פאַרשטייפטע פנימער און געקוקט צום חזן. דער לובלינער מיט די פאַרשלאָסענע אויגן, האָט זיך אָנגעשפאַרט אָן וואַנט און אויפן צאַרטן, בלאַסן פנים האָט געשוועבט עפּעס אַ חלום... די ווילנערין האָט זיך, מיטביידע הענט, אָנגעהאַלטן אָן מחזור און די סטאָרטשענדיקע קין־באַקן אירע, מיט דעם האַלב־אויסגעקראָכענעם פאַרגרויטן קאָפּ האָר, זענען אַראָפּגעהאָנגען איבער דער אויסגעדאַרטער, איינגעפאַלענער ברוסט.

צווישן די מתפּללים האָט זיך אַ רודער געטאָן. די תּפילות האָבן זיך אויף אַ ווײַלע ווי איבערגעריסן... די מחזורים זענען געשוווּמען, ווי אין טײַכן טרערן. נאָר ווען דעם אינזשיניערס פרידס פרוי, די שטאָלצע, שלאַנקע מאַריאַ האָט געחלשט, זענען די אוזבעקיש־בוכאַרער יידן אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער; עטלעכע פּאָר הענט האָבן זי אונטער־געכאַפּט, אַנדערע האָבן צוגעטראָגן חלשות־טראָפּנס, די מחזורים זענען אײַנזאַם געבליבן אויף די בענק, און זייערע אַרײַנדאַוונער האָבן מיט רחמנות־בליקן אַרומגערינגלט די אומגליקלעכע מחנה...

ווי פון אַ ווולקאַן האָט פּלוצלינג אויפגעריסן אַ שטורעם פון קרעכצן און ספּאַזמען, וואָס האָבן זיך צענויפגעגאָסן אין איין יאָמערלעכן געוואַלד: אַהיים, אַהיים, אַליים!!!

שלום עליכם ביי דער אַלטער דעניסאָוונאַ

דער פּייכטער, שנייאיקער פאַרנאַכט פון מיטל־אַזיע האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ לאַנגן, זיגזאַגיש־געדרייטן הויף, צווישן איין־שטאָקיקע, ווייסע טויערן. איך בין שטיין געבליבן און פאַרנומען דעם עכאָ פון די קלאַנגען, וואָס האָבן מיך צוגעצויגן צו אַ ברוינער, הילצערנער שטוב מיט אַ לאַנגן, אָפענעם גאַנעק.

פריילעכע געלעכטערס האָבן אַ שפּאַר געטאָן פון יענער זייט פענצטער און זיך צעשאָטן אין דער טונקעלער, נאַכטיקער לופט אַריין.

איך האָב אַן עפן געטאָן די שווערע, טונקעלע דאָפּלט־טיר. אַ געמישטע פאַרע פון ליכט און וואַרעמקייט האָט אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן און אַרומגעכאַפּט מיין געמיט.

אין אַן אומגעהויער גרויסן זאַל מיט ווייסע, געקאַלכטע ווענט, אויף אַן אַלטער הילצערנער דיל, שטייט אַ לאַנגער הילצערנער טיש מיט גלייכע, גראָבע פיס, וואָס דערמאָנט אַ פּרימיטיווע, דאָרפישע כאַטע פון אַ רייכן פּויער.

אַ גרויסער בליץ־לאָמפּ איבער אַ ווייסן, לייוונטענעם טישטוך צעשפּרייט אַ העלן שיין און באַלייכט די ביכער פון שלום עליכם אויפן טיש — איבערזעצט אין רוסיש.

אויבן אָן שטייט אַ יונג מיידל מיט פלאַקס־ווייסע האָר און האַלט אין מיטן לייענען „גאָזשיק“ („דאָס מעסערל“). דער געדיכטער עולם באַזעצט אַרום טיש, אַ געמישטער פון יידישע און רוסישע יונגע פּרויען, הערן און קייכן פון געלעכטער...

די שלאַנקע קאָמסאָמאָלקע קאַטיאַ, דערלאַנגט צום טיש דעם אַזיאַטישן, שווערן טשייניק און גיסט אָן פאַר יעדן הייסע, קאָכיקע טיי מיט צוקערלעך.

כאָטש די שטאָט נאַמאַנגאַן, ווי די גאַנצע רעפּובליק, איז אויסגע־ליידיקט פון אַלע בעסערע שפּייזן און עס פילט זיך דער מלחמה־הונגער, איז אָבער ביי דער אַלטער דעניסאָוונען פאַראַן כמעט אַלץ, אַ דאַנק דער טאָכטער, קאַטיען, וואָס אַרבעט אין אַ זייד־פאַבריק, אַלס הויפּט־בוכהאַלטערין און באַקומט איר גרויסן געהאַלט באַצאָלט אין שפּייז־פּראָדוקטן.

די פינף און זיבעציק־יאָריקע דעניסאָוונאַ, אַ קליינע, אַ מאָגערע און אַ פלינקע, באַקט דאָרט אין ווינקל, אונטערן פאַרהאַנג, לאַטקעס, רוסישע בלינעס און טראָגט זיי, שוועבנדיקע ממש, צום טיש, גלעטנדיק מיט אירע קליינע, גרויע, פלינק־באַוועגלעכע, וואַרעמע אויגן אַלעמענס לאַכעדיקע פּנימער.

די שטימונג איז אַ געהויבענע, אַ וואַרעמע און אַ געמיטלעכע. מען נאַשט צוקערלעך, מען זשלאָקעט דעם אוזבעקיש־גרינעם טיי און מען קוקט, אויף טוביה דעם מילכיקן, מיט לאַכעדיקע, דאַנקבאַרע אויגן.

עמעץ פון אונדז פאַרציט, שטיל פאַר זיך, דעם ניגון פון שלום־עליכמס איינציק ליד:

אין אַמעריקע איז דיין טאַטע
דיינער זונעניו,
ער וועט נעמען, לעבן זאָל ער,
אונדז אַהינצוצו...
דאָרטן עסט מען אין דערוואָכן
חלה זונעניו;
יאַיכלעך וועל איך דיר דאָרטן קאָכן,
שלאָף זשע שלאָף ליו־ליוליו!...

עס שאַרן זיך די גאָפּלען איבער די טעלער, עס קנאַקן צווישן די ווייסע, שטאַרקע ציין די געפּרעגלטע, ברוינע קאַרטאָפל־לאַטקעס, ווי חנוכה ביי אונדז אין דער היים, פון די קייענדיקע מיילער רייסן זיך האַסטיק אַרויס שטיקנדיקע געלעכטערס. ווער עס ענדיקט פריער — דערלאַנגט אַן אַנעקדאָט, אָדער אַ קורץ־שטיפעריש לידל, לאַכט מען ווידער, אויפן בוך פון אויסגעלייענטן מנחם מענדל.

דאָס געזעמל אַרום טיש, אַלע אויסגעוואָרצלטע פון זייערע היימען, אויסגעריסענע, אויסגעפליקטע און צעשליידערטע איבער דער פרעמד, ווי בלעטער אין שטורעם. פאַרוואָגלטע פון פוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, זענען דאָ איינזאַם. יעדער ראַנגלט זיך דאָ מיט זיין גרויזאַ־מען עלנט.

קיינער פון אונדז ווייס נישט, וואָס פאַר אַ גורל עס האָט אין דער אמתן געטראָפן זיין פאַרלאָזטע היים, ווייל מען גלויבט נישט אין די שרעקלעכע קלאַנגען, וואָס עס האָבן זיך פאַרשפּרייט, מען גלויבט נישט, וואָס די פאַשיסטן טוען אָפּ, דאָרט, אויף יענער זייט גרענעץ.

דער פינצטערער פאַשיזם, וואָס האָט פאַרפלייצט אייראָפּע מיט ימים בלוט פון מיליאַנען אומשולדיקע קרבנות, האָט אָפּגעשניטן אונדז אַלעמען פון דער אויסערלעכער וועלט, און ווו נאָר דער שטראָם האָט פאַרטראָגן די טויזנטער פליטים, האָבן זיי געזוכט דעם חסד פון אַ מענטשלעך־וואַרעמער באַנעמונג, און דאָ, ביי דעניסאָוונען, האָבן זיי אָפּגעזוכט דאָס וואַרעמע ווינקעלע; זיך געטוליעט, אין איינעם, אין אַלע שווערע מינוטן און במילא זיך געטיילט, מיט פייערלעכע שטימונגען.

די איצטיקע היים פון דער דעניסאָוונאַ, איז ווייט אַוועקגערוקט פון דעם וועלט־אומגליק. די לופט אַן אויסגעוואָרעמטע פון פריינדשאַפט, אַ צעשמעקטע מיט ריחות פון אַ פעטן אוקראַאינישן באָרשטש און אַ פאַרקלונגענע מיט פריידיקן הומאָרפולן געלעכטער. איז מען גוט אויפ־געלייגט. די בלאַסע, איינגעפאַלענע פנימער באַגאָסן מיט ראָזער פרישקייט און די פאַרטרויערטע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט מיט אַן אַמאָליקן יוגנט־ברען...

נאָר די צוויי האָבן זיך באַוועגט — די מאַמע און טאָכטער, אַרום דעם אורחים־טיש — ווי זוניקע פלאַנעטן, געוואָרעמט, געטרייסט יעדערן.

בעת קאַטיע האָט גערעדט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע, וועגן דער העלדישקייט פון דער סאָוועטישער יוגנט, וועגן די פאַשיסטישע חיות און וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון מענטשן און ישובים, ווייזנדיק דערביי מיט ציטערנדיקע הענט דאָס בילד פון איר יוגנט־חבר, דעם אויסגעצייכנטן העלד, וואָס ליגט איצט אין שפּיטאָל אַ פאַרוווּנדעטער,

איז די אַלטע פאַרשוווּנדן ערגעץ אין אַ ווייט ווינקל, ווו עס שטייען צוויי הילצערנע בעטן איבערגעדעקט מיט ווייסע שפּיצן־לײַלעכער און פון אונטער די לענגלעכע קישעלעך האָט זי עפּעס אַרויסגעצויגן און געקומען צו פליען, געשטעלט זיך ביים סאַמע לאָמפּ, אויפגעעפנט אַ קליין ספרל, ווי אַ תנכל און אין אַ פייערלעכן טאָן אָנגעהויבן לייענען די הייליקע שריפט פון עוואַנגעליע:

„און אַזוי האָט גאָט געזאָגט: גליקלעך זענען די דערשלאָגענע, בלויז זיי אַליין וועלן ירשנען דאָס גוטס פון דער ערד!".

און עפּעס, ווי וועלנדיק אילוסטרירן אירע טרייסט־ווערטער, האָבן זיך אירע קליינע, קיילעכדיקע אויגן פאַרגרעסערט מיט אַ געזאַנג פון שטילער באַגייסטערונג, ווי אין אַ תפילה, האָט זי צענויפגעלייגט אירע הענט און זיך אָנגעהויבן פּאַמעלעך, פּאַמעלעך דערוויטערן פון טיש, צענעמענדיק די הענט, צוקנאַקנדיק מיט די פינגער, שוועבנדיק לייכט, ווי אַ פויגל, איבער דער רחבותדיק־גרויסער שטוב אין אַזאַ ריטמישן טאַנץ — אין אַ גרויסן קרייז, אין קלענערע קרייזן, האָט דער קליינער גוף זיך באַוועגן אין דעם לאַנגן, ברייטן שוואַרצן קלייד, ווי אַ קינד אויף אַ מאַסקן־באַל, אינעם לבוש פון אַ באָבע. אָבער ווען זי איז איבערגעגאַנגען אין אַ קאַזאַטשאָק־טאַנץ, מיט אַלע לופטיקע און שפּרינגענדיקע באַוועגונגען, האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע אברים אירע האָבן זיך צעזונגען אין אַ געבעט, לויב, אַפילו אין אַ טענה, און צום סוף, האָט זיך איינגעשטעלט אין איר אַ גרויסע באַרואיקונג...

ביים „אינטערנאַציאָנאַלן" טיש האָט זיך איין משפּחה צערעדט, געפרעגט פּרייער שאלות און באַקומען תשובות, קודם ווער מען איז? פון וואַנען מען שטאַמט? דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ מבול פון היימישע דערמאָנונגען.

דערציילט פרוי מ. א., די מאַמע פון דער פופצן־יעריקער טאָכטער ש. פון פּינסק: אַלע קינדער זענען שוין דערוואַקסענע. די גרעסטע טייל פון זיי איז געווען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער רוסישער און פּוילישער אימפּעריע. ווער אַ לערער, ווער אַ בוכהאַלטער, ווער אין דער ישיבה, אָדער געהאַלטן אין מיטן שטודירן, ווער ביי טעכנישער אַרבעט,

צי אויף פּאַרטייאישע שליחותן. דאָס גאַנצע קיילעכדיקע יאָר האָט מען געלעבט מיט קאָרעספּאָנדענץ. די בענקשאַפט פון די עלטערן צו די קינדער און ליבשאַפט פון די קינדער צו די עלטערן איז געווען נישט באַגרייפלעך. אָבער צו אַ יום־טוב זענען זיך אַלע צענויפגעקומען. יעדער פון זיי האָט געבראַכט זיין מתנה. דאָס שענסטע פון אַלץ — אַ נו, טרעפט, וואָס פאַר אַ מתנה? — און האָט אַ לייג געטאָן די האַנט אויף די ביכער.

אַלע האָבן זי אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט.

— אָ, איך ווייס! — האָט שרהלע, די וואָלינערין, אַ זאָג געטאָן שמייכלענדיק מיט אירע טיפע, בלויע אויגן און צאַרטן זיסן פּנים — שלום־עליכם!

— מיין עלטערער ברודער, זיירל, וואָס האָט געאַרבעט אין וואַרשע אין דער קאַפּלאַן־שול, אַלס לערער, פלעגט יעדעס יאָר ברענגען מיט זיך דווקא די ווערק פון שלום־עליכם! — — —

...אין שטוב איז ליכטיק, וואַרעם און זויבער. אַלע אָנגעטאָן יום־טובדיק, דער ווייס־סערווירטער טיש איז פול מיט געשמאַקע מאכלים. די טאַטע־מאַמע זיצן אויבן אָן. קוקן און שעפּן נחת פון די קינדער, וואָס וואַקסן, ווי די בוימער און בלומען און יעדעס קינד דערציילט פון דער גרויסער וועלט און זיינע הצלחות. דעמאָלט פלעגט מיין ברודער נעמען לייענען אַ בוך.

עס הויבט זיך אָן דאָס שטילע געלעכטער. דער ערנסטער טאַטע שמייכלט קוים. וואָס ווייטער, שטאַרקט זיך דאָס געלעכטער העכער און העכער, ביזביים טאַטן באַווייזן זיך טרערן, און די שטוב ווערט פאַר־וואַנדלט אין איין גרויסן יום־טוב פון פרייד און געלעכטער.

צעשאַ, די וואַרשעווערין פון דער טוואַרדע גאַס, גיט זיך נערוועז אַ הויב אויף, צעעפנט אירע טיף־שוואַרצע, גרויס־רונדיקע אויגן, טוט אַ בליץ מיט זיי איבער די קעפּ פון די זיצנדיקע. אירע פיינע, דינע ליפּן באַוועגן זיך קוים, ווי אין אַ שטילן ציטער; זי זעצט זיך און הויבט זיך ווידער אויף און נעמט רעדן אויף פויליש:

— מיין טאַטע איז געווען אַ פאַרוואַלטער פון דער וואַרשעווער תלמוד תורה. מיר האָבן באַקומען אַ יידיש־נאַציאָנאַלע דערציאונג. אין

די אַלע שולן, ווו איך האָב געלערנט, איז די אונטערריכט־שפּראַך געווען פּויליש און העברעאיש, (די מאָסקווערין, מיטן פּאַרריסענעם נעזל און אויפגעהויבענער אויבערשטער ליפּ, האָט קנייטשנדיק דעם שטערן פּאַר־זשמורעט בעת מעשה די גרוי־גרינלעכע אויגן מיט אַ גרימאַסע פון ווידערשפּעניקייט) — אָבער — זעצט צעשע פאָר — אַז די יידישע קולטור האָט זיך אין פּוילן אַזוי שטאַרק צעוואַקסן און איז אַריינגע־דרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן, האָב איך אָנגעהויבן צו באַזוכן יידיש טעאַטער. ביז איך בין געוואָרן די פרייע צוהערערין פון יידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט. פון דאַן אָן פאַרגעטער איך דעם גאון פון יידישן הומאָר — שלום־עליכם.

קיינער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר שיינעם קלאַ־סישן פּנים, בלויז פויגעלע די ביאַליסטאָקערין, און נעמי, די לובלינערין, זענען געזעסן האַנט אין האַנט פאַרשטייפט, די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, שטאַרק פאַרטראַכט.

די יונגע טאַטערין, טאַטיאַנאַ, מיט די שמאָלע, טונקעלע אויגן, וואָס האָט געקוקט צעשען אין פּנים אַריין, נישט פאַרשטייענדיק זי, האָט אַלע ווײלע געפרעגט, ביי דער אוקראַינערין פון קיעוו, די, וואָס האָט נאָך אַלץ געטראָגן די פאַרעלטערטע, אויסגענייטע נאַציאָנאַלע בלוזע — וואָס זאָגט זי?

פּאַמעלעך האָבן זיך געבילדעט באַזונדערע גרופּקעלעך, יעדע אויף איר שפּראַך.

דעניסאָוונאַ, נישט פאַרשטייענדיק קיין יידיש, האָט זיך ווי געפילט שולדיק, קוקנדיק אַלעמען אין די אויגן, האָט זי זיך פּלוצלינג אָנגערופן:

— מיינט נישט, קינדערלעך, אַז נאָר איר זענט פּליטים און אַז איר געפינט זיך ביי אַ שטוב־ווירטין! ניין, מיר זענען גלייך ווי איר פּליטים... צו אייך איז געקומען אַ פרעמדער אכזר און אייך צעבראָכן אייערע לעבנס, מיט אונדז אָבער איז געשען אַן ערגערע טראַגעדיע: אונדזערע פאָלקס־פירער האָבן אונדז פאַרטריבן פון אונדזער שטוב, גאָרטן און פעלד, פון אונדזער דאָרף אַק... פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַר וועל־כע זינד?...

— געווען זענען מיר ערלעכע מוזשיקעס — האָט זי ווייטער גע־רעדט — מיר האָבן הונדערטער יאָרן אַליין באַאַרבעט אונדזערע פעלדער און געווען זענען מיר זייער אַ גרויסע משפחה; מיר האָבן געלעבט לאַנג, זייער לאַנג, אָט זעט — איך בין אַלט פינף און זיבעציק יאָר, מיין טאַטע האָט געלעבט הונדערט איין און צוואַנציק יאָר, מיין זיידע — הונדערט פינף און פערציק, די עלטער־עלטער זיידעס — אויך מן הסתם אַזוי. אַלע האָבן געהאַט אַ סך קינדער און אייניקלעך, אור־אייניק־לעך אַ סך, אַ סך! איז דער גאַנצער דאָרף געווען בלויז פאַר אונדזערע משפחות, מיר האָבן אַליין געזייט, געאַקערט, געבראַנעוועט, געפלאַנצט און געגעסן אונדזער אייגן ראַזאָוואַנעם ברויט, אונדזער פראַצע און שווייס. אונדזערע זין זענען געגאַנגען אין דער אַרמיי גלייך ווי אַלע אַנדערע. איין זון מיינער איז דאָך שוין געפאַלן, דער צווייטער — ווער ווייס ווו ער געפינט זיך איצט?... און ווייל אונדזער גורל איז אַזוי עלנט, טאָ לאָמיר העלפן איינער דעם צווייטן, ביז די מענטשן וועלן זיך באַזינען און בעסער ווערן, און וועלן אָפּטאָן פון זיך דאָס שלעכטס...

יעדער האָט געוואָלט זיצן נעבן איר. זי אָבער האָט געוואָלט זיין אַלעמענס. איז זי געשטאַנען. די הענט אַראָפּגעלאָזט מאַכטלאָז. אין ברייטן שוואַרצן קלייד, ווי אין אַ וואָלקן געהילט. די גרויסע אויגן אירע, ווי פאַרנאַכטיקע האַרבסטיקע הימלען, פון צייט צו צייט, צעגלאַנצטע מיט אַ פאַרלאָפּענער טרער...

קאַטיע איז געשטאַנען אַ בלאַסע, אויף איר פנים אַ שאָטן פון גע־ראַנגל. אַלע האָבן זי פאַרשטאַנען און ביטער געשוויגן...

מיט אַ מאָל האָט זיך אויפגעשטעלט סאָפיע אַגדרייעוונאַ, די יונגע קאַווקאַזערין, מיט אַ פּנים צעשטראַלט פון האָפענונג, די גרויסע, בלויע לייכטנדיקע אויגן געווענדט צו יענער זייט:

— מוטערל דעניסאָוונאַ! דערציילט אונדז בעסער פון דיינע אבות, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געלעבט.

דעניסאָוונאַ האָט שטיל אַ צאַפּל געטאָן, אירע אויגן־אַפּלען האָבן זיך גענומען שנעלער באַוועגן, זוכנדיק אַן אויסוועג פון אירע טרויעריקע

מחשבות, האָט זי אויפגעהויבן איר רעכטע האַנט, ווי איר שטייגער איז, און אָנגעהויבן:

— גוט! איך וועל אייך דערציילן, ווי אַזוי מיין זיידע איז אַוועק צו גאָט.

...געווען איז מיין זיידע, דאַנילאָ, אַ געזונטער, אַ הויכער, זייער אַ שטאַרקער מאַן. געהאַט האָט ער פיר ווייבער. די ערשטע האָט אַ זון געבוירן און פון אַ קימפעט געשטאָרבן. די צווייטע — זיבן. אַ שלאַנג האָט זי אין פעלד צוביסן. די דריטע האָט אים געבוירן צען קינדער. און איין מאָל, אין אַ ווינטערדיקער זאַוויערוכע, איז זי פאַרפרוירן געוואָרן, בלאָנדזשענדיק אין די וועלדער, בעת זי איז געגאַנגען צו איר מאַמען אין אַ וויטן דאָרף אַריין.

— די פערטע ווייב — דאָס איז מיין באָבע מאַריאַ, וואָס האָט אויך געבוירן דעם זיידן קינדער. וויפל? ווייס איך אַליין נישט! איך געדענק נישט. כ׳ווייס נאָר, אַז זי האָט שוין אים איבערגעלעבט.

איין מאָל, געווען איז עס שוין אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן, איז ער, ווי אַלע טאָג, געשטאַנען אין גאָרטן. פאַר זון־אונטערגאַנג, איז פון זיינע הענט פלוצלינג אַרויסגעפאַלן דער רידל. איז ער שטיין גע־בליבן. פאַרטראַכט זיך; דערנאָך מיט ברייטע טריט געגאַנגען צו זיין לאַנגער כאַטע, וואָס איז געווען באַוווינט מיט אַ סך משפחות, זיך גע־שטעלט אויפן שוועל און קורץ אַ זאָג געטאָן צו דער באָבען: הער, אַלטע! גיי אין פעלד און רוף אַהער אַלעמען... דערנאָך געלייגט זיך אויפן בעט.

באַלד איז די גרויסע משפחה זיך צונויפגעקומען, אָנגעפילט אַלע שטיבער, די אַרומיקע הויפן און גערטנער. די באָבע האָט געעפנט אַלע קליינע פענצטערלעך, אַלע זאָלן אים קענען זען און הערן. האָט מיין זיידע זיך געזעצט אויף דער ברייטער, הילצערנער בעט, צוגערופן זיין עלטסטן זון און צו אים אַזוי געזאָגט:

— כוועדאָר, מיין זון! דיר זאָל געהערן די גרעסטע טייל פון די פעלדער מיטן וואַלד צוזאַמען, ווייל דו האָסט דער ערשטער באַאַרבעט די ווילדע, שטיינערנע ערד...

— און דו, מיין צווייטער זון, וואַצלאַ! וועסט ירשנען די צווייטע זייט, פון דער פּאַשע־לאַנקע, ווייל דו האָסט מיר אויסגעפּיטערט אַלע פערד און אָקסן.

— דו, מיין דריטער זון, ריצקאַ! האָסט דאָך צוגעשטעלט פאַר אונדז אַלעמען פיש, טאָ זאָלן פאַר דיר בלייבן אַלע סאַזשעלקעס.

— דו, מיין פערטער זון, ניקאָלאַי! האָסט אונדז אַלעמען פאַרזיסט די קאַשע מיט האָניק, טאָ זאָלן פאַר דיר בלייבן די בינשטאָקן.

— מיט די גרינס און פּרוכט־גערטנער זאָלן זיך די איבעריקע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, איינטיילן אין גלייכע חלקים.

— פאַרן ווייב מיט די טעכטער — די גאַנצע שטוביקע ווירטשאַפט: די מעלקעדיקע קי, חזרים, געענדז, הינער, קאַטשקעס, טויבן, די שטוב, קלאַדאָווקעס, שייערן און קעלערן. און מיט דעם אַלעמען גיב איך אייך מיין ברכה: איר זאָלט זיך מערן און נישט אַרויס פון די דאָרפישע מחיצות.

דערנאָך האָט ער אַ געשריי געטאָן: העי, אַלטע! דערלאַנג מיר דיין טיכל! — און ער האָט זיך גענומען וואַרגן. האָט די באָבע אַראָפּגענומען פון קאָפּ די רויטע, געבלומטע טיכל, און ער האָט דאָס טיכל אויסגע־שפּרייט אויפן אַלטן טיש, אַריינגעטאָן די האַנט אין מויל אַריין. אַרויס־גענומען אַ צאָן און אַוועקגעלייגט אויפן טיכל; ווידער אַ מאָל, אַריינגעטאָן די האַנט אין מויל און אַרויסגענומען אַ צווייטן צאָן, און אַזוי, ביז אַלע ציין, אָן אַ טראָפּן בלוט, זענען געלעגן אויפן טיש. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום וואַנט און איינגעשלאָפן...

אַזוי איז מיין זיידע, דאַנילאַ, געשטאָרבן.

אַלע צוהערער, מיט אָפענע מיילער און ברייט־צעעפנטע אויגן האָבן זיך ווי אָפּגעריסן פון זייער צוגעשמידטער פאַרטראַכטקייט. ווען דעני־סאָוונאַ האָט פאַרענדיקט דאָס דערציילן, זענען זיי אויפגעשפּרונגען און זי אַרומגערינגלט. ווער ס'האָט איר געגלעט, ווער ס'האָט גערעדט צו איר מיט צערטלעכקייט און ווער ס'האָט איר געקושט.

— איך ווינטש אייך און לאָמיר טאַקע האָפן — האָט צום סוף געזאָגט דעניסאָוונאַ, — אַז איך זאָל פון אייך אַלעמען דערלעבן נחת; דער שלום

זאָל זיך אומקערן צו אונדזער וועלט, איר זאָלט זיך אומקערן צו אייערע משפחות, צו אייערע היימען און ווידער אַמאָל פייערן פריילעכע אָוונטן, געווידמעט דעם באַליבטן שרייבער שלום־עליכם!

— הוראַ! — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען.

איינע, אַ שוואַרצינקע, מיט געקרייזלטע האָר, אַ באַוועגלעכע ווי אַ זומער־זשוקעלע, האָט אַ שווער געטאָן אין דער לופטן, אַ שפרונג געטאָן אויפן שטול און טופּענדיק מיט די צעריסענע שיך, פּאַטשנדיק מיט די קליינע, דאַרע הענטלעך, בעת די לעבעדיקע טונקעלע אויגעלעך האָבן געפינקלט, האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ צעגלעקלטער שטים:

— לאָמיר אַלע, אַלע אין איינעם, דעניסאָווען מקבל פנים זיין! לאָמיר אַלע, אַלע אין איינעם, קאַטיען מקבל פנים זיין!

פייגעלע און נעמי, אין די פאַרלאַטעטע, אָפּגעקראָכענע קליידער, וואָס זענען אַ גאַנצן אָוונט געזעסן פאַרשטאַרט און פאַרפרעמדט, האָבן דער־וואַכט און גענומען לעבהאַפט זינגען:

— עוד לא עבדה תקותנו... עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צום געזאַנג נאָך אַ סך שטימען און אַ גאַנצער יידישער כאָר האָט אין ציטערדיקער בענקשאַפט, זיך צונויפגעגאָסן אין אַ שטייגנדיקער האָפענונג אויף ווידער־אויפלעבונג...

קאַטיאַ, אַ צעלויכטענע, ווי אַ העל־שוועבנדיקע טויב, מיט אירע חן־גריבעלעך אין צאַרטן פנים, האָט שמייכלענדיק, אויסגעצויגן חבריש אירע וואַרעמע הענט און אַרום דער מאַמען אייגגעשלאָסן אַ טאַנצנדיקן קאַראַהאָד...

און זי, דעניסאָווגאַ, אויף די שפּיץ־פינגער, קנאַקנדיק מיט ביידע הענט, האָט געשוועבט ווי אַ פויגל אין מיטן קאַראַהאָד פון דער פּליטים־משפחה, וואָס האָט צום סוף אויפגעזונגען מיט גרויס התלהבות דעם אינטערנאַציאָנאַל — — —

שטייט אויף, איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן,
פון הונגער, עלנט, נויט און פּיין!...

אין די שפּעטיקע שעהן, צעקושנדיק זיך, האָט די פאַרשנייטע ווינטער־נאַכט באַגלייט אונדז אַלעמען צום ווייטערן עלנט און וואָגל.

די וואַנט

...און געלאָפן זענען טראַנספּאָרטן, איינער נאָכן אַנדערן, אין ווילדן גאַלאָפּ אין שוואַרצע, שאָטנדיקע נעכט, ווי געטריבן פון בייזע גע־שפּענסטער.

בעת סמאַליענדיקע פרעסט, אַנטלויפנדיק פון רויבער־באַנדעס, זענען מיר געזעסן און געשטאַנען אין די ענגע אויטאָ־מאַשינען, קאָפּ אויף קאָפּ, מענטש אויף מענטש, ווי די איינגעפּרעסטע הערינג, אונטער די פאַר־שטיקטע קרעכצן און פרויען־היסטעריעס.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען אויף דער עסטרייכישער באַפרייטער ערד, דורך וואַנען מיר האָבן געדאַרפט ווייטער ציען אונדזער וואַנדער־וועג.

ווען מיר זענען געבראַכט געוואָרן קיין ווין, דער הויפּטשטאָט פון עסטרייך, האָבן מיר געזען אַזאַ בילד:

דורך אַ גרויסן, צעעפנטן טויער, וואָס פירט צו הויף־שטיגן, לענג אויס דעם פּאַרטער, האָבן מיר אָנגעטראָפן אַלטע, פאַרלאָזטע צימערן, אָן טירן און אָן פענצטער. דורך די פאַרקלאַפּטע אייזערנע קראַטעס האָט געשלאָגן אַ שווערער גערוך פון פייכטקייט. אויף דער ערד, וווּ עס האָבן זיך געוואַלגערט קופּעס מיסט, זענען געלעגן און געזעסן מענטשן־סילועטן און שטיל געקרעכצט.

מאַטע, מאַגערע ליכט־פּאַסן פונעם גרויען ווינטער־הימל, האָבן בלאַס באַלויכטן דעם דאָזיקן קלאָגעדיקן געצעלט, וואָס האָט דערמאָנט אין קאַזאַמאַטן, וווּ שווערע פאַרברעכער מוזן אָפּקומען זייער שטראָף.

כאָטש מיר זענען אַלע צוזאַמען געווען, איז יעדערער געווען אַליין, איינער פון אַ משפּחה, איינער פון אַ קהילה, איינער פון אַ שטאָט, אַפילו פון אַ גאַנצן קרייז פּראָווינץ־שטעט.

די פאַרשידנפאַרביקייט פון דער הלבשה, די אומבאַקאַנטע טיפּן, די

אַנדערשקייט פון קלאַנג און שפּראַכן־דיאַלעקט, האָט אונדז ווייט אַיועקגערוקט אין דמיון איינעם פון אַנדערן און אַ גרויסע פּאַריתומטע עלנטקייט האָט אונדז אַרומגענומען.

נאָר די פרעמדע טעריטאָריע, די גרויסע, אומבאַקאַנטע וועלט — ווין, די שווערע איינזאַמקייט און דער אומבאַוווּסטער גורל פון דער ווייטערער וואַנדערונג, האָט אונדז ווי צונויפגעשמידט אין איין אומגליקלעכער מאַסע, פאַרפּרוירענע, הונגעריקע, מיט צעווייטיקטע גלידער, מיט פאַרשוואָלענע פיס. אין גרויליקער שטיינונג זענען מיר געשטאַנען און שווייגנדיק אָנגעקוקט דעם חורבן, די לעבעדיקע קרבנות, וואָס זיצן דאָ פאַרמיסטיקטע אין די שמוציקע פאַרטער־צימערן, מיט די צעריסענע הויזנס פּאַפּיר, שאָלעכצן און אָנגעוואָרפענע קאָנסערוון־פּושקעס, וואָס דערמאָנען, אַז גאָר נישט לאַנג האָבן דאָ געגעסטעט גאַנצע גרופּעס וואַנדער־מחנות, יענע דאָרטן, ווי זיי דאָ — די ווייַנענדיקע פון נעכטן, ווי מיר — די פאַרמאַטערטע פון היינט, און ווי יענע טויזנטער וואָגלער, וואָס וועלן אין די קומענדיקע טעג קומען נאָך אונדז...

אָט די דאָזיקע טונקעלע ווענט האָבן אַרייַנגעזאַפּט אין זיך אַזוי פיל טרערן, די שטיקנדיקע לופט איז דאָ געווען אָנגעפּילט מיט אַזוי פיל בענקשאַפט, וואָס פרעסט דאָס געמיט, שטיקט דאָס האַרץ און צערייסט די נשמה אויף שטיקער...

— וואָס אַזוינס איז דאָרט געשריבן? — האָט פלוצלינג נערוועז אויסגעשריען אַ בלאַסער יונגערמאַן, ציטערנדיק פאַר קעלט, ווי אַ בלאַט אין האַרבסט.

פאַר אונדזערע אויגן זענען אויסגעוואַקסן קלענערע און גרעסערע ווערטער, שורות און גאַנצע זאַצן, געשריבן מיט טינט און אַלערליי בליי־פאַרבן, אין פאַרשידענע שפּראַכן: יידיש, העברעאיש, פּויליש, רוסיש, פראַנצויזיש, אַפילו אין ענגליש.

אַ געדרודער, אַ נערוועזער ציטער איז אַדורך דעם לייב, ווי שרפהדיקע קראַפּיווע.

מיר לייענען: „ברידער יידן! זייט וויסן, אַז מיר, אַ גרופּע אַרבעטער פון פּינסקער שוועבל־פאַבריק לעבן". און ווידער: „מיר זענען אַנטלאָפענע

פון געטאָ וואַרשע״. און נאָך: „מיר זוכן אונדזערע משפּחות און פרײַנד פון ביאַליסטאָק, ברידער בעלסקי״. און אָט: „איך בעט, אַז ווער עס ווייס עמעצן באַגעגענען פון בריסק, זאָל דערציילן, אַז איך בין אַליין געבליבן — נעמי״. „איך זוך מײַנע ברידער און שוועסטער און אַלטן זיידן — אסתר שוואַרץ״. „איך קום פון טרעבלינקע, ווער עס ווייסט פון מײַנע ברידער, און שוועסטער מיט איר מאַן גבריאל, זאָל זיי זאָגן, אַז מײַן טאַטע־מאַמע מיט די ברידערלעך האָבן די היטלעריסטן פאַר מײַנע אויגן אַרײַנוואָרפן אין פײַער, איך האָב דעם ס.ס.־מאַן אויסגעהאַקט די ציין און אַנטלאָפן — בערקע שטיין״. „איך קום פון די פּאַרטיזאַנער, מײַן עלטערן ברודער מיט דער מאַמען האָבן די אוקראַיִנער דערהרגעט, דעם טאַטן האָט אַ לעט צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, מײַן שוועסטער איז דורך די פאַשיסטן ערגעץ פאַרשלעפּט געוואָרן, מײַן שוואָגער איז געפאַלן בײַם אויפרײַס פון אַ מינע, דעם זיידן האָב איך נאָך באַוויזן צו ברענגען צו קבר ישראל, איך מיט צוויי פּאַרטיזאַנער זענען מיר אַנטלאָפן — מ. טאַס״. „איך פאָר פון סיביר, בײַם האַקן אַ יואַלד, צוזאַמען מיט נאָך פאַרשיקטע פון אונדזער שטאָט איז דערהרגעט געוואָרן מײַן ברודער חיים, טאַטע־מאַמע מײַנע זענען געשטאָרבן פון דיזענטעריע — משה כוואַט״. „אין אוזבעקיסטאַן איז געשטאָרבן מײַן מאַמע און מײַן אַכצן־יאָריקע שוועסטער בעלאַ, וואָס איר חתן איז געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד אין מערב־אוקראַיִנע — אומגליקלעכע חנה מלכה״. „איך בין אַליין. נישט נאָר די גאַנצע משפּחה מײַנע איז אומגעקומען, נאָר אַפילו קיין איין חבר האָב איך שוין נישט מער!... אין קאַצעט בײַ דער צוואַנגס־אַרבעט, האָב איך נאָר געחלומט פון איין זאַך: כ׳זאָל דערלעבן קומען קיין ארץ־ישראל און כאָטש איך בין שוין אַן אינוואַליד, וועל איך אַפילו מיט איין האַנט העלפן בויען די נײַע היים פאַר די אומגליקלעכע שוועסטער און ברידער פון מײַן פאָלק, אַ היים פאַר יידן — משה רודניער״.

און אַזוי לייענען מיר ווײַטער און ווײַטער, אומדערמידלעך און אָן אַ סוף. עס בליצט מיט ווערטער און שורות, עס שטראַלט מיט נעמען, געדאַנקען און געפילן; עס שײַנען פּאַסעקלעך, פּינטעלעך און שטריכעלעך, וואָס שלענגלען זיך אין דער ברייט און לענג פון דער וואַנט, פון סאַמע

אויבן ביז העט אונטן; רויטע, בלויע און שוואַרצע צייכנס, ווי אַ ים פון פייערווערק, וואָס איז געשריבן מיט דעם בלוט פון דער שארית־הפליטה, מיט צער און בענקשאַפט...

די וואַנט, וואָס טראָגט אויף זיך די הייליקע נעמען פון פאָלקס־מאַרטירער, האָט אויך אין זיך איינגעזאַפּט דעם טרויער פון פאָלקס־אומקום. זי שוועבט, זי וויבּרירט פאַר די אויגן, ווי הייליק געשריבענע לוחות מיטן שטעמפּל פון זעקס מיליאָן קדושים.

די פאַרפרוירענע מחנה יידן, אַנטלויפנדיק פון פאָלקס־חורבן דורך פרעמדע, אומבאַקאַנטע וועגן און שליאַכן, האָבן איצט שוין לאַנג פאַר־געסן זייער הונגער און מידקייט, מיט ווילד צעכראַסטשעטע הערצער, צופאַלנדיק צו דער וואַנט מיט אַ שווער־סאָפּענדיקן אָטעם, אַרונטער־וואַרפנדיק פון זיך די מאַנטלען מיט די ווינטער־טיכער, שטייען זיי אַלע, ווי די אָנגעצונדענע הבדלות און ברענען מיט פלאַם־פייערדיקע פנימער, און אָנגעצונדענע בליקן. די קעפּ פאַרריסן אין דער הויך, מיט אָנגע־שטרענגט־פאַרריסענע שטערנס, האָבן זיי זיך איינגעזויגן אין די ווענט — געזוכט און געטישטערט, גערעדט צו זיך אַליין, געמורמלט און געפּליס־טערט, געשאַרט, געטאַפּט בלינד און געגראַבלט אין די ווינקעלעך, און הייסע טרערן זענען געפלאָסן ריטשקעסווייז איבער די יונג־צעקנייטשטע קין־באַקן, איבער די הענט און מלבושים און מיט טרערן־פייכטע פינגער האָבן זיי געווישט, געוואַשן די אָפּגעקראָכענע אותיות, וואָס אונטער דעם שטויב, האָבן זיי אויסגעזען ווי אַלטע, גאָלדענע מטבעות, וואָס נאָכן אָנווערן זייער ווערט זענען זיי נאָך טייערער געוואָרן...

— ברידער, אָט האָט איר אונדזערע אָקסלען! — האָבן די מענער אַ זאָג געטאָן.

באַלד זענען אויף די ברייטע אונטערגעשטעלטע פּלייצעס, אַרויפגע־שפּרונגען עטלעכע אויסגעדאַרטע יוגנטלעכע און איבער זיי נאָך אַ שורה — אַ לעבעדיקע מענטשן־פּיראַמידע. דאָ האָבן די גאַנצע מחנה יידן זיך פאַראייניקט, יונג און אַלט, פרויען און מענער, מיט דער וואַנט, פון סאַמע אויבן, פון וואַנען ס'האָבן זיך צעפינקלט די ערשטע שורות.

התפּעלותדיקע, שטומע דערוואַרטונג... געדאַכט האָט זיך, אַז די

וואַנט אָטעמט איצט מיט צער און צאָרן. די ווערטער — רעדנדיקע ליפּן. די שורות — הענט, וואָס ציען זיך, שפּרייטן זיך אויס מיט טענה און געבעט...

הייליק־הויך האָט אין דער אָטעמדיקער שטילקייט אָפּגעקלונגען יעדעס וואָרט, יעדע דערמאָנונג און יעדער נאָמען. און דערפרייטע בשורות האָבן זיך צעקלונגען פאַר די פאַראייניזאַמטע: „אברהמל, שרה, ארטשע, און לאה, מיר פאָרן אָפּ נאָך איטאַליע, פון דאָרטן שיפן מיר אָפּ קיין ארץ־ישראל — אונדזער היימלאַנד!"...

הייליק באַגייסטערטע אויסגעשרייען פאָלגן נאָך: „אוי קינדערלעך! זייט לעבן דאָך! זייט לעבן דאָך!"... פאַלט מען זיך אין די אָרעמס, קושט מען זיך, אַקסלען ציטערן, אויגן וויינען...

ווי אַ שטילער שאָטן שלייכט אַרום אַ פרוי מיט אַ שטילן בכבודיקן פנים און מיט גרויע האָר. די הענט פאַרבראָכן, שפּאַנט זי, ווי געטריבן פון אינערלעכן אומרו, פון ווינקל צו ווינקל, גלאָצנדיק מיט די גרויסע, טונקעלע אויגן, פול מיט פחד און טרויער, פליסטערט זי שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— מער קיינער נישטאָ פון מיינע קינדער, אין ערגעץ זענען זיי נישטאָ! גלייך קיינער וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען!...

„ברידער יידן — לייענען מיר — אַז איר וועט באַגעגענען ערגעץ מיין מאַמען, זאָגט איר, אַז איך בין עולה אין אונדזער לאַנד, איך בין עולה קיין ארץ־ישראל! — מאָטל".

— אוי, מאָטעלע! זון מיינער! אוצר מיינער! נאָך מיין קאָפּ זאָלסטו בלייבן! — איז פון דער טונקל ערגעץ־ווו אַרויסגעלאָפן אַ פרוי, וואָס איז געזעסן אויף אַ באַרג שמאַטעס, מיט אַ צעפלאָשעטן קאָפּ האָר. זי האָט אַרומגענומען די האַלב־קיילעכדיקע וואַנט, צוגעדריקט די ברענענדיקע ליפּן אין אַ הייס־קלינגענדיקן קוש, אַרויסגעלאָזט אַ היסטעריש ווילדן געשריי און געפאַלן אין חלשות...

און אַלע צוזאַמען — די נעכטן־געקומענע און די הייַנטיקע — האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין צעבראָכענע, יאָמערדיקע משפחה, וואָס האָט אין אַ נייער תפילה מתפלל געווען ביי אַ נייעם כותל־המערבי, אַז

עדה, וואָס האָט אין אַ גרויזאַמען עלנט פאַרלוירן איר גאַט און איר גלויבן, אַן עדה, וואָס פאַרלירנדיק דעם באָדן אונטער די פיס, האָט זיך געקלאַמערט אין רוים פון בענקשאַפט און ביטערער פאַרצווייפלונג....

די וואַנט דאָ, האָט ווי דער הייליקסטער געשיכטלעכער עדות דער־ציילט וועגן דעם אומקום פון דאָס טייערסטע אויף דער וועלט: ווייב און קינד, טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, וועגן אומקום פון פאָלק, וואָס האָט אין זיינע טויזנטער וואַנדערונגען פאַראייביקט זיין געשיכטע, דאָס זעקס מיליאָניקע פאָלק, וואָס האָט געשענקט דער וועלט ליכט און קולטור...

איז אָט די פליטים־וואַנט אויסגעוואַקסן אין אַ נייעם כותל־המערבי. גלייך ווי דער ערשטער כותל־המערבי דערציילט פון ערשטן חורבן אויף ישראלס ערד, דערציילט די צווייטע פון לעצטן חורבן אויף גלות־ערד...

— — — — פלוצלינג איז ווי אַ שטורעם אַריינגעפלויגן אַ בראַוער יאַט פון דער „בריחה" און מיט אַ ליכטיקן פנים פון אַ העלדישן ייד דערלאַנגט אַ באַפעל:

— שנעלער זיך צוזאַמענעמען! די מאַשינען וואַרטן!

די פּליטים־קיך אין ווין

מיר געפינען זיך שוין אין אַ דריי־שטאָקיקן בנין, וואָס די „סוכנות" האָט באַזאָרגט פאַר אַלע פּליטים פון דער שארית הפליטה. מיר האָבן זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק, קיבוצים — אויפן צווייטן שטאָק און מוטערס מיט קליינע קינדער — גאַנץ אויבן. אונטן האָט זיך געפונען אַ גרויסער, ליידיקער צימער מיט אַ שוואַרצן, צעמענטירטן דיל. דאָרט איז אויך געשטאַנען אַ גרויסע פּליטע צום קאָכן.

לויט די אינסטרוקציעס און פאַראָרדענונגען, האָט יעדער געהאַט דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיט דער קיך, חוץ די אַלגעמיינע „אונרא"־באַשפּייזונג, וואָס איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען פון קאָנסערוון מיט מאָגערע פּערל־גרויפּן־זופּ און צוויי מאָל אין טאָג שוואַרצע קאַווע און מילך — אַ צוגאָב פאַר קינדער און קראַנקע. געווען אָבער אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט פּערזענלעכע פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן, האָבן זיי זיך אין שטאָט געקויפט, אויפן אייגענעם חשבון, פּראָדוקטן און אַליין געקאָכט. כדאי צו באַמערקן, אַז צווישן די פּליטים־וואָגלער, האָבן זיך דורכגעשמוגלט פאַרשידענע טונקעלע פאַרשוינען, וואָס האָבן געשוואַרצט די גרענעצן פון פאַרשידענע לענדער און אויפן חשבון פון די אומגליקלעכע, האָבן זיי געקויפט און פאַרקויפט פאַרבאָטענע סחורות, וואָס זענען ביי יענע מהומה־באַדינגונגען נישט געווען בנמצא. זיי זענען רייך געוואָרן און געפירט אַ הולטייסקן לעבן...

דער אַריינגאַנג אין קיך, דורכן הויף, איז געווען אָפן פון פרי ביז ביינאַכט. ביי זייטיקע סקלאַדעס זענען פאַרשטעקט געווען אויך מכשירים פאַר וועש־וואַשן, אָבער צו וואַשן אין קיך ביי די וואַסער־קראַנען איז געווען פאַרבאָטן.

ביי די צוזאַמענטרעפן פון דער געמישטער מחנה, האָט זיך אָפּגע־

שפּיגלט, אין מיניאַטור, דאָס גאַנצע נע־ונד, קלאָגעדיק לעבן אין אַלע זיינע פאָרמען, ניואַנסן פון עקאָנאָמישן, קולטורעלן און פיזישן צו־שטאַנד, די היים־דערציאונג, און הויפּטזעכלעך, דער פּסיכאָלאָגישער ווערט פון יעדן איינעם, זייער בולט.

צום אַלעם ערשט קומען די ווייבער מיט די בלעכענע פּושקעס אויפקאָכן מילך פאַר די קינדער און קראַנקע מענטשן. שפּעטער קומען גרופּנווייז מענער, פרויען, קינדער און אַפילו זקנים, פון אַלע דריי שטאָקן. דאָ הויבן זיך אָן די צוזאַמענשטויסן, דאָ קומט יעדערער מיט זיין קאָב־סערווין־כלי (קיין אַנדערע זענען דאָך נישט געווען), מיט זיינע פאַר־שידענע מאכלים: כשרע, טריפהנע. שטעלט מען זיך אויס אין אַ לאַנגער רייע פון דער פּליטע ביז צו די פאַרבאַטענע באַליעס וועש, וואָס ווערן געוואַשן נישט לעגאַל, בחיפּזונדיק, כאַפּ־לאַפּנדיק, מיט צו אָן זייף.

מען שטייט אָבער נישט. מען שטופּט זיך, מען שטויסט זיך, מען רוקט זיך פאָראויס, מען רייבט זיך אין די ווענט און מען האַקט זיך אונטער די זייטן, מען שטורכעט זיך מיט די הענט און מען ציט פאַר די פאַלעס. טרעט מען זיך אָפּ די פיס, שפּרינגט מען אונטער און מען פאַרגיסט זיך די זאַכן. ווישט מען זיך, בלאָזט מען, ברומט מען, וואָר־טשעט מען אונטער דער נאָז אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און מען צעשרייט זיך יעדער אויף זיין לשון נאָכקרימענדיק מיט צולהכעיתדיקע, שטומע העויות...

אָט שטייט דאָרט אַ יונגער סטודענט, אַ האַלב נאַקעטער, אין פאַר־לאַטעטע געליענע הויזן ביי זיינס אַ חבר, באַוועגנדיק זיך אומגעלומ־פּערט, אומגעשיקט איבער אַ באַליע וואַסער און וואַשט אָן זייף זיינע שמוציקע הויזן און בלוזע. אָט גייט פאַרביי אַ יונג מיידל. דורכשלייכנדיק זיך דורכן געפּאַקטן עולם, מיט איר דיקער, הויכער ברוסט, טראָגט זי אירע געוואַשענע געשיר אין די הענט. וואָרפנדיק די שוואַרצע צעפּ אירע אַהין און אַהער זינגט זי שטיפעריש אונטער:

„— מיידעלע דו מיינס, מיידעלע דו שיינס!
ווו וועסטו פאָרן אין אַזאַ ווייטן וועג?
— איך וועל גיין איבער אַלע גאַסן,

און וועל שרייען, וועש צו וואַשן!
אַבי נאָר אין ישראל, מיין לאַנד, צו זיין״״

פלוצלינג שטעלט זי זיך אָפּ, קוקט זיך לאַנג איין אין דעם אָנגע־כמורעטן ברוגזן פּנים, מיטן שוואַרץ־געלאָקטן קאָפּ פון דעם סטודענט, וואָס שאָקלט זיך איבער דער באַליע מיט די ברייטע הויזן, וואָס הענגען אויף אים, ווי אויף אַ סטראַשידלע אין גאָרטן, און פאַרגייט זיך אין אַ הויכן קלינגענדיקן געלעכטער... עפנט ער די גרויסע, שוואַרצע אויגן, צעשמייכלט זיך האַלב פאַרשעמט — וואָס, ס׳געפעלט אייך נישט? — זאָגט ער — טאָ וואַשט איר!...

עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ יידענע פון ליטע מיט אַ געפאַלדעוועטער קלייד און נאָך אַ ברייטערן פאַרטוך. זי באַוועגט זיך שווער־סאָפּענדיק און פאָנפעט עפּעס אונטער דער נאָז און זעט אויס, ווי אַ הון, אַ קוואָקע.

— וואָס איז דאָ אַזאַ רויך? ליבער גאָט אין הימל!

עס קומט אַריין אַ יידעלע, אַ קלייניגקער, אַ דאַרינקער מיט אַ ווייס שיטערער בערדל, ווי אַ קאָזע און דאַרע קורצע פיסלעך, ער טראָגט אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל:

— א־א־א! — שיפּעט ער — די ליידאַקעס, די ליידאַקעס האָבן דאָס אַלץ געטאָן!

און לויפנדיק מיט טאָפּ טוט ער זיך אַ צי אויס און די קאַרטאָפל צעשיטן זיך. אַ הילכיק געלעכטער צעדונערט זיך פון אַלע זייטן...

עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין ר׳ שלמה, מיט דער געלער באָרד. ער טראָגט עפּעס אַ בלעך און הויבט זיך אָן פאַרען ביי די וואַסער־קראַנען.

— ווער דאַרף דאָ האָבן דעם געלן סאַמאָוואַר?! — צעשרייט זיך דאָרט אין ווינקל אַ פרוי מיט אַן אויסגעדרייטער פּלייצע פון צוואַנגס־אַרבעט און מיט קליינע, טאַטערישע אויגעלעך.

— שטיל, דו צוויג איינע! ווער פרעגט דיך? — האָט זיך דער געלער שלמה מיט די צעכראַשטשעטע פּאָלעס, ווי אַ באַוואַקסענער בער, צערעוועט... אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און זיך גאַליק צעלאַכט:

— די בערישע פּרעמיע איז שוין דאָ!

— וואָס געדויערט עס דאָרט אַזוי לאַנג?! — האָט מען זיך שטופּנדיק מיט אומגעדולד צעשריען אויף דער ערשטער מילך־בריערין.

— און ווער האָט נאָך אייך געשיקט? — ענטפערט יענע מיט אַ קוויטשיק־הייזעריקן קול — איך וועל מיין קינד צוליב אייך נישט געבן טרינקען קיין רויע מילך, מיין אָרעם קינד נעבעך, ווי צו מיינע יאָרן, מיט אַ קראַנק בייכעלע!...

— זע נאָר אַ ביסל מיט איר קינד! מיין משה־יאָסעלע, זאָל מיר זיין מיט יאָרן, ליגט אין ברענענדיקע היץ, וואַרפט אים דאָס קדחת, וואַרפט אים!

— נו, אַראָפּ! מיט דיין גאוואַלטשן טאָפּ, דו צעפּאַטלטע חיה, גע־הערט אַ ביסל!

— טאַקע, טאַקע — זאָגט אַ דריטע, אַ פּאַרטיזאַנערין, וואָס הינקט אויף די אָפּגעפרוירענע פיס, — לאָז דעם אַנדערן אויך אַ ביסל; אַ בראָך צו מיינע געדראָלענע פיס. וואָס איך האָב דערלעבט!...

עמעץ צעשרייט זיך:

— ס'איז דאָך דעם יונגנמאַנס אַטשערעד!

— אַטשערעד, שמאַטשערעד, קאַטשערעד! איצט גיי איך! — האָט זיך פּלוצלינג דערלאַנגט אַ ריס־אָפּ פון אָרט, ווי אַ צעשראָקענער הונט פון דער קייט, אַ יונגער, געזונטער מאַן מיט אַ פּאָר רויטע, פולע באַקן, פעטן קאַרק, און בלישטשענדיק־גיריקע אויגן.

— וואָס הייסט, איר גייט אויף מיין אָרט?!

ענטפערט פאַרוואונדערט אַ בלאַסער יונגערמאַן אין אַלטע, אָפּגע־קראָכענע מלבושים, מיט אַ שטילן פּנים און טויטן־גומער אויף די הענט.

— ווער ביזטו דאָס? מען קען דיך פון דער היים!

— איר קענט מיך דען? — ענטפערט באַשיידן דער יונגערמאַן.

— וואָס דען? — זאָגט דער אַנגרייפער — איך זע נישט ווער דו ביזט, דו נאַקעטער היגטן! אַ בעל־הבית דאָ געוואָרן!...

— אַ בעל־דעה, ווי דער אויסגעפּוצטער גראַף מיטן טאָפּ פּלייש!

— דו, סאָוויעטישער אַבאָדראַניעץ!

— דו, אויסגעפּרעסענער שפּעקולאַנט!

— סאָציאַליסט, ציציליסט, קאָמוניסט, לייג בעסער נאָך אַ לאַטע אויף דיינע הויזן איידער דו מאַכסט פּאַזשאַנדקעס אויף דער וועלט!

— אָבער דו שפּעקולאַנט טריפהנער! אויפן קאַרק פון די פּליטים האָסטו זיך אויעקגעקרעבקט! אין געטאָ גיי צוריק, דו הינטישער מיליציאָנער! פּאַרקויפטע שקורע, פּגרן זאָלסטו ווי אַ הונט!...

— טאַקע, טאַקע גערעכט! — האָבן אונטערגעכאַפּט אַ סך קולות — ער לאָזט קיינעם צו דער פּליטע נישט צו, פּרעסט און זויפט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט שיכּורט ער און הוליעט מיט די דייטשקעס, אונדזערע בלוטיקע שונאים!...

אַן איראָניש אָפּשפּאָטנדיקע דאַמע אין אַ פּאָר פּידזשאַמע־הויזן מיט אַ צעקנייטשטן פּנים, וואָס פּאַלדעוועט זיך אין ראָזן פּודער, האַלט אַ פּאַפּיראָסל אין מויל, קוקט אַריבער איבערן עולם פון אויבן אַראָפּ, לאָזט אַרויס אַ געדיכטן רויך פון אירע גראָבע ליפּן און וואַרפט צו האַלבדייטשמעריש:

— סאַראַ שמוציקע באַנדע דאָס איסט!...

פון הינטער איר איז אַרויסגעלאָפן אַן אויסגעדאַרטע פרוי, מיט צוויי סטאַרטשענדיקע ציין אין מויל, האָט דערלאַנגט אויף איר אַ קרומען קוק, און געטאָן אַ געשריי:

— זעט נאָר, קוקט נאָר אָן דער דייטשישער פּריצטע, מיט די הויזן; באַגינען, די ערשטע פון אַלעמען, באַקט זי שאָקאָלאַדנע קיכעלעך, ווו נעמט זי אויף דעם? און ווער האַלט עס איר אויס, דער קראָסוליע?!...

ווייט פון דער פּליטע, אַן איינזאַמע, אַנגעטאָן אין שוואַרצן, באַוועגט זיך אַ פרוי מיט אַ בלאַס פּנים, מיט דינע ליפּן און גרויסע, גרויע אויגן, וואָס שפּיגלען מיט אַ ים טרויער נאָך אירע אייגענע, דעם געליבטן מאַן און די דריי קינדערלעך, וואָס זענען פאַר אירע אויגן דערשאָסן געוואָרן.

זי איז די איינציקע קראַנקע, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען פאַר זיך די בעסערע קראַנקן־שפּייז, וואָס איז איר דורכן לאַגער־דאָקטאָר צוגעשריבן געוואָרן און געהייסן עס איבערגעבן די קראַנקע קינדער. זי האָט שווייגנדיק געזוכט אַ באַליע, צו קענען זיך עפּעס אויסוואַשן...

— שאַ, שאַ, וואָס שטופּט איר מיך אין די קני?! — האָט זיך ווער צעליאַמערט.

— אַזאַ מכה דיר אין האַלדז, ווי עס איז נישט איך!

— אַ שטעכעניש דיר אין די זייטן, דו מנוול איינער! וואָס זאָגט איר צו אים? שטופּט זיך דער פּריץ מיטן שניפּס! נאָר, אַ קאָפּעליושל פּעלט אים, וואָלט עס שוין געווען אַן עס־עס מיט די ביינער!

— וואָס, וואָס, זאָגסטו?! דו וועסט עס נאָך נישט דערלעבן, דו היינ־טישע זייל! אַ בראָך דיר אין דיין באוך! נאַ, נאַ, און זע וואָס אַן עס־עס איז! — און אַראָפּלאָזנדיק אים צוויי קלינגענדיקע פּעטש, איז אים אַרויסגעפאַלן דאָס קאָנסערוון־טעפּל פון די הענט און פון אַ געדיכטער, הייסער פּליסיקייט, האָט זיך אויפגעהויבן אַ פּאַרע, ווי פון אַ גרויען וואָלקן און זיך צעשפּרייט איבער אַלעמענס קעפּ. מען איז צוגעלאָפן צו די „קריגער" און מיט די אַקסלען געפּרוווט פונאַנדעררייסן זייערע צענויפגעפלאָכטענע הענט, וואָס האָבן געריסן פאַר די אַרבל, פאַר די לאַצן, פאַר די האָר; געטופּעט מיט די פיס, געברומט האַלבע ווערטער:

— אַ שוואַרץ יאָר וועט דיך באַלד נעמען!

— אַ רוח אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין!

— אַ ווייטיק דיר אין דיינע פּיסקעס!

— דו אויסגעפּרעסענע מאָרדע!

— דו שנעק, דו אויסגעדאַרטער כרושטש!

— דו פאַרכעוואַטער האַלעדרילע מיט די קרעציקע הענט!...

און אַרום און אַרום, ווי אַ קנויל פון לעבעדיק־קריכנדיקע ווערים, האָבן געסאָפּעט און געזשומעט, געשוויצט און געהוסט, געשפּייט, גע־קרעכצט און געברומט די צונויפגעדריקטע מענטשן־מאַסע...

פלוצלינג האָט זיך בײַ דער אָפֿענער טיר באַוויזן דער ליבלינגס־פּאַרמיטלער — (זײַן נאָמען געדענק איך נישט) עוואַס מאַן, דעם ד״ר אײַנהאָרנס שוואָגער. זײַנע גרויסע, פֿאַרשערישע אויגן האָבן אַרומגענומען דעם גאַנצן העסלעך־טראַגישן גרויל. איבער זײַן ווײַכן, ליכטיקן פּנים איז דורכגעלאָפֿן אַ וואָלקן, אַזאַ פֿאַרביטערטע גרימאַסע פֿון אַפּאַטיע און אַנטוישונג... די אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט מיט טרערן און צוויי נײַע קנײטשן פֿון ווײטיק און בושה, האָבן זיך אַרײַנגעשניטן אין זײַנע מויל־ווינקלען...

שפּיטאָל רעפלעקסן

געהייליקט די רעטער פון דער שארית הפליטה

שווער איז צונויפשטעלן דעם מוראדיקן סך־הכל פון יענע בלוטיקע טעג, וועלכע האָבן אין ווין פון מיליאָנען קרבנות געבוירן דעם טראַגישן פּליטים־שטראָם, נאָך שווערער איז צו כאַראַקטעריזירן דאָס ווייטערדיקע, דאָס פּסיכאָלאָגישע, ביי דער שארית הפליטה גופא, זיי זענען דאָך לעבן־פאַרבליבענע פון אונדזער פאַרשניטן פאָלק. זיי, וואָס וואָגלען און וואַנדערן, ווי די פאַרטריבענע טיילן פון שאָף־סטאַדעס, אָן אַ פּאַסטעך, אין מגושימדיק אומבאַהאָלפענע מחנות, וואָס הייסן: שארית הפליטה... און אָט די בלאָנדזשענדיקע פייניקן זיך אין צענדליקער, טויזנטער לאַגערן און פילן אָן די שפּיטעלער פון זאַלצבורג, ווין און לינץ.

כ׳זע דעם ווינער יידישן שפּיטאָל. מאַלץ־גאַס, נומער צוויי, דעם גרויסן, דרייגאָרנדיקן בנין איבערפולט מיט פּליטים: מענער, פרויען און קינדער, אָן אונטערשיד פון שטאַנד און עלטער. אַלע אָפּטיילונגען צוזאַמען: די אינערלעכע, די כירורגישע און אָרטאָפּעדישע שטעלן מיט זיך פאַר דאָס שרעקלעכע בילד פון נישט דערשאָכטענע...

מיד זענען שוין די דאָקטוירים און שוועסטער פון דער איבערמענטש־לעכער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וואָס קאָכט און זידט אומאויפהערלעך, ווי אין אַ מאַטאָר, אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת...

די אומגעהויערע משפּחה פּליטים איז אַ געמישטע, אַ צוזאַמענשטעל פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, פון לענדער און קאַנטן, פון פּוילן און רוסלאַנד, פון אוקראַינע און טשעכאָסלאָוואַקיע, פון רומעניע און אונגאַרן, פון פראַנקרייך און יוגאָסלאַוויע און אַפילו פון איטאַליע; פאַר־שידענע רעפּאַטריאַנטן, פון הונדערטער געפענגעניש־לאַגערן, אַנטלאָפענע פון טויט־צוגן, געראַטעוועטע פון קרעמאַטאָריעס, לעבנגעבליבענע פון די

שלאַכט־פעלדער און פאַרטיזאַנער־קאַמפּן — אַלע קאַליקעס בגוף ונפש, מיט פיזישע און גייסטיקע יסורים, וואָס וועלן זיך שוין אפשר קיין מאָל, קיין מאָל נישט פאַרהיילן...

אַ מיש־מאַש פון פאַרשידענע שפּראַכן און דיאַלעקטן פילן אָן דעם טונקל־פּראָסטיקן חלל פון אומגעהויערן לאַנגן קראַנקן־זאַל. פון די געדיכט־צעשטעלטע שורות בעטן דערטראָגן זיך געשרייען, קרעכצן און יאָמערייען, וואָס מישן זיך אויס אין אַ פינצטערן כאַאָס, אין אַ פייבלעכן, ווייטיקדיקן אומעט און האַרץ־רייסנדיקן צער...

די טירן פאַרמאַכן זיך און עפענען זיך ווידער. די שווערע טריט פון די סאַניטאַרן קלאַפּן איבער די קאָרידאָרן־טרעפּ אַרויף און אַראָפּ, די טראָג־בעטלעך קורסירן אין פולן טעמפּאָ, קראַנקע פון דרויסנדיקע גאַסן ווערן אַריינגעפירט אין אָפּעראַציע־זאַל, אין דער אינטערנע־אָפּטיילונג, צום רענטגען און צו אונטערזוכן.

ענג און שטיקנדיק איז די לופט, אָנגעפילט מיט ריחות פון רפואות און שווייס. קלאַנגען פון יאָמער און געוויין פילן אָן דעם בנין, וואָס הוידעט און וואָרפט זיך, ווי אויף בייזע, צעבושעוועטע כוואַליעס פון אומגליק און פּיין, וואָס לויערט איבער יעדן בעט און איבער יעדנס לעבן — עלנט, היימלאָז לעבן פון דער שארית הפליטה...

— אַ נייער טראַנספּאָרט איז שוין ווידער אָנגעקומען — איז אַ פייבלעכער געפליסטער געפאַלן אין דער שווערער לופט, וואָס איז פאַרסמט מיט נאַרקאָזע. ווי אַ פינצטערער סוד האָט זיך די ידיעה דורכגעשלייכט און עס האָט זיך דערפילט דער גערוך פון די פריש־געבראַכטע קרבנות...

ווידער אַמאָל צעבראָכענע פיס און אויסגעברענטע אויגן, אונטערגעריסענע געדערים און אָפּגעהאַקטע פינגער, אויסגעקרימטע מיילער און אויסגעהאַקטע ציין, ווידער געשוואָלענע בייכער און אויסגעקרימטע רוקנס, געהירן־אָנציגדונג און אויסגעטריקנטע מאַרך־ביינער, ווידער שווערע פרויען־קראַנקהייטן, לונגען־אָנציגדונגען, אָפּגעפרוירענע פיס ביי עלטערע און טובערקוליאָז ביי קליינע קינדער, פאַראומגליקלעכטע אַכצן־צוואַנציק־יאָריקע מיידלעך מיט ווילד צעשראָקענע אויגן און גרויע האָר; יוגנטלעכע מיט אויסגעדרייטע גלידער און שטום געוואָרענע צינגער,

וואָס קוויטשען אין שטומער היסטעריע און וואַרפן זיך אין אומאויפ־הערלעכע קאָנווולסיעס...

די יונגע גרופּע שוועסטער פליט אַרום אין די ווייסע פּאַרטעכער און קאָפּ־מיצן, ווי די העלע טויבן, זיי פאַרלירן זיך שוין — זיי ווייסן נישט, צו וועלכן קראַנקן פריער צו לויפן, ראַטעווען...

יעדן קראַנקן פאַרדריסט פאַר וואָס די שוועסטער גרעטכען, מיידעל אויס זיין בעט. אים דוכט זיך, אַז זי, די שוועסטער גלויבט נישט, אַז אים טוט ערגער ווי די לינקע זייט. וויינט ער אַרויס מיט אַ טענה...

— אָבער, אַז יענער ברעכט מיט בלוט, און ביי דעם פינפטן קראַנקן איז אַראָפּגעפאַלן דער פּענכער אייז, פונעם ברענענדיקן קאָפּ — פאַר־ענטפערט זיך די בלאָנדע מאַריע און אירע באַקן ווערן אַזש רויט, פון פּאַראיבל...

און אָט צעליאַרעמט זיך די זעכצן־יאָריקע אפּתר, וואָס די באַן האָט איר אָפּגעשניטן דעם רעכטן פוס. זי מוז דערציילן דעם פּראָפעסאָר, אַז מען דערלאַנגט איר נישט די נאַכט־קאַן...

און אַזוי אומאויפהערלעכע טענות, טרערן, פּאַרוורפן און אויך שטילע, פאַרשטיקטע קרעכצן, וואָס גראָבן זיך אין קישן אַריין און סודען זיך מיט זיך אַליין, מיט די צעבראָכענע גלידער...

די ענערגישע שוועסטער, מאַלווינאַ, באַוועגט זיך געשיקט מיט איר האַסטיקן טראָט, בכלל נישט לויט איר עלטער. פון איר קוואַלט ברענענ־דיקע ענערגיע. עס שפּרודלט פון אירע שנעלע באַוועגונגען מיט טעמפּעראַמענט. איר באַציאונג צום פּאַציענט איז אַ פאַרפליכטנדיקע, אַן ערנסטע, אָבער — אַ טרוקענע. כאָטש זי האַלט אין איין טראָגן די מעדי־צינען פון איינעם צום צווייטן, צום דריטן, און אַפילו ביז דעם פופצנטן.

אַנדערש פון זיי אַלע איז די שוועסטער האַנע: זי קומט אָן רויִק, טיף נאַכדענקענדיק, מיט פאַרטראַכטע, שטילע באַוועגונגען. אין דער באַציאונג צו די קראַנקע ליגט ביי איר אַ הייליקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זי איז באַשיידן, טאַקטיש און נאַטירלעך. איר ערלעך סובטעל געזיכט איז פול מיט שטילער חכמה און סודותפולער טרוימערישקייט. מיט ליבע

און דרך־ארץ דערוואַרטן איר די קראַנקע און קוקן לאַנג אויף אירע טונקעלע ברעמען און צאַרטע גרויע אויגן, וואָס זענען פול מיט אומעט און בענקשאַפט, ווי ווירדיקע בענקשאַפט פון אַ יידישער טאָכטער...

דער שטורעם פון די קרעכצן און יללות ווערט ענדלעך איינגע־שטילט, ווען אויפן שוועל באַווייזט זיך דער גרויסער קאָלעקטיוו דאָק־טוירים, אַסיסטענטן, אין דער באַגלייטונג פון אַ געזעמל שוועסטער און יונגע סטודענטן.

דער ערשטער קומט, נאַטירלעך, דער עלטסטער, דער פּאַטריאַרך פון שפּיטאָל, דער כירורג פּרימאַריוס רייס. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, ווי אַ סאָסנע. ער איז שטרענג צום פּערסאָנאַל און צאַרט צום חולה. שטאָלץ און רואיק. ביי דעם וואונדערלעך־זויבערן עסטעט שיינט רואיק זיין יונגער אָדלער־פּנים. אין די בכבודיקע אָרעמס פון זיין זיבעציק־יאָריקן עלטער, רוט נאָך אַלץ דער ליכטיקער חן פון זיין פאַרשווונדענער יוגנט...

דער צווייטער קומט דער גרויסער מענטשן־פריינד, דער גוטער אַל־טיטשקער ה׳ פּראָפעסאָר דאנארד, וואָס מיט זיין ווייכער, פּאַטערלעכער שטים און בלויע ווייך־פאַרשנדיקע אויגן, באַרואיקט ער דעם קראַנקנס ברענענדיקן ווייטיק.

די דריטע פון דער רייע, די רעכטע האַנט ביים פּראָפעסאָר דאנארד אין דער אינערלעכער אָפּטיילונג, איז דר״ ווייס. אַן ענערגישע בלאָנדע פרוי, מיט שאַרף־דורכדרינגלעכע אויגן, וואַקסט זי שנעל אויס ביים קראַנקנס בעט. די קראַנקע קענען נישט פאַרשטיין פאַר וואָס שטעלט זי אַזוי שנעל פעסט דעם דיאַגנאָז פונעם חולה, צי איז עס דערפאַר, ווייל זי איז אַ ספּעציאַליסטין אין דער אינטערנע, אָדער ווייל זי איז אַ פרוי, פאַר וועמען עס עקזיסטירט נישט קיין סוד פון דער שעמעוודיקער פרויען־משפּחה... אָדער אפשר גאָר דערפאַר, ווייל זי איז שטאַרק עמ־פינדלעך און די קלוגע, אָפענע אויגן קענען די פּסיכאָלאָגיע פונעם קראַנקן...

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דערוועקט די אימפּאַזאַנטע פּער־זענלעכקייט פון אַסיסטענט ד״ר שטערן. אין גאַנצן אין ווייסן אָנגעטאָן, קומט ער אַן פון דער כירורגישער אָפּטיילונג נאָך זיינע דורכגעפירטע

אָפּעראַציעס און שפּרייזט פּאַמעלעך איבערן לאַנגן זאַל. זיינע גרויסע, טונקל־טרוימערישע סאַמעט־אויגן, פּאַרשן אַרום און שמייכלען מילד. דער טיף־ווינקלדיקער שטערן, וואָס הויבט זיך אויף איבערן שטאָלצן סודותפולן געזיכט פּאַרוואָרפט אַרויף איבערן קאָפּ די שטראָמיקע כוואַליע פון זיינע זילבערדיק־גרויע לאָקן, וואָס פאַלן אים אַראָפּ איבערן קאַרק. דער גאַנצער ענערגישער קאָמפּלעקס פון זיין טונקל־מאַטער הויט דערמאָנט אַ היסטאָרישן העלד פון אָריענט, מיט איירָאָפּעאישער קולטור.

ענדלעך באַווייזט זיך דער אַסיסטענט ד״ר האַן, וואָס מיט זיין אַרטיסטיש־פליִנקער באַוועגלעכקייט, ענערגישע געזיכט־שטריכן, טונקל־קליינע שאַרפע אויגן, מיט זיין שאַרפזיניקן הומאָר, ברענגט ער שטענדיק מיט זיך אַן ענדערונג אין דער שטימונג.

אין די פרייע שעהן ווידמעט ער די קראַנקע פיל צייט, ער דערציילט זיי וויצן און הומאָרפולע שטיקלעך, וואָס לאָזן איבער ביי די אומגליקלעכע אַ פריידיק געמיט...

ענדלעך קומט דער אַלגעמיינער ליבלינג ד״ר רעני, אַ טשעך. נישט נאָר צוליב זיין גרויסער שפּראַכן־קענטעניש, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די פּאַציענטן אויף פאַרשידענע שפּראַכן, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון זייערע היימען און לענדער, נאָר דער באַזונדערער חוש אַרויסצובאַקומען פון די פּאַציענטן מער, ווי די קראַנקהייט־סימפּטאָמען, וואָס דאָס איז בדרך־כלל נאַטירלעך פאַר יעדן מעדיקער. ער פלעגט זיך אַריינלאָזן מיטן קראַנקן אין אַ טיפערן שמועס, צו דערגיין צו זיין גייסטיקן צושטאַנד. און האָט ער עפּעס אויסגעפונען, האָט עס דער חולה באַלד דערקענט, ווייל דער יונגער, שיינער און זייער איידעלער מענטש האָט זיך מיט זיין שלאַנקן קערפּער צוגערוקט צום בעט, אַנגענומען די האַנט פון קראַנקן. בעת מעשה האָבן זיינע לאַנגע מוזיקער־פינגער — וואַרעם געגלעט און מיט זיינע מילדע אויגן, וואָס זענען געווען טיף אַריינגערוקט אין די אויגן־ראַמען, גע־טרייסט דעם קראַנקן.

דעם קראַנקנס בליקן פלעגן זיך צוקוקן צו זיין ווייכן, געמיטלעכן געזיכט, וואָס האָט געשטראַלט מיט טיפער אינערלעכער אינטעליגענץ.

אַ פּאָר מינוט פריער, איידער די דאָקטוירים־קאָנטראָל באַווייזט זיך, קומט אַריין די ערנסטע, שלאַנקע אויבער־שוועסטער. זי בלייבט שטיין און וואַרפט אַ פאַרשנדיק־דורכדרינגלעכן בליק איבערן גאַנצן גרויסן שטח פון זאַל. פּאַמעלעך הויבט זיך אָן איר אינספּעקציע, דאָ גלייכט זי אויס אַ צעקרימטן צוקאָפּנס, ביי אַן אַנדערער — די קאָלדרע, קאָנטראָלירט די טאָג־טאַבעלעס אויב מ׳פירט זיי לויטן רעגולאַמין, ביי אַנדערע פאַר־צייכנט זי געוויסע פראַגן, זי שטעלט זיך אָפּ ביי די נעכטיקע, געפערלעכע קראַנקע און לויכט ממש אויף, ווען זי זעט אַ פאַרבעסערונג. זי באַטראַכט אויך די שורות בעטן, צי זיי שטייען סימעטריש, פּינקטלעך, לויטן גע־שמאַק פון דעם עסטעט, דעם ד״ר פּרימאַריוס אַליין...

אין די גליקלעכע טעג, ווען די קראַנקע ווערן צוריקגעשיקט צו זייערע פליטים־לאַגערן, ווערן די באַפרייטע בעטן באַלד אָנגעפילט מיט די פרישע יידישע נאַצי־קרבנות. ווערט ווידער דער זאַל פאַרוואַנדלט אין אַ חושכדיקן וואָלקן פונעם פאָלקס־חורבן...

באַמערקן די פאַרבליבענע קראַנקע בייע פּנימער פון צוגעקומענע דאָקטוירים. אין אַזעלכע סיטואַציעס, באַשטימען די פּראָפעסאָרן פון אַלע אָפּטיילונגען, אויף געמיינזאַמע באַראַטונגען, יעדן קראַנקן צו זיין אָפּ־טיילונג און זיין דאָקטאָר, וואָס דאַרף זיך מיט אים מטפּל זיין.

די אַבסאָלוטע שטילקייט הערשט נאָר אין די פּרימאָרגן־שעהן, ווען דער דאָקטוירים־פּערסאָנאַל הויבט אָן גיין פון בעט צו בעט. קוקנדיק אויף זייערע פּנימער, גייט אויף ביי די לעבן־אויסגעשלאָסענע אַ פונק פון האָפענונג... אָבער אין גרעסטן טייל זענען זיי און בלייבן אַפּאַטיש, דרייען זיך אויס מיט די רוקנס צום דאָקטאָר און ווילן אַפילו אויף קיין איין פראַגע נישט ענטפערן...

פרעגט אַמאָל אַ שוועסטער ביי אַזאַ קראַנקן:

— נאָך וואָס־זשע ביסטו געקומען אַהער, אויב דו לאָזט זיך נישט היילן?

— איך בין דען געקומען? — מען האָט דאָך מיך געבראַכט! ווער האָט זיי געבעטן?!...

אַלע קראַנקע געפינען זיך פאַקטיש אין איינע און די זעלבע

באַדינגונגען און מעדיצינישע באַהאַנדלונגען, נאָר ווייל יעדנס ווונד איז אַן אַנדערע, איז דער געוויין אַן אַנדערער!... אַלע קומען דאָך פון זעלבן חורבן, אָבער ווייל דער חורבן האָט יעדן אַנדערש געטראָפן איז דערפאַר זיין טרער און קרעכץ אַנדערש.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ שטיק גליק אין זייער אומגליק, עס האָט זיך ביי זיי עמיץ אָפּגעזוכט נאָכן חורבן. אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ קרוב צו אַ פריינד, אָדער סתם עמעץ פון דער אייגענער שטאָט. ביי די יעניקע האָט זיך אָנגעצונדן אַ האָפענונג און אַ ווילן צו ווערן געזונט, ווייל עס האָט שוין אויף זיי עמעץ געוואַרט: צוזאַמען צו לינדערן דעם איינזאַמען עלנט...

אַנדערש איז אָבער געווען מיט די קיילעכדיקע יתומים, יענע, וואָס האָבן פאַרלוירן אַלץ און אַלעמען. זיי איז געווען אַלץ איינס. די גרויסע, פּיזישע יסורים האָבן פון זיך אַליין געשריען, געליאַמערט און געוואַל־דעוועט... זיי אַליין האָבן זיך אין זיך פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער... זיי האָבן זיך איזאָלירט פון דעם אַרום, זייערע בליקן האָבן געקוקט אין נישט דאָיקן, אין איין פונקט, וואָס דער דמיון האָט אים פאַרוואַנדלט אין יענע וועלטן, וואָס זענען געווען און — שוין מער נישטאָ! — די הייליקע היים, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן מיט דער גאַנצער, גרויסער, לעבעדיקער משפחה, מיט אַלע פריידן פון וואַקסנדיקן קינד און שפּעטערדיקן דערוואַקסענעם מענטש...

דערנאָך קומט, אפשר דער עיקר, די וועלט פון דורכגעגאַנגענע יסורים, די פּייניקונגען פון די רוצחים, וואָס האָבן צעבראָכן זייער גוף און נשמה אויף אייביק...

זיי, וואָס האָבן געזען די חיה אינעם מענטש, האָבן אויפגעהערט צו גלויבן, אין אַזאַ וועלט, וואָס האָט מיטגעלעבט און מיטגעבראַכט מיט די בלוט־דורשטיקע חיות־רוצחים — זיי האָבן שוין אין גאַנצן פאַרלוירן די אמונה...

דעם איידעלן יידישן דאָקטוירים־פּערסאָנאַל; די, אַליין פון די לעצטע לעבן־צוריקגעקערטע פון טעריעזנשטאַט־גיהנום, וואָס האָבן זיך אַריינ־געוואָרפן מיט לייב און לעבן צו ראַטעווען די שארית הפליטה, איז

באַזונדערס שווער געווען צו ראַטעווען אויף אַ פּסיכאָלאָגישן אופן אָט די דאָזיקע רעזיגנירטע יתומים...

אָט זע איך צום ערשטן דעם יידישן ראָטשילד־שפּיטאָל אין ווין, וואָס האָט יאָרן־לאַנג באַדינט די דאָרטיקע פּרידלעכע באַפעלקערונג. נאָכן חורבן, ווען די „אונראַ" (אינטערנאַציאָנאַלע וועלט־אָרגאַניזאַציע צו הילף די קרבנות) האָט אויפגעשטעלט די מחנות־לאַגערן, פון איטאַליע, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און גאַנץ עסטרייך, ווען פון די דרייצן יידישע לאַגערן אַרום ווין, זאַלצבורג, האָבן זיך געצויגן די קראַנקע צום ראָטשילד שפּיטאָל, האָט מען אונדז אַהין געבראַכט אויף טראַג־בעטלעך. דאָרט איז געמאַכט געוואָרן די סעלעקציע, פון די שברי כלים, די פּליטים. נאָך דעם ערשטן דיאַגנאָז איז מען צעשיקט געוואָרן אין שפּיטאָל, אויף דער מאַלץ־גאַס.

ווער קען עס פאַרגעסן די יידישע שוועסטער פון ווילנע; אַ ברייט־פּלייציקע, טונקל־שאַטינע שוועסטער, ווי אַ מאַמע איבער איר געפּיעשטשעט קינד, אַזוי צאַרט און האַרציק האָט זי געוואַשן, געקאָרמעט גע־פלעגט דעם גוף און מיט אַלערליי מיטלען געבראַכט טרייסט אירע אומ־גליקלעכע ברידער און שוועסטער. זי האָט געלינדערט ווונדן מיט מעשיות, וואָס זי האָט אין זיי געבראַכט זיך אַליין אַלס ביישפּיל. איר העלדיש אויסשטיין, ווי אַן „אַריערין"־שוועסטער, ביי די גויאישע פּאַר־טיזאַנער דריי יאָר אין וואַלד, ווי קונציק זי האָט אין געהיים פאַרהיט דאָס לעבן פון הונדערטער יידישע פּאַרטיזאַנער און משפּחות... געבענטשט זאָל זי ווערן, ווו זי איז, די נייע שרה בת טובים!

נאָך אַ פריינד האָבן די פּליטים געהאַט, וואָס האָט געזאָרגט פאַר זיי מאַטעריעל — דער „דזשאָינט". די דאָזיקע יידיש־אַמעריקאַנער אָרגאַ־ניזאַציע האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו העלפן די פאַרפּינצטערטע פּליטים־מחנות און שטילן זייער הונגער. אַזוי ווי נאָך דער מלחמה איז דאָס לאַנד עסטרייך געווען אויסגעליידיקט פון יעדן סאָרט שפּייז, ווייל פּוסט און ליידיק זענען געווען אירע געשעפטן און מערק, איז איין מאָל אין וואָך געקומען די דזשאָינט קאָמיסיע און לויט די אָנגע־

וויזענע נעמען יעדן קראַנקן פּאַרטיילט פּראָדוקטן, וואָס זענען נישט בנמצא געווען, דערצו זייער ברכה — געזונט צו ווערן...

געוויינלעך האָט כמעט יעדער קראַנקער, נישט נאָר די אַפּעטיטלאָזע, די רעזיגנירטע, וואָס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט לעבן, נאָר אַפילו דער, וואָס האָט זיך מחיה געווען מיט די זיסע פעטע קאָנסערוון־מילכן, שאָקאָלאַד, צוקער, פלוימען, אָדער אַנדערע פרוכטן אויך אָװעקגעשענקט און זיך גערן געטיילט מיט די שוועסטער און אַפילו מיטן דאָקטוירים־פּערסאָנאַל.

*

בייטאָג, באַזוך־שעה. די קאַרגע זון פונעם נאָסן, געפרוירענעם עסטרייך, האָט אַריינגעבליקט צו די לאַנגע, בלאַנקענדיקע שורות בעטן, װוּ עס זענען געלעגן מידע, שוואַכע קראַנקע אַרויסגעשטויסענע פון וואַרעמע היימען אויף פרעמדער ערד...

אויסגעדאַרטע, איינגעפאַלענע פּנימער, צוגעפאַלענע צו די קישנס מיט פאַרטרערטע גרויסע אויגן, אויגן, וואָס פון אַלע זייטן און ווינקלען האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט איינע אין די אַנדערע און האָבן געזען אין יענעמס — דעם אייגענעם גורל, צער און אומגליק...

באַטראַכטנדיק איינער דער אַנדערער שטומערהייט, רוקט זיך יעדע קראַנקע דערוייל אַוועק פונעם אייגענעם יאוש און אין געוועב פון געמיינזאַמען עלנט גייט פּאַמעלעך אויף די פריינדשאַפט, פון אחים לעת צרה...

אָבער ווען צו די שטאָטישע קראַנקע פלעגן קומען באַזוכן אייגענע משפחות, האָט זיך די איינזאַמקייט ביי די פּליטים־יתומים אַריינגעשניטן נאָך טיפער אין דער נשמה...

*

די שטראַלן פונעם ווינטער־טאָג נעמען זיך אויסבויגן און פאַר־שווינדן. אין דער קאַלטער לופט הויבט זיך אָן דער געראַנגל צווישן טאָג און נאַכט. אין אַ געפעכט פון ליכט און שאָטן, מערן זיך שטיקער

טונקעלע געשטאַלטן, מיטן קאַליר פון אשיק־גרויע ווינטער־הימלען. די משונהדיקע שאָטנס וויגן זיך מיט כמורנע פנימער און אָפענע מיילער, וואָס שפייען שטיקער אייז־קאַלטע וואָלקנס אין דער געדיכט־געוואָרענער לופט מיט וואָרענונג, מיט אומהיימלעכער שרעק:

— די נאַכט, די נאַכט קומט אָן! ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן. די נאַכט, די שווערע, די סכנהדיקע נאַכט!...

עס הויבן אָן קרעכצן שוין די ערשטע, וואָס בעטן זיך ביי פרוי ד״ר ווייס, איידער זי גייט אַוועק, זי זאָל געבן טאַבלעטן צום שלאָפן... ווייל די שוועסטער וויל נישט געבן.

די אָפגעשוואַכטע דעקן זיך איין, רוקן זיך אַרונטער טיפער אונטער דער קאָלדרע און דרימלען איין.

די פרוי מעלצער, מיט איין פוס, שרייט צו דער שוועסטער:

— שוועסטער, מאַך ליכטיקער! אין דער פינצטערניש טוט ערגער וויי!...

די פרוי פאַליאַק, וואָס האָט פיינט די אָסט־יודען, (זי איז אַ ווינעריןִ, אַ מישלינג) — שרייט אויף להכעיס:

— ניין, שוועסטער, פאַרשטעל די ליכט, עס ברענט מיר דער קאָפּ!

די צווייטע ווינערין, אַ העל־בלאָנדע מיט בלויע, ליכטיקע אויגן און וואָרעם־סימפּאַטישן פנים, וואָס פאַרשטייט נישט די יידישע שפּראַך פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, פאַרטיפט זיך אין אַ בוך... אַלע בלייבן ליגן אין די בעטן, יעדע אין זיין פּאָזיציע, ווי עס איז באַקוועמער דעם צעווייטיקטן קערפּער. זיי בלייבן ליגן ווי געהאָרכזאַמע שעפעלעך אונטערן טראַגיש־פאַרפרעסטן גורל...

אַ שווערער, טונקעלער וואָלקן פון בענקשאַפט, נידערט אַראָפּ איבערן כירורגישן ריזן־זאַל און רעגט די געמיטער... נעמען זיי זיך אַצינד וואָרפן, ווי פון אַן עלעקטרישן שטראָם פון איין זייט אויף דער צווייטער און זיך אַרייַנלאָזן ווי שטענדיק, אין די דערינערונגען פון היימישע, וואַרעמע, ווייסע בעטן מיט אַזוי פיל משפּחהשער ליבשאַפט... און בכדי מער הנאה צו האָבן פון דער זיסער דערינערונג, ציען זיי זיך נאָך מער

אויס אין דער גאַנצער לענג קלאָרער צו זען דאָס בילד אין זייער פֿאַנטאַזיע.

אַנדערע, נישט קענענדיק זיך באַהערשן, זעצן זיך אויף מיט די לעצטע כוחות, זוכן די נאָענטע שכנות, באַגעגענען זיך מיט יענערס ברענענדיקע בליקן און פֿאַראייניקן זיך אין אַ הייליקער שווייגנדיקער רגע... אַ רגע אָן טרערן, אַ רגע פֿון צעשטורעמטע קלאַפּנדיקע הערצער, וואָס שרייען, וואָס בעטן און בענקען זיך אַנצושפּאַרן אין עפּעס אָן אָנהייב, אַראָפּצודריקן די פֿאַרגליווערטע טרערן, וואָס האָבן פֿאַרפּרעסט און פֿאַרשטיינערט דאָס געמיט...

און אַליין נישט ווילנדיק און נישט פֿילנדיק פֿון וואַגאָן און ווי אַזוי געשעט דער גרויסער נס: אַ שטילער, סודותדיקער געשעפּטש נעמט שוועבן אין דער טונקעלער לופֿט פֿון איינער צו דער אַנדערער. און וואָס ווייטער, אַלץ געוואַגטער, געדיכטער און קלאָרער... די קראַנקע גיסן זיך צענויף מיט דער ווייסקייט פֿון די בעטן... עס דוכט זיך די ווייסקייט אָטעמט, באַוועגט זיך און רמזימדיק דערציילט זי מעשיות, פֿון טרערן, פֿון בלוט און פֿון פֿייער...

...די דייטשן האָבן אונדז אַרויסגעטריבן פֿון שטוב און געיאָגט שנעל, שנעל צום מאַרק. לויפֿנדיק מיט מיין קליין שוועסטערל אויף די הענט, איז מיין מאַמע געפֿאַלן. דער טאַטע האָט זיך באַהאַלטן, האָט אים דער דייטש דערלאַנגט איבערן קאָפּ. איז ער אָפּגעשפּרונגען און זיך איבערגעקערט.... דער מאַמען האָט אָן אַנדער דייטש דערשאָסן און אונדז האָט נאָך אַלץ יענער געיאָגט: — שנעלער, שנעלער!. וואָס עס האָט זיך געטאָן אויפֿן מאַרק! היסטערישע געשרייען, פּונעם גאַנצן שטעטל יידן מיט פּעקלעך, מיט קינדער, מיט ספֿר־תורהס אויף די הענט... שיסער־רייען, געוואַלדן... געיאָגט און געשאָסן פֿייער, פּולווער, בלוט און פֿייער פֿאַר די אויגן, איך בין געפֿאַלן אויף אַ הויפֿן דערהרגעטע יידן. מער געדענק איך נישט!...

...אין געטאָ איז דער הונגער געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט שוין מער נישט געקענט וואַרטן. דער טאַטע איז אויסגעגאַנגען, די מאַמע איז געלעגן, ווי אַ געלער סקעלעט, נאָר דער זיידע איז געשטאַנען אין טלית

און תפילין און געמורמלט, געמורמלט... איז מיין ברודער אַרויס און זיך דורכגעגנבעט דורך די דראָטן, כדי צו געפינען פאַר אונדז ערגעץ אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל שאָלעכץ פון קאַרטאָפל. האָבן די דייטשן אים געכאַפּט און אויפן אָרט דערשאָסן.

...אין דער קינדער־אַקציע האָבן די רוצחים אַרויסגעריסן פון מיינע הענט מיין לעבן, מיין פייגעלע, מיין דודל איז פאַר מיינע אויגן אויס־געגאַנגען פון טיפוס. מיין מאַן האָט מען געזאָגט, אַז מען שיקט אים אויף אַרבעט, איז ער מיט נאָך אַ סך אָפּגענאַרטע אָפּגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע צום טויט און פון דער פאַרקראַטעוועטער באַן, מיט וועלכער די נאַציס האָבן אונדז געפירט קיין אוישוויץ, בין איך אַרויס־געשפרונגען דורכן פענצטער, געפאַלן און זיך צעבלוטיקט און געחלשט. ווי לאַנג איך בין אין פראָסט געלעגן, ווייס איך נישט! פאַרטיזאַנער האָבן מיך געפונען און מיטגענומען אין וואַלד... אָבער מיינע פיס זענען שוין אויף אייביק אָפּגעפרוירן...

אַ הילצערנע פּראָטעזע באַצויגן מיט טונקעלן לעדער, אַן עדות פון דער איצטיקערווירקלעכקייט, האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ ווינקל־דיקן צוקאָפּנס, האָט צעשפּאָלטן די ווייסע, שווידערלעכע סודותדיקייט און האָט גענומען דערמאָנען די געשעענישן, ווי עס האָט עס דורכגע־מאַכט די בליענדיקע, זיבעצן־יאָריקע אסתר.

אַלעמענס בליקן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אין יענעם ווינקל און איינ־געהאַלטן דעם אָטעם:

...זיי זענען ביידע אַליין געבליבן. זי און איר ברודערל איצעלע. ווען דער גרויסער חורבן פון די נאַציס האָט געבושעוועט פון שטאָט צו שטאָט פון ישוב צו ישוב, און דער געטאָ האָט שוין געברענט מיט די לעצטע אויפשטענדלער צוזאַמען, האָט זי שטיקנדיק זיך פון רויך אַ כאַפּ געטאָן איר ברודערל און האָט דורך אַ שפּאַרונע פון אַן איינגע־פאַלענעם שטעלכל זיך אַרויסבאַקומען אין דרויסן אַרויס; דער שריפה־דיקער פייער האָט באַלויכטן דעם וועג און זיי זענען ביידע געלאָפן איבער די ליידיקע פעלדער, און געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער

געלאָפן; נעבן אַ סטויג היי, נאָענט צו אַ דאָרף, האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט און ביידע געוויינט... נאָר איצעלע האָט נאָכאַנאַנד געשריען:

— מאַמע! מאַמע! — ביז ער איז איינגעשלאָפן, און זי אויך...

...באַגינען, ווען די זון־שטראַלן האָבן אויפגעשיינט, האָב איך פון דער ווייטנס געזען בלויז דעם געדיכטן רויך, וואָס האָט געזעצט פון געטאָ און אַ פּאָר אָפּגעריסענע, פאַרקויטיקטע מענטשן האָבן זיך צו אונדז דערנענטערט. איינער האָט זיך געשטעלט אין אַ זייט און געוואָלט אַנטלויפן, דער אַנדערער האָט זיך גוט אין אונדז איינגעקוקט און אַ זאָג געטאָן:

— דאָס זענען דאָך אהרון מאירס קינדער! לאָמיר זיי מיטנעמען! אָבער...

דער רויך האָט זיך צעשפּרייט אַלץ מער און מער און פאַרדעקט אַלץ ברייטערע רחבותן. אָפּגעריסענע קלאַנגען פון געוואַלדן־קולות האָבן זיך געטראָגן אין דער הייסער לופט אַריין, פון צייט צו צייט, האָבן ביקסן־שאָסן געקנאַלט... מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך גענומען דערווייטערן, האָט אַ הונט זיך צעבילט און געלאָפן אין אונדזער זייט. פון שרעק האָט איצעלע גענומען אַנטלויפן מיט אַ געשריי: — טאַטע! מאַמע! דער הונט האָט זיך דערנענטערט און אָנגעפאַלן אויף אונדזערע ביידע יידישע שכנים און גענומען פון זיי רייסן די שמוציקע צעריסענע זאַכן. דערווייל האָבן שקצים אונדז דעריאָגט און געזאָגט:

— טוט אויס די שיך! אַז נישט — קומט מיט אונדז!

איצט זענען מיר שוין געלאָפן באָרוועס. איצעלע, פאַרשטעכנדיק זיך די פיס ביז בלוט, האָט געוויינט און נישט געוואָלט גיין ווייטער...

דאָס פעלד איז געווען אָפן, אַ צעאַקערטס. — איך וויל אַ טרונק! — האָט ער זיך גענומען בעטן ביי מיר. האָב איך אים אַ ביסעלע געטראָגן אויף די הענט, ביז מיר זענען ביידע געפאַלן. אַ שורהביימער האָט געפירט צו אַ נאָענטן דאָרף. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דער טאַטע האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע גויאים אין דעם דאָרף, וואָס זענען געקומען קויפן ביי אונדז מאַנופאַקטור. פון ווייטן האָט אונדז איינער דערקענט, צוגעקומען צו אונדז און שטילערהייט געזאָגט:

— זיצט דאָ שטיל ביז נאַכט. ביינאַכט וועל איך קומען און וועל אייך באַהאַלטן.

גאַנץ שפּעט, ווען איצעלע איז ווייגענדיק איינגעשלאָפן אויף מיינע קני, איז דער גוי געקומען. אים האָט ער גענומען אויף די הענט, מיר געבראַכט אַ גויאישע קלייד מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ, און אַזוי האָט ער אונדז אַריינגעפירט אין זיין שטאַל אַריין, דאָרט איז שוין געשטאַנען אַ קריגל וואַסער, ברויט מיט סאַלאָ און עפּל.

— איר וועט דאָ שלאָפן אין די היי, נאָר זייט שטיל, קיינער זאָל פון אייך נישט הערן! — האָט ער געזאָגט און אַוועק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער אונדז אַוועקגעפירט אין אַ וויטן דאָרף, צו זיינעם אַ קרוב, אַ קינדערלאָזן. עסן און טרינקען האָט מען אונדז געגעבן. געהאַלטן האָט ער אונדז אין עפּעס אַ שטעלכל. שפּעטער האָב איך דער גויע אָנגעהויבן העלפן אין דער קיך־ווירטשאַפט. אַזוי איז דורכגעגאַנגען אַ לענגערע צייט, ביז איך האָב שוין געפּאַשעט אין פעלד די בהימות און די חזירים.

דער פּאַסטוך אַנדריי, מיט די פלאַקסענע האָר און פאַרריסענעם נאָז האָט זיך גענומען דערנעענטערן צו מיר, ער האָט געהאָלפן דער סטאַדע בהימות נישט אַריינקריכן אין פרעמדע פעלדער... און זיינע עלטערן, די שכנים האָבן געזאָגט מיין בעל־הביתטע, אַז זיי ווילן מיך פאַר אַ שנור!...

מיין בענקשאַפט אַהיים האָט זיך נאָך מער צעברענט... די גאַנצע צייט האָב איך פאַר מיינע אויגן נישט געזען קיין איין ייִד. בלויז דייטשן זענען אַלע מאָל אַריינגעפאַלן שיכורע און געזוכט ייִדן, האָט די שיקסע, וואָס האָט ליב געהאַט אַנדרייען, איין מאָל געזאָגט, אַז די „דיווקע" איז נישט פון דעם דאָרף. געוויס איז זי אַ ייִדישקע. צו וואָס דאַרף מען זי דאָ?!... האָט אַנדריי געזאָגט:

— איך וועל דיך אויסבאַהאַלטן, איך האָב דיך ליב, זיי רואיק. איך וועל פּאַשען דיינע קי און מיין ברודער, וועט פּאַשען די חזירים פון דיין ברודערל.

ביינאַכט האָט אסתר אויפגעוועקט איצעלען, איינגעפּאַקט אין דער

פעלד־טאָרבע ברויט, קעז, פעטס און אוגערקעס, און שטיל אויף די שפּיץ־פינגער זענען זיי ביידע אַרויס פון דאָרף. די הינט, וואָס האָבן זיי גוט געקענט, האָבן אַפילו נישט געהאַווקעט...

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן זייער וויסטער, עלנטער וואַנ־דער־וועג. ביז אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע האָט זיי מיטגענומען אין די וועלדער אַריין. זייערע פּיינען, הונגער, און שרעק, זאָגט זי, וועט זי דערציילן אַן אַנדערש מאָל. מיט אַ קליינער צאָל פּאַרטיזאַנער האָבן זיי דערלעבט די פרייהייט...

מיטן שטראָם פון די מלחמה־פּליטים זענען זיי אַדורך פּוילן און אָנגעקומען קיין עסטרייך. ווען די באַן האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגע־שטעלט, איז אסתר און נאָך מענטשן אַראָפּגעלאָפן זען, אפשר וועט מען באַגעגענען אַ לעבן־געבליבענעם פון דער היים...

אָן אַנטוישטע און צעבראָכענע האָט זי זיך אומגעקערט. די באַן האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן רירן און זי איז אַרויפגעשפּרונגען, אָבער זיך צוריקגעגליטשט און אַראָפּגעפאַלן. די רעדער האָבן איר אָפּגעשניטן אַ פוס.

ווען דער ברודערקע האָט דערזען, אַז די שוועסטער איז נישט צוריקגעקומען, איז ער געלאָפן צוריקוועגס און האָט פון יענער זייט באַן־ליניע, געפונען אַ פאַרבלוטיקטן פוס. לויפנדיק האָט ער אינסטינקטיוו דערקענט דעם שוך, דעם זאָק און אַ שטיק קלייד פון דער שוועסטער. האָט ער געכאַפּט דעם פוס און וויינענדיק און צעמישט אַריינגעלאָפן אין דעם סטאַנציע־שטיבל און האָט דערזען דאָס שרעקלעכע בילד: אסתר איז געלעגן אַ פאַרבלוטיקטע מיט פאַרמאַכטע אויגן. די אַרויסגע־רופענע גיכע הילף האָט זיך געפּאָרעט אַרום איר...

...אַזוי האָט מען זיי ביידן געבראַכט קיין ווין אין יידישן שפּיטאָל. די „בריחה" האָט צוגענומען צו זיך דאָס ברודערל, אים אויסגעהאַלטן און אַלע טאָג געשיקט מיט אים דעם זאַטן, געשמאַקן מיטאָג פאַר דער שוועסטער אין דעמאָלטיקן אָרעמען שפּיטאָל פונעם הונגעריקן, נאָך־מלחמהדיקן עסטרייך.

שוין אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, ווי די אומגליקלעכע ליגט אַ צוגע־

שמידטע צום בעט און וואַרט אויף דעם צוגעזאָגט, גליקלעכן טאָג צו קענען אַראָפּגיין פון בעט. דערווייל האָט זי זיך פיזיש אַנטוויקלט, די פרוי האָט אין איר דערוואַכט, רייף געוואָרן. די פּרעכטיקע קיילעכדיקע ברוסטן זענען געוואָרן ווי אויפגעבליט, דער שלאַנקער גוף איז פולער געוואָרן, די טונקעלע אויגן האָבן געשטראַלט מיט יוגנטלעכן חן און פייערדיקן רייץ... אַלע אירע אויפגעלעבטע גלידער, וואָס האָבן זיך געריסן צום לעבן, באַוועגונג און אויפגאַנג, האָבן דערוואַרט מיט אומגעדולדיקער פרייד דעם טאָג, די שעה און די מינוט אַראָפּצוגיין פון בעט.

דער הער פּרימאַריוס אַליין איז געקומען, ווען דער אָרטאָפּעד האָט געבראַכט די פּראָטעזע. ער אַליין האָט זיך פאַרנומען מיטן אָנטאָן איר. אַלע קראַנקע אין די בעטן האָבן זיך מיט שמחה צוגעקוקט, אַזוי ווי זיי וואָלטן וועלן אָנטייל נעמען אינעם גרויסן יום־טוב פון זייער אסתרקען...

דער פּראָפעסאָר האָט זי אַראָפּגעפירט פון בעט און געלערנט, ווי אַ קליין קינד, צו גיין, ער האָט געהאַלטן זי ביי דער האַנט און פאַמעלעך, פאַמעלעך זי געפירט און געזאָגט:

— אָט אַזוי! אָט אַזוי! איצט איז נאָך שווער, שפּעטער וועסטו אַליין פּרובירן. ס'וועט ווערן גרינגער און צום סוף וועסטו זעלבסטשטענדיק אַרומגיין! גיי איצט צוריק רוען אין בעט.

ווען דער פּראָפעסאָר איז אַוועק האָט זי בלויז אַ זיפץ געטאָן... אַ ביסל שפּעטער האָט זי אַליין אָנגעטאָן די פּראָטעזע, ווי מען האָט זי געלערנט, און איין קוליע גענומען אונטערן אָרעם. פאַמעלעך האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פון בעט און מיט אָנגעצונדענער האָפענונג אָנגעהויבן היפּען פון בעט צו בעט.

אַלע האָבן אויפגעוואַכט מיט פאַרשנדיקע בליקן. געווען, וואָס האָבן באַגלייט זי מיט אַ ברכה:

— אין אַ מזלדיקער שעה!

— זאָלסט גיין געזונט!

— זאָלסט זיך אויפבויען געזונט!

— עס קומט דיר, אסתרל. זאָלסט זיך אויפבויען געזונט!

— ווי דיין ברודערל וועט זיך עס דערפרייען!...

איר יונגער, פרישער פּנים האָט זיך צעשטראַלט מיט פרייִדיקער דאַנקבאַרקייט, וואָס האָט אַרויסגעבליקט פון איר גאַנצן אויפגעלעבטן וועזן. זי האָט געדרייט דעם שייִנעם, שטאָלצן קאָפּ אויף אַלע זייטן, ווי זי וואָלט צום ערשטן מאָל דערזען די וועלט אין שפּיטאָל און אַלעמען וואָרעם געגריסט. אין לעצטן היפּען, האָט זי זיך נאָך טיפער אַרייַנגעקוקט אין פענצטער, כדי צו באַטראַכטן צום ערשטן מאָל די פּאַר איר אַלט־נייַע וועלט, וואָס איז פול מיט צויבער פון איר לאַנגן, פייַנלעכן אויסדויער און חלום... ווי מיט נצחון האָבן געבליצט אירע טונקעלע, טיף־גרויסע צעעפנטע אויגן.. אויף די באַקן אירע האָט אויפגעשפּראָצט אַ בליִענדיקע פרישע ראָזקייט, די דינע ליפּן האָבן האַלב אָפן, האַלב געשלאָסן, געאָטעמט, ווי מיט נישט אַ דערוובלט יובל...

קראַנקע, אַליין אומגליקלעכע, האָבן זי אַרומגערינגלט מיט מור־טער־ליבע !...

איר קערפּער האָט אַ פלאַטער געטאָן, ווי זיך צו דערהייבן נאָך העכער, דערפילנדיק די ערד אונטער זיך. זי האָט זיך מינוטנווייז אויס־געגלייכט, ווי אַ סאָסנע און אַלעמען איבערראַשט מיט איר גראַציע און שיינקייט. מען האָט זיך איבערגעקוקט מיט חידוש... זי האָט אַ היפּע געטאָן און פּלוצלונג זיך אַ וואַקל געטאָן, פאַרלירנדיק דאָס גלייכגעוויכט... זי האָט זיך אַ בויג געטאָן, ווי אַ מאַגנעטישע קראַפט וואָלט איר אַ צי געטאָן צו דער ערד און איז געבליבן הענגען מאַכטלאָז, זיך אָנגעכאַפּט אין אַ בעט, דעם קאָפּ אַ ביסל אויפגעהויבן, מען האָט באַמערקט דאָס פּנים אירס וויַיס ווי קרייד מיט אַן אויסגעקרימטע גרימאַסע פון פאַר־לוירנקייט, די אויגן האַלב צוגעמאַכט, ווי אין אַ האַלוצינאַציע, פון די ציטערדיקע ליפּן האָט זיך קראַמפּהאַפט דערהערט אַ שטילער ספּאַז־מאַטישער קרעכץ. זי האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אויפגעהויבן. דאָס פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ רויך־געלבער הויט, פון אַ נישט דאַאיקע... זי האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן און אָנגעהויבן יאָמערלעך צו וויינען און שרייען:

— אוי, פאַר וואָס בין איך נישט געהרגעט געוואָרן!? נאָך וואָס בין איך לעבן געבליבן! ווער דאַרף אַזאַ לעבן?...

און צוזאַמען מיט אירע געוואַלדן און יאָמערלעכן געוויין, האָט זיך דער זאַל אַ טרייסל געטאָן, זיך דורכגענומען מיטן טיפן צער פון זייער ייִנגסטער, פּאַראומגליקטער שוועסטער. פון אַלע זייטן האָבן קראַנקע, קרעכצנדיק, געפּליסטערט:

— אסתרקע, אסתרל. באַרואיק זיך!

ביז יעדער איז דערגאַנגען צו זיין אומגליק... דער זאַל איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַן עמק־הבכה, אין אַ פינצטערן טרערן־טאַל, וואָס האָט געשטראָמט מיט הימל־שרייענדיקע טרערן — די טרערן פון דער שארית הפליטה...

מחנה־ביאַליק, זאַלצבורג, עסטרייך. 7־4.10.1946.

„אָרט"־שול אין זאַלצבורג

דער גרויער באַגינען צעעפנט דאָס טאָגיקע ליכט... כאַפּ איך זיך אויף מיט טליענדיקע נעכטיקע דערינערונגען.

מיט אימפעט פאַרלאָז איך מיין שטרויענעם געלעגער, איך פאַרלאָז דעם שוואַרצן, דושנעם באַראַק מיט די האַלבע, איבערגעצאַמטע ווענט פון תפיסה־קעמערלעך, וואָס זענען פאַרסמט מיט גיפטיקע ריחות פון שוויס, פון קאָנסערוון־פּושקעס און קינדער־ווינדעלעך.

איך אַנטלויף פונעם געוויין און יאָמער פון יונגע און אַלטע, פונעם לאַגער בית ביאַליק, וואָס זייבע טונקעלע באַראַקן שטייען, ווי געשוואָלענע קאַסטנס מיט לעבעדיקע מענטשן, ווי קברים. מיט עקל און צאָרן פאַרלאָז איך די שטעכיקע דראָט־פאַרצוימונגען, וואָס פאַרקלאַמערן און איזאָלירן אונדז פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, ווי שקלאַפן, ווי פאַרברעכער. לויף איך מיט האַסטיקע טריט איבער די שיינע גאַסן און גרינע צעבליטע פאַרקן פון זאַלצבורג, מייד אויס די שטומע, קאַלטע בליקן פון די עסטרייכער. עס קומען מיר אַנטקעגן די ליבע, וואַרעמע פּנימער פון די יידישע שילער און שילערינס.

*

אַ גרויסע, צוויי־שטאָקיקע געביידע, אריינגערוקט אין אַ שטילן הויף, צווישן גרינע בוימער, הויבט זיך אויף איבער דער עסטרייכישער אומ־געגנט מיט אירע פאַרוווּנדיקטע ווינקלען, ווי אַן אַלטע קאַפּליצע, צווישן בערג און שטיינערדיקע טרעפּ, אין סטיל פון היסטאָרישן זאַלצבורג.

די „שול" איז געגרינדעט און אויסגעהאַלטן פון „דזשאָינט". אָרגאַני־זירט האָט מען זי מיט דער כוונה צו באַזאָרגן אַלע רעשטלעך לעבן־

געבליבענע נאָכן גרויסן חורבן, מיט פּאַכן. זיי זאָלן קענען, יידישע יוגנטלעכע און עלטערע מענטשן, זיך אַליין אויסהאַלטן נאָכן אויסוואַנדערן פון די לאַגערן.

די פאַכן זענען געווען פאַרשידענע: דאַמען־שניידעריי, צושניידן און נייען, מענער־וועש, סטאָלעריי, ראַדיאָ־ און מאַשין־טעכניקער, עלעקטראָ־טעכניקער און בוכהאַלטעריע.

האָבן זיך טאַקע מיט גרויס חשק און פלייס איינגעשלאָסן אין דער „אָרט״־שול, די דריי הונדערט שילער פון אַלע דרייצן לאַגערן, אַרום זאַלצבורג. מענער און פרויען פון פערצן יאָר אָן.

יעדע פאַך־אויסבילדונג האָט געהאַט איר באַזונדערן זאַל. אָבער צו אַן אַלגעמיינעם צוזאַמענטרעף האָבן גענוצט צוויי ריזן־זאַלן. דער טעג־לעכער צוזאַמענטרעף איז נאַטירלעך געווען ביים פרישטיק. דעם פריש־טיק האָבן אַלע שילער פון דער שול, באַקומען אומזיסט, וואָס איז ביי יענע לאַגער־באַדינגונגען געווען אַ גרויסע זאַך. אַ קלייניקייט! ווייסע, זיסע קאַפּע, מיט אַ האַלבער ווייסער חלה, באַשמירט מיט פּוטער... אָבער נאָך וויכטיקער זענען געווען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, דאָס אַרומ־קוקן זיך און קוקן אויף די פאַרשידענע טיפּן, געשטאַלטן און הערן די באַזונדערע דיאַלעקטן, וואָס האָבן געהערשט אין דער שארית־הפליטה — געקומענע פון רוסלאַנד, פון פּוילן און ליטע, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, לעטלאַנד, פון טשעכאָסלאָוואַקיע און עסטרייך, פון אונגאַרן און רומעניע, פון בעסאַראַביע און יוגאָסלאַוויע.

באַזונדערס האָבן גערייצט דאָס אויג די גראַציעזע, שיינע, יידישע טעכטער פון גאַר דער וועלט. די יונגע, חנעוודיקע יידישע בחורים, האָבן אין משך פון דער האַלבער פרישטיק־שעה געשלאָסן באַקאַנטשאַפטן, באַ־שטימט ראַנדעוווס...

די געבענטשטע האַלבע שעה האָט אויך געגעבן סיורפּריזן. מען האָט זיך געפונען. די אַלע וואַגלער, די האַלבע און גאַנצע יתומים, וואָס האָבן פאַרלוירן אין חורבן אַלץ און אַלעמען — האָבן אויף אַן אומגלויבלעכן, צופעליקן אופן געפונען ווער אַ ברודער, ווער אַ שוועסטער, ווער אַ חבר אָדער אַ שכן. מען האָט זיך דאַן געפרייט אָדער געוויינט אַלע צוזאַמען...

מען זעט פולע זאַלן מיט מענטשן. אַלע אין באַוועגונג און דאָך איז יעדער פאַר זיך. אַזוי פיל גרייז־גרויע מענער און פרויען אויסגע־דאַרטע, אויסגעקוואַרטע, ווי לעבעדיקע שאָטנס, זיצן זיי באַזונדער פאַר־רוקט אין אַ ווינקל און פאַרשלאָסן אין זיך, אין זייער גרויזאַמען צער און בענקשאַפט...

פון אַנדערע ווידער, פון יוגנטלעכע, רייסט זיך אַ בליק, אַ שמייכל, אַ וואַרעם וואָרט צום לעבן, ווי אונטער דער זון די פרילינגס־גראָזן...

אויבן, איבער אַלעמענס קעפּ, הענגען אויף די העלע ווענט אין שיין פון זילבער־בלויען מגן־דוד, די וואַרעמע בליקן פון די ליכטיקע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן און דערציער. האָבן זיך די יידישע שטודירנדיקע אַר־בעטער צענויפגעגאָסן אין איין גרויסער משפחה. זיי האָבן נאָכן חורבן דערוואַכט, געהאָפט אויף אַ פיזיש־געזונטער און גייסטיק־רייפער און מאָראַליש־ריינער, לעבעדיקער וועלט פון אַרבעט און קולטור.

מען שטייט ביי די לאַנגע טישן מיט די געדיכטע רייען תּלמידים, און מען גאַפט; ווי פאַרשידנאַרטיק זיי זענען! און דאָך האָבן זיי זיך דאָ אַלע אויסגעגלייכט! אָט דאָרטן רעכטס, אונטער די נחמן ביאַליק און שלום עליכם־בילדער האָט זיך אויסגעמישט די דיפּלאָמירטע אינטעלי־גענץ מיט זייערע לעקציעס פון שנעל רעכענען און פלינק צייכענען, מיט לאַנג־יעריקער אַרבעטס־פּראַקטיק.

אַקעגנאיבער זיי זיצן צוויי יונגע פּאַרטיזאַנער, וואָס פון קליינוויז אָן זענען זיי געוואַקסן אין וואַלד, אָן עלטערן, אָן אַ היים, אָן קיין שום בילדונג. זיצן זיי פאַרטראַכט, די שטערנס אָנגעשטרענגט, רעכענען זיי אויף די פינגער: איינס, צוויי, דריי, און נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל...

אַ הויכע פרוי, מיט אומעטיקע, שטיל־שטראַלנדיקע אויגן, און מיט אַ לענגלעך מאָט פּנים, שטילע טריט און אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, זיצט און קוקט אין פענצטער א פאַרטראַכטע, שנירלט אַ דין מעלאַנ־כאָלישע מעלאָדיע...

אָט איז דער אינזשיניער פריד, וואָס פאַרגעטערט אַזוי זיין פרוי. בעת ער האָט פאַרלוירן זייערעביידע זין, האָט ער זיך מיט זיין פרוי

אויף די הענט געשאַרט אַ מהלך פון פופצן קילאָמעטער ביז זיי זענען געפאַלן אין פעלד און פּאַרטיזאַנער האָבן זיי געטראָפן ליגן פאַרחלשטע... איצט, דאָ אינעם גרויסן קאָלעקטיוו פון דער שארית הפליטה, האָט ער זיך אַ ביסל באַרויקט, זיינע טיפע, שטילע אויגן מעסטן דעם אַרום, אין ערנסטער פאַרטראַכטקייט נעמט ער זיך צו זיין לעקציע.

אַנדערש איז דער יונגערמאַן פון ריגע. הינטער זיינע אויגן האָט דער עולם אים גערופן „דער אַפּאָסטאָל". ער איז געווען אַ שלאַנקער מיט אַ טונקל־בלאָנדן קאָפּ האָר און לענגלעך־בלאַסן פּנים. כולו צניעות און דערהויבענע פרומקייט; די טריט זיינע זענען אָבער געווען אַ ביסל נערוועזע. קיין מאָל האָט מען אים נישט געזען זיצנדיק, שטענדיק האָט ער געשפּרייזט פון ווינקל צו ווינקל, זיינע לאַנגע הענט האָבן אָפּט מאָל זיך געהויבן צו דער ברוסט מיט אַ רמזדיקן פינגער... אָפּט מאָל זענען זיי געבליבן הענגען, פרעמדע און אומבאַהאָלפענע...

רבקהלע די טשענסטאָכאָווער, ווי נאָר זי באַווייזט זיך, ברענגט זי אַריין אַ הייטערע שטימונג. די יונגע לערערין רופט זי צום טאָוול צייכענען אַ מוסטער־מאָדעל. רבקהלע טראָגט אַ קורץ קליידל מיט אַ געבלומט בלוזקעלע, אויפן ווייסן האַלדז אירן הענגט אַ גאָלדן דין קייטעלע, מיטן בילד פון איר לעבעדיק־באַגראָבענער מאַמען... מיט איר לייכטער שוועבנ־דיקער באַוועגונג וואַרפן זיך, ציטערן אירע שיינע קאַשטאַנען־ברוינע צעפּ, וואָס פאַלנדיק שטיפעריש איבער אירע קאָקעטישע אַקסלען, צעפאַלן זיי זיך ווי טוליפאַנען... אַז זי גיט נאָר אַ בליק מיט אירע טונקעלע רירעוודיקע אויגן און עפנט איר קינדעריש מיילכל און לאָזט הערן איר קלינגענדיקע שטימעלע בעת זי דערקלערט דער לערערין די לעקציע, ברעכט באַלד אויס אַן אַלגעמיינער געלעכטער.

עס געפינען זיך דאָ די שוועסטער אַס, די צוויי יידישע גוט־דערצוי־גענע טעכטער, די פּאַרטיזאַנערינס פון מערב ווייסרוסלאַנד, וועלכע האָבן

זיך געהברט מיט דער גלוביקער און שיינער רחל גרינבוים פון לאָמזשע און די דריי שוועסטער פאָגעל פון אונגאַרן.

דאָ, אין דער שול, אינעם געווירבל פון מוסטערהאַפטע גרופּן מיט אויסטערלישע באַגאַבונגען, פאַרנעמט אָט דער קליינער פרויען־קאָלעק־טיוו, דעם אויבנאָן פון אַלע קולטורעלע און סאָציאַלע טעטיקייטן.

אין פרויען־שיינקייט, וואָס גאָט האָט געגעבן דער וועלט, האָבן ביידע שוועסטער אָס, אַ באַזונדערן חלק. די עלטערע, איטקע, העכער פון מיטעלן וווקס, מיט אַ זאַפטיקער רונדער פיגור אין רייפקייט פון אירע זיבעצן יוגנטלעכע יאָרן, פון איבער אירע פולע ברוסט־קנאָספּן הויבט זיך אָן אַ מאַרמאָר־־מאַיעסטעטישער האַלדז און אירע בלאָנדע לאָקן פאַלן געדיכט איבער איר הערלעכן פנים און אַקסלען, ווי ביי אַ יונגער אומשולדיקער מאַדאָנע; ציין פאַרמאָגט זי ווייסע, פול מיט שטראַלנדיקן קינדערשן חן און אויגן בלויע, פול מיט אומשולד. פון איר גאַנצן וועזן, ווייעט מיט האַרציקער גוטסקייט.

ווען דער וויסטער חורבן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, איז זי אַרויס פון זיבעטן קלאַס גימנאַזיע. צוזאַמען מיט די עלטערן, שוועסטער און ברודער איז זי אַנטלאָפן. שפּעטער, ווען זיי האָבן דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום ביי די פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי זיך ענדלעך קוים דערשלעפּט אַהער, קיין עסטרייך.

די צווייטע שוועסטער, אסתר, איז אַ ברונעטקע מיט איידל־דינע געזיכט־שטריכן; אַ קלאַסיש פיין מיילעכל, געטאָקטע גלידער און מיט אַ פּאָר שוואַרצע, גלאַנציקע ציגיינער־אויגן, וואָס האָבן געבליצט מיט פלאַם־פייערדיקער ענערגיע און פעסטן כאַראַקטער.

אַזוי ווי די עלטערע שוועסטער איז געראָטן אין פאָטער זייערן, דעם משכיל, איז די יינגערע געראָטן אין דער שיינער קלוגער און עבער־גישער מאַמען.

די דריי שוועסטער פאָגעל, שטייען נאָך מיר היינט פאַר די אויגן: פולע, מאַטאָווע פּנימער, איינע ווי די אַנדערע פעסט געבויטע, מיט סאַמעט־גלאַנציקע, שוואַרצע אויגן, סאָלידע שיינהייטן, באַשיידענע מייד־

לעך, טאַטע־מאַמעס קינדער... זייער פליייסיקע און געהאָרכזאַמע שילעריגס, זויבערע יידישע טעכטער.

וועגן דער פרוי רחל גרינבוים, אַ ביסעלע געשיכטע:

געוועזן איז עס אין דער תקופה פון מיינע וואַנדערונגען. פון מיין גאַנצער גרויסער משפחה האָב איך שוין קיינעם נישט געהאַט. אַפילו מיין איינציקע טאָכטער, שולמית, איז נישט געווען מיט מיר. מיד, צעבראָכן, עלנט און אין גאַנצן אַליין. געציילט האָב איך שוין דעמאָלט דעם פערטן צענדליק. ווי טויזנטער אַנדערע פליטים, וואָס האָבן געצויגן קיין ארץ־ישראל, האָב איך געוואָלט זיך פאַרזיכערן מיט אן עקאָנאָמישן קיום. בין איך אַוועק אין דער אַרבעטער־שול.

שטיי איך אַזוי איין מאָל אַ שרעקלעך פאַרבענקטע און מיינע אויגן זוכן שטאָר, אַליין נישט וויסנדיק וועמען... אָבסערוויר איך אַזוי דעם צעשטראָמטן ים פון דער אַלוועלטלעכער אויפגעיאָגטער משפחה, דערזע איך פלוצלינג שטיין פון ווייטן אַ הויכע שיינע פרוי אין אַ ברוין קאָסטיום־קלייד מיט אַן אויסגעבונדן טיכל אויפן קאָפּ, זי האַלט אין האַנט דאָס טעפעלע קאַפע און קוקט אויף מיר. איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. נאָך אַ ווײַלע — קוקט זי ווידער און ווידער אויף מיר. צינדט זיך עפעס אין מיר אָן... נאָך דער האַלבער שעה פרישטיק־פויזע, קערן מיר זיך אום צו די לעקציעס. אויף צו מאָרגנס — ווידער די זעלבע בליקן. גיי איך צו צו איר מיט אַ תירוץ, כלומרשט זוכן צייכן־פּאַפּיר און עס פאַלט מיר פון די הענט. צינדן זיך און לעשן זיך אירע אויגן און דאָס גאַנצע פנים נעמט אָן אַ טויטע בלאַסקייט. צוריק גייענדיק אין מיין פריערדיקן ווינקל, פיל איך, אַז עפעס אַ סילועט נעמט זיך ציען און שלייכן אין מיין ריכטונג. וואַרט איך און שוידער, אפשר האָט זיך ווער אָפּגעזוכט פון מיינע?...

אין זכרון וועגט זיך עפעס... טאַיעט בלאַס... עפעס פון ערגעץ ווייט, ווייט, אין לאָמזשע, שטייט אויף אַ הויף אַ ווונדערלעך שיין קינד, און עפעס ווינקען און שטראַלן אַ פּאָר שמייכלענדיקע אויגן, ווי אַן אָפּגלאַנץ פון ערגעץ ווו.

מיט אויסגעשטרעקטע הענט טוט זי אַ זאָג:

— מנוחה!

איך טו אַ צאַפּל:

— דעם געלן חסידס טאָכטער!

מיר זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס. איצט בין איך שוין מער נישט געווען אַליין.

אַן ענלעכער פאַל האָט געטראָפן אין אַ קורצער צייט שפּעטער, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע שול. אין צווייען זענען זיי אַריין. אַ פּרוי אין איין שוך, די צווייטע פּוס — פאַרבאַנדאַזשירט, אַנגעטאָן אין אַן אַלט קליידל, און דער מאַן אין אַ פּעלצל, ווי אַ דאָרפס־פּויער, אַ באַוואַקסענער, אין אַ פּאָר גרויסע שטיוול. ווען די שילער זענען אַרויס אין דער פּויזע־צייט, האָבן זיך פּלוצלינג דערהערט ספּאַזמעס און געוואַלדן — שוועסטער און ברודער האָבן זיך דערקענט...

רחלע, די קראָקעווער סעמינאַריסטין און לערערין פון לאָדזש, וואָס האָט צוזאַמען מיט איר איידעלן מאַן און פּרעכטיקן ייִנגעלע, זיך געראַ־טעוועט, האָבן געוווינט נעבן זאַלצבורג, אין לאַגער „פּאַרשנוי־פּאַלעס־טינע״. מיר האָבן זיך שטענדיק געטראָפן האַרציק ביז זייער אָפּפאָרן קיין אויסטראַליע.

אין אַלע אָפּטיילונגען זענען געווען ייִדישע לערער און לערערינס. בלויז ביי דער צייכענען־אָפּטיילונג — אַ קריסטין, אַן אוקראַינערין. ביז די סיבה פון דעם איז נישט אויפגעקלערט געוואָרן, האָט עס איבעראַל געקאָכט און געזאָטן...

ווייזט זיך אַרויס, אַז די קריסטלעכע לערערין, אַליין אַ קינדערלאָזע, האָט אָפּגעראַטעוועט אַ ייִדיש קינד פון די נאַצישע רוצחים און עס אַדאָפּ־טירט פּאַר אַ טאָכטער, געבראַכט עס אַהער און גיט עס אַ גוטע דער־ציאונג. אין דעם זכות איז זי איצט דאָ אַ לערערין, פּאַר ייִדישע קינדער. געקומען איר צו הילף, אונדז לערנען צייכענען איז געווען דער יאַפּאַ־נישער אינזשיניער, אַן עמיגראַנט פון רוסלאַנד, אַנטלאָפן נאָך דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע.

און אָט ביי די לאַנגע טישן בויגן זיך איבער די מאָדעלן און צייכע־נונגען די פּליטים־קרבנות מיט אויסגעבויגענע רוקנס, גרוי־געוואָרענע קעפּ

און אויסגעלאָשענע אויגן, מיט צעבראָכענע הערצער פון טיפן צער און בענקשאַפט...

פון דער אַנדערער זייט גלייכן זיך רוקנס פון יוגנטלעכע, מיט מוט און ענערגיע,ביים האַמער און קאָוואַדלע...

אין דער גאַנצער באַגייסטערונג פון פיזישער אַרבעט און גייסטיקער אָנשטרענגונג, בלאָנדזשען אַרום אין חלל קלאַנגען פון היימישע לידער און ניגונים, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע בעלי־מנגנים מיט זייערע מיליאָנען יידישע צוהערער. אַזוי ווי די עלנטע פליטים זוכן אַ היים, זוכן די לידער אַ תיקון פאַר זייער קיום...

עס קלינגט ווייט אַרום דער עכאָ פון גרויסן אַרבעטער־קאָלעקטיוו, עס קלאַפּט דער האַמער, עס רוישן די מאַשינען, עס זינגט די שער, עס בלאַנקט די נאָדל, עס סיקעט די זעג און עס פייפט דער העבל צום טאַקט. דאָס אַלץ גיסט זיך צענויף אין איין האַרמאָניע — געטאָ־ און ארץ־ישראל־לידער, געזונגענע פון די אַרבעטער־בריגאַדעס, וואָס שמידן און צעמענטירן דאָ דעם גורל פון זייער פאָלקס־צוקונפט, פאַר דער באַנייאונג אין זייער באַפרייטן לאַנד — מדינת ישראל!

„אָרט״־שול. זאַלצבורג, עסטרייך — 1948.

מיט דער שארית הפליטה אין די אַלפּן־בערג

א.

און שטענדיק, ווען די פריידּ פון מיינע אויגן לעשט זיך, דערוואַכן די בערג מיט נאַכטיקער שירה. און ווען מיין האַרץ שרייט אויף מיטן צער, פון מיין געבראַכענער אומה, צעקלינגט זיך דער אַלפּן־הימן.

ווען די בערג־משפחה גיסט זיך צענויף אין גליק־זעלישן דרימל, וואַגלט איבער פרעמדע ערד און ימען דער גרויזאַמער גורל פון מיין חרוב־גע־וואָרענעם פאָלק.

ב.

נאַכט. פאַרשוווּנדן דער עכאָ פון טאָגיקן קלאַנג. אַראָפּגעשלונגען האָבן די בערג אַ לעצטן שפּור פון פאַרנאַכטיק־גרויער שיין. אַלץ איז אַנטשוויגן געוואָרן אין נאַכטיקער פאַרשטומטקייט...

אַליין. אָן אַ היים, אָן אַ פריינד, אָן אַ מאָרגן, אָן אַ היינט. פאַרלאָזן פון מענטש און וועלט, מיט אַ ווילד־צעשויבערטן קאָפּ, וואָס ברענט, ווי אין פלאַמען, וואַלגערט זיך מיין בליי־שווערער גוף אויפן שטרויענעם גע־לעגער, מיט גלידער פאַרגליווערטע. ענג איז אין די לונגען, פאַרסמט די לופט און שווער דאָס געמיט. מיין האַלב־וואַנזיניקער בליק האָט זיך אָנ־געטראָפן אויף אַ העלן פונקט. דער פונקט האָט זיך אויסגעברייטערט אין שנייאיקן שליאַך מיט געדיכט געקנעפּלטע אייז־קנאָספּן, ווי דער העלער מילך־וועג אין נאַכטיקן הימל; די קנאָספּן האָבן זיך צעבליט, צעפלעמלט אין טויזנטער מינענדיקע רעפלעקטאָרן, וואָס וואַרפן אַ שיין אויף אַלץ,

זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין האַרטע רייען, ווי לויטערע עדות פון אַ בלוטיקער געשיכטע, וואָס זאָגן: פאַרשרייב !...

ג.

די הילצערנע באַראַקן, ווי אַ טשערעדע געפּענטעטע פערד, האָבן זיך דערנענטערט, זיך צוגערוקט איינער צום אַנדערן, איינגעקאָרטשעט זיך אין נאַכטיקן שווייגן און ווי אַ מחנה פאַרבלאָנדזשעטע וואַנדערער, קלאַ־מערנדיק זיך געטוליעט מיט די פאַרמרהשחורהטע ווינטער־שויבן צו די אַרומיקע דראָט־פאַרצוימונגען מיט אויגן פון עלנט־דערשראָקענע יתומים...

ד.

עס גייען און גייען פאַרמאַטערטע מענטשן־סקעלעטן, אָנגעלאָדענע מיט פּעק, רוקזעק, רענצלעך און צעכראַשטשעטע מאַנטלען אויף איינ־געהויקערטע פּלייצעס און אויסגעקרימטע רוקנס פון אַלטע לייט, וואָס האַלטן זיך ביי די הענט פון וויינענדיקע קינדער; פרויען שלוכצנדיקע מיט אַראָפּ־געבויגענע קעפּ און ברעכנדיקע פינגער; די קינדער צוגעבונדענע צו די אַקסלען; זייגעוודיקע בריסט פון פרויען אַנטהילטע, גלאַנציק פון שווייס־טראָפּנס און ווייסע שניילעך.

דער נייער טראַנספּאָרט פּליטים, אַנטלאָפענע פון חורבן, געראַטעוועטע פון טויט־לאַגערן, פון קרעמאַטאָריעס, פון לעבעדיק באַגראָבן ווערן אין ברידער־קברים און פון אַלע פאַשיסטישע פאַרפּייניקונגען. די גרויסע, גע־מישטע יידישע משפּחה מיט די רינענדיקע ריטשקעס וואַסער, וואָס האָבן זיך געשלענגלט פון זייערע נאַסע מלבושים, זענען ענדלעך אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסער, געפּרווירענער קופּאָלן־געביידע ענלעך צו אַ ציגן־סטאַדעלע אין אַ פּאַליעסיער שטעטל, איצט איז עס זייער היים...

ה.

אָוונט. אַ לאַנגער, טונקעלער, נאַסער באַראַק פון אויפגעקלאַפּטע דינע ברעטלעך מיט צוויי קעגנאיבערדיקע צעפּראַלטע טירן, דורך וועלכע די

שניידיקע ווינטן פון עסטרייכישן ווינטער האָבן זיך איינער דעם צווייטן דערלאַנגט די הענט...

די נאַקעטע ווענט פון דער אַרומיקער ליידיקייט מיטן מאָך־צעפוילטן שימל, זענען איצט אויסגעוואַקסן אין בערג און טאָלן אָנגעוואָרפן, אָנגע־שאָטן און אָנגעהאָרבעט מיט מענטשן, פעלד־בעטלעך און קינדער אין ווילדן מישמאַש און ליאַרעם פון אַ באָמבאַרדירטער באַן־סטאַציע.

אַן אומנאַטירלעכער גערויש פון קולות — שפּראַכן, דיאַלעקטן און אומ־באַקאַנטע אויסדרוקן האָט געהערשט אין שוואַך־באַלויכטענעם, פייכטן חלל.

די אומפאַרשטענדלעכע נישט דערזאָגטקייט האָט פרעמד אויפגעהויבן אַ פּילדערנדיקע, אומדערטרעגלעכע אויפגערעגטקייט, געמישט מיט עקשנות און הילפסלאָזיקייט...

האָבן די פּליטים, ווי שאָטנס אין חושך, געטאַפּט בלינד, געפּאָרעט זיך אין ענגשאַפט, שטויסנדיק מיט די קניען און עלנבויגנס אין יענעמס פּנים און זייטן, שעלטנדיק אין פאָרוואורף, אין טענות צו יענעם, צו זיך, צו גאָט — טענות, טענות און טענות...

ו.

קינדער, איינגעוויקלטע אין נאַסע שמאַטעס, פאַרגאָרטלט מיט שטריקלעך, פאַרפרוירענע מיט רויט־געשוואָלענע נעזלעך און פאַרטרערטע פּנימלעך, אין לאַנגע, שמוציקע קינדבעט־קישעלעך, האָבן זיך וויינענדיק, הונגעריק, פאַרשמאָדערט געצאַפּלט אין דער גרוי־שימלדיקער לופט. אַרויסרייסנדיק אַנטבלויזטע די בלוי־געשוואָלענע הענטלעך און פיסלעך אונטער די געבונדענע שטריק־באַנדאַזשן, האָבן זיי זיך געוואָרפן אַרויף און אַראָפּ, מיטרייסנדיק די בערג שמאַטעס, און די דרימלענדיקע פאַר־מאַטערטע מאַמעס... אַלץ האָט געזיפצט, געוויינט און זיך קאָנוווּלסיוו געוואָרפן...

אויפן קאַלטן, שמוציקן דיל, האָבן קינדער אַרומגעשטיפט, געגליטשט זיך איבער דער געפרוירענער בלאָטע, ווי מיר ווינטער אין דער היים אויפן אייז־טייך, זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. אַרומגעקראָכן,

געפאַלן, געדרייט זיך אין קאַראַהאָדן, געפּויזעט און נאָכגעמאַכט קוואָקנ־דיקע זשאַבעס, קרייענדיקע הענער, מיאַקענדיקע קעץ, האווקענדיקע הינט, און אַזוי אויסגעבלאָטיקטע געגרוישט, געטומלט און געפּרייכט, ווי די געגנדז מיט זייערע דאַרע פּיסלעך און גרויסע, ראַכיטישע בייכלעך... בלויז די אויגן האָבן געלויכטן און געפינקלט — די שיינע, פאַרווייַנטע, יידישע אויגן...

ז.

דער האַלב־קיילעכדיקער, אָפענער לופט־חלל איז טונקל, געדיכט און פאַרסמט מיט גיפטיקע שווייסן, נאַסע בלאָטעס, פאַרפוילטע קאָנסערוון און קינדער־ווינדעלעך.

די הלבשה, וואָס יעדער פון די פּליטים טראָגט, איז אַ געמיש פון פאַרבן און מאָדעלן מיטן געשמאַק פון יעדערנס שטאָט, דאָרף און געגנט. אָבער אין דער נעפּלדיקער ליכט זעט אַלץ אויס גרוי. געדוכט האָט זיך, אַז דאָס זענען אַרעסטאַנטן אין גרויע קליידער, פאַרמשפט אויף אייביקער תפיסה, אויף צו שפּרינגען, טאַנצן דאָ אַ טויטן־טאַנץ...

ח.

נאַכט. שטיל. די וויסטע מידקייט האָט פאַמעלעך דערשטיקט דעם ווילדן האַרמידער. דער הימל־שרייענדיקער הו־האַ איז אויסגערונען דורך די פאַרשנייטע ווענט־שפּאַרונעס אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין.

די פאַרפרוירענע גלידער פון דער שארית הפליטה האָבן איצט איינ־געבייגלטע, צענויפגעקאָרטשעטע געדרוט אונטער די לאַגער־דעקעס, צענויפ־געגאָסענע אין איין געדיכטער פינצטערניש פון אַ שווערער, אומבאַ־וועגלעכער מאַסע...

נאָר פון אַלע זייטן, ווי גליענדיקע קנויטן פון נאַכט־לאַמטערנעס, האָבן זיך צעצונדן אויגן — פאַקעלן פון צער, צאָרן און האַס, פון פחד און אומרו; אויגן — צעבראָכענער שטאָלץ. אויגן — אויסגעלאָשענע פרייד,

גרענעצלאָזע בענקשאַפט און ברענענדיקעליידן! אויגן — רופנדיקע אין תהנונים אויסגייעדיקע, בלאָנדזשענדיקע, פיבערדיק־צעלויכטענע ווי ברע־נענדיקע שטערן, אויגן — פאַרשלאָסענע, טיפע אָפּגרונטן פון געראַנגל און פיין, אויגן — וואָס פרעגן: פאַר וואָס? פאַר ווען? אויגן — מידע פון יאוש, דערשלאָגנקייט און רעזיגנאַציע... אויגן — פון צניעותדיקן געראַנגל, פון נישט דערזונגענער יוגנט... אויגן — פראָטעסטירנדיקע מיט דראָאונג און ווידערשטאַנד! אויגן, אויגן און אויגן...

ס׳איז אַ צעגליט שטיק טעריטאָריע פון צעברענטע געמיטער, ברויזנ־דיקע צעכוואַליעטע הערצער, וואָס אָטעמען מיט אומדערטרעגלעכער, פאַר־ביסענער פרעמדקייט, עקשנות און צעבראָכנקייט.

דער באַראַק, ווי אַ טרערן־אינדזל, איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פייער־שפייענדיקן באַרג.

יום עצמאות אין לאַגער „בית־ביאַליק“

29־טער נאָוועמבער, 1948. 12 בייטאָג. אַן עסטרייכישער ווינטער אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, אין לאַגער „בית־ביאַליק“, זאַלצבורג.

נאָכן חורבן פון אייראָפּעאישן יידנטום. די שארית הפליטה האָט זיך געשטיקט אין די צייטווייליקע לאַגערן פון עסטרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע און פראַנקרייך.

אַ קאַלטער, גרויער באַגינען האָט געעפנט דעם גרויסן, היסטאָרישן טאָג פון דערוואַרטונג. דער פּסק־דין פון אונ"אָ וועט זיין: יאָ, אָדער ניין?

איבער דער פאַרגעסענער טאָג־טעגלעכקייט האָט איצט געשוועבט אַ געשפּאַנטע אומרואיקייט. מ'האָט נישט גערעדט צווישן זיך. מ'האָט זיך בלויז אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן אין אַ שטומער דערוואַרטונג, ווי דער אַרעסטאַנט אויף זיין אורטייל: „וועלן מיר באַקומען אַ היים, צי, חלילה, נישט?!“.

אַ פוילער ווינט פון יענער זייט צפון־בערג האָט אויף דער פּאַן פון גרויער ווינטערדיקייט אַרויפגעצויגן רויך־וואָלקנס און אַ שמייסנדיקער רעגן האָט אַ פלייץ געטאָן איבערן נע־ונדן לאַגער, ווי די טרערן פון די פּליטים, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אַרום.

געדוכט האָט זיך, אַז די טרייע שומרים, די אַלפּן־בערג, וואָס היטן אונדז טאָג ווי נאַכט, ווי די הייליקסטע עדות פון אונדזער בלוטיקער טראַגעדיע, האָבן זיך פאַרטראַכט, איינגעקאָרטשעט און זיך צוזאַמענגע־דריקט מיט אַ שטיל וויינענדיקן געפּליסטער:

— וועלן אונדזערע אומגליקלעכע פּליטים באַקומען אַ היים, צי נישט?!

ענדלעך קלינגט דער ראַדיאָ־הילכער:

„די אוג״אָ־קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט: פּאַלעסטינע ווערט אָנערקענט אַלס זעלבסטשטענדיקע יידישע מדינה!״.

— הוראַ, הוראַ! — האָט אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן אָפּגעהילכט.

— זאָל לעבן די יידישע מדינה ארץ ישראל! — האָבן געדונערט די שטימען פון טויזנטער לאַגערניקעס מיט פרייד און דאַנק.

די טירן פון אַלע באַראַקן האָבן זיך אַ צעפּראַל געטאָן, אַ געוואַלדיי־קער ענטוזיאַזם האָט אַרומגעכאַפּט די מחנה. מען האָט זיך אַרומגענומען, געפאַלן אין די אָרעמס איינער דעם צווייטן און צום ערשטן מאָל זיך האַרציק צעקושט.

— מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב!...

בליץ שנעל איז אויסגעוואַקסן אויף אַן עסטראַדע, אין מיטן פונעם מחנה־פּלאַץ די רומענישע קאַפּעליע. אַרום ח. נ. ביאַליקס בילד, די רעפּרעזענטאַנץ פון לאַגער, האָבן יידן זיך צענויפגעגאָסן ביי די מוזיק־טענער, אונטער די פלאַטערנדיקע יידיש־אַמעריקאַנער פענער, אין אַ טאַנצנ־דיקן קאַראַהאָד, אַ געפלאָכטענע קייט פון יונג און אַלט, פרויען, זקנים און קינדער, האַנט אין האַנט, אַקסל ביי אַקסל, געטאַנצט הויראַס און ריקודימלעך. עס האָבן געזונגען די פאַרוויינטע יידישע קינדער פון די נאַס־שוואַרצע באַראַקן, וואָס לעכצן נאָך פרייד און ליכט. עס האָט געטאַנצט די יוגנט, וואָס האָט זיך, ווי די יונגע אָדלערס געריסן אין דער הויך, מיט זייער שפּרודלדיקער ענערגיע, צו אַרבעט, צו בויען און שאַפן.

עס האָבן זיך צענויפגעגאָסן אין איין יובלדיקער פרייד די יונגע און אַלטע, איין גרויס שלאָגנדיק האַרץ, דאָס פאַרוויינטע, פאַרבלוטיקטע, אויסגעבענקטע האַרץ פון לאַגער. די גרויסע עדה, קיילעכדיקע יתומים, נאָך די זעקס מיליאָנען קדושים — עוד ישראל חי! עם ישראל חי! חי!.

היסטאָרישער מיטינג

דער גראַנדיעזער קלוב ביים „בית־ביאַליק״ לאַגער, וואָס שמט מיט זיין רחבותדיקייט אין דעם גאַנצן זאַלצבורגער לאַגער־ראַיאָן, איז די צענטראַלע פאַר פאָלקס־קולטור.

ער דינט אויך אָפּטער פאַר הכנסת־אורחים. ווי אַ טראַנזיט־לאַגער, קומען אַהער און גייען אַוועק די טויזנטער פּליטים, וואָס שטאַמען פון גאַר דער וועלט. נאָך דער אַל־פאַרזויסטונג פון דער בלוטיקער היטלער־אינוואַזיע, נעמט דער קלוב צייטווייליק אַריין די אומגליקלעכע נע־ונדני־קעס, וואָס פילן אָן די וועגט מיטן צער פון זייערע עלנטע טרערן...

אָבער איצט, אין גרויסן יידישן היסטאָרישן יום־טוב, האָט דער קלוב געביטן זיין קאָליר, פּאָרעם און דעקאָראַציע.

אויף די לאַנגע שורות בענק זיצט אַ פול־קעפּיקער עולם, יום־טובדיק אָנגעטאָן, מיט אַ הייטערן געמיט און געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט...

די ווענט זענען באַצירט מיט בילדער פון יידישע פערזענלעכקייטן. אויבן־אָן מיטן פּנים צום עולם, הויבן זיך אויף די בילדער פון ד״ר טעאָדאָר הערצל, און פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער פאָלק האַרי טרומאַן.

דער געדיכט־באַזעצטער פּרעזידיום־טיש רעפּרעזענטירט מיט זיך די אַלזייטיקע פאַרשטייערשאַפטן פון אַמעריקע, פון דער „יידישער אַגענץ״, פון ארץ־ישראל, פון „דזשאָינט״, פון אַרבעטער־ליגע, ציוניסטישער פע־דעראַציע און פון צענטראַל־קאָמיטעט פון זאַלצבורג.

נאָך דער פייערלעכער דערעפענונג מיט דער התקוה און אַמעריקאַנער הימן, האַלט דער לאַגער־פאַרזיצער, ה׳ מעלצער, אַ קורצע דערקלערונגס־רעדע און גיט דאָס ערשטע באַגריסונגס־וואָרט דעם אַמעריקאַנער רעגירונגס־פאַרשטייער, ה׳ קעלערלאַנג, וועלכער דריקט אויס זיין צופרידנקייט פון אָנטייל נעמען אין גרויסן, יידישן יום־טוב. ער סאַלוטירט דעם גרויסן היסטאָרישן אַקט, וואָס דאָס געפּלאָגטע יידישע פאָלק וועט ענדלעך האָבן אַ היים, גלייך מיט אַלע פעלקער און איז גליקלעך, וואָס דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט גענומען אַזאַ אַקטיוון אָנטייל אינעם באַשלוס פון דער אונ״אָ. גלייכצייטיק רעקאָמענדירט ער צו פאַרשפּרייטן דאָ אַ דערציערישע אַר־בעט אינעם צייטווייליקן לאַגער־לעבן, כדי צו ברענגען אין אייגענעם לאַנד אַ פּראָדוקטיוו־אַרבעטנדיק פאָלק צום שאַפן און בויען די אייגענע היים...

דאַנקבאַרע אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך צעהילכט...

אין נאָמען פון „דזשאָינט״ האָט באַגריסט, אין אַ פּאָר קורצע און וואַרעמע ווערטער, די פרוי מאַזש. איז דאָך קיין ווונדער נישט, וואָס

דער עולם האָט זי אַזוי האַרציק אַפּלאָדירט און באַדאַנקט. ווער נאָך איז אַזאַ נאָענטער מחותן צו דער שמחה, ווי דער „דזשאָינט", דער יידי־שער טאַטע פון די פּליטים, וואָס שטייט אין טאָג־טעגלעכן קאַמף מיט דער נויט און עלנט פון די לאַגער־יידן ?...

אין נאָמען פון דער יידישער אַגענץ רעדט די חברטע בעלאַ פּנינית. איר סובטעל געזיכט אָטעמט מיט וואַרעמקייט און רואיקער ערנסטקייט. נאָר די העלע שטים אירע, וואָס ריזלט פון די בשמחהדיקע טיפענישן, קלינגט ווייך, ווי סודותפול. אין די טיף־דורכדרינגלעכע בליקן פון אירע גרויע אויגן הערשט אַ פייערלעכער פּאַטאָס... ס׳הערשט אַ הייליקייט. אַ ציטער שפּאַלט דורך די טונקעלע לופט פונעם אומגעהויערן לאַגגן זאַל און רירט אונדזער געמיט, דאָס געמיט פון פרוי און מוטער פון לאַגער. זי רעדט:

— מיר, טייערע חברים, זענען גליקלעך זיך צו פרייען צוזאַמען מיט אייך מיטן גרויסן טאָג פון אָנערקענען פאַר אונדז אַ היים, אונדזער היים! אָבער דער טאָג איז נאָך אויפן וועג, עס שטייען אונדז נאָך פאַר גרויסע און שווערע נסיונות. דאַרף ער זיין פול מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מיט קרבנות־גרייטקייט!...

אַ בלויע כוואַליע פון פרייד קייקלט זיך אין דער לופט, און אַ שאַר־פער ברענענדיקער ווייטיק שניידט דורך די בלוט־אָדערן, צוליב דעם שווערן און אייביקן פאַרלוסט פון יענע טייערע, הייליקע מיליאָנען קדושים, וואָס האָבן עס נישט דערלעבט...

און אין שטורעם פון אונדזערע קלאַפּנדיקע הערצער, הערן מיר דעם געררויש פון יענע מעכטיקע ים־כוואַליעס, וועלכע טראָגן אויף זיך די הילפסלאָזע שיפלעך פון די עלנטע, וואַנדערנדיקע פּליטים, וואָס האָבן אין די בלאָנדזשענדיקע מחנות, פון אַלע בעכטנס, געוואָגלט אויף פרעמדע וועגן און געוואלגערט זיך קרוע־בלואידיק אינעם הכנסת אורחים־קלוב, אויף די האַרטע בענק און נאַסער ערד, וואָס זייערע פאַרבליבענע טרערן און קרעכצן סודען צו אונדז פון די שפּאַרונעס, ווי דאַנקבאַרע עדות צום הייינטיקן יום־טוב!...

חברטע בעלאַ רעדט ווייטער און אַ וואָלקן פון צער באַדעקט איר פּנים, וואָס שיינט מיט פרייד און זאָרג. די זאָרג פון דער יידישער אַר־

בעטנדיקער מוטער. עס דוכט זיך אונדז, אַז דורך אירע ליפּן רעדט דאָס האַרץ פון דער ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, צו וועמען אונדזערע הערצער ציען זיך, ווי פאַרחלשטע בלומען צו דער זון, וואָס בעטן זיך: רעד, רעד נאָך, נאָך! און זי רעדט ווייטער:

— דעם ערשטן פונדאַמענט, האָבן מיט גרויסע ווייען, סכנות, קרבנות, געלייגט אונדזערע חלוצים פאַרן בנין פון אונדזער לאַנד. אונדזער האַרץ איז טיף צעוויטיקט פונעם חורבן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונ־דזער פאָלק. מיר טוען אָבער אַלץ, כדי אויפצונעמען די שארית הפליטה. איצט חברים! איר וועט אין גיכן עולה זיין אין אונדזער לאַנד אַריין. מען דאַרף זיך נישט ציען אין שטאָט אַריין, מען דאַרף בויען דאָס דאָרף, ווייל אונדזער קיבוץ פאַרקערפּערט מיט זיך דאָס אַלזייטיקע: דאָס דאָרף און די שטאָט.

ווי אַ הייליקע שבועה: מיר וועלן אַרבעטן! מיר וועלן בויען און שאַפן אונדזער נייע היימלאַנד! האָבן אַפּלאָדיסמענטן געדונערט...

אין נאָמען פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט, רעדט ח. געלער. אין אַ רייכן, אינהאַלטספולן רעפעראַט, גיט ער אַן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון יידישן לעבן בכלל און פון דער שארית הפליטה בפרט. ער דאַנקט דער אַמעריקאַנער רעגירונג און סאָוויעטן־פאַרבאַנד פאַרן גוטס, וואָס ווערט געטאָן פאַר די יידן, פאַרגעסט נישט אויך די אַנדערע רעגירונגען און אינסטאַנצן, ווי די אונ״אַ. דאַן גייט ער איבער צו דער געשיכטע. ער רעדט וועגן דער חשמונאים־עפּאָכע; דערמאָנט געשעענישן, פאַקטן און נסיונות פון דורות און תקופות, וואָס עס האָט אויסגעוויטיקט דאָס גייסטרייכע יידישע פאָלק אין זיין וואַנדערונג איבער דער גרויסער, פרעמדער וועלט, איבער לענדער און פעלקער, זינט דעם חורבן בית שני. ער רעדט וועגן דער ציון־אידייע, די סיבות פון איר געבורט, אירע דערגרייכונגען און אויפטוען פון דעם ערשטן באַזעלער קאָנגרעס, מיט פופציק יאָר צוריק, ווען ד״ר הערצל האָט אין 1897, אויסגעחלומט זיין יידן־שטאָט, ביז דעם איצטיקן מאָמענט, דעם אָנערקענטן פּאָליטישן ציוניזם. ווי אַ פאַקטאָר, ווי אַ נביאישע וויזיע קלינגען איצט זיינע ווערטער:

„צו ערשט וועלן גיין די פאַרצווייפלטע״ — און ווער זענען דאָס,

אויב נישט די שארית הפליטה? — „די אַרבעט וועט געבן אונדזער פאָלק ברויט אויף היינט״.

צום סוף, האָט אונטער די צעשפּילטע, פייערלעכע טענער פון התקוה, דער פייערלעכער מיטינג אָפּגעלאָזט דעם עולם, מיט אויגן פון צעגלאַנצטע טרערן, טרערן פון פרייד — הייליקע, יידישע טרערן.

עסטרייך, ביאַליק־לאַגער, 30טער אָקטאָבער 1947.

פון דער קינדער־וועלט

נאָך דער פאָרשטעלונג פון דער שול־יוגנט, קומען די פריידיקע שעהן פון די דריי־, פיר־, פינף־, זעקס־יעריקע משהלעך, שלמהלעך...

דער נייער דור איז אויפגעוואַקסן ביי דער שארית הפליטה אין איר וואַנדערונג, ווי אַ געשאַנק פון דער נאַטור, אין וועמען די יונגע עלטערן האָבן אַנגעקניפּט און אַנגעבונדן זייער טרייסט און האָפענונג אין זייער נע־ונדן לעבן. זיי, די קינדערלעך, האָבן דאָ מיט דער הילף פון זייערע דערציערינס נינאַ און קאָוואַלסקאַ, געפייערט זייער אומשולדיקע, גאָלדענע קינדהייט אויפן פאָן פון היסטאָרישן יידישן חן...

אין דער קיניגרייך פון פאַרשידן־פאַרביקע און צאָל־רייכע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען האָבן די יינגסטע אַרטיסטן פון דער וועלט געשפּילט פורים — מגילת אסתר.

אין דער ראָל פון אחשורש האָט געשפּילט דער ברייט־פּלייציקער, פעסט־געבויטער גרשונקע. אסתר המלכה — די רומענישע זשעניקאַ מיט אירע גרויסע שטראַלנדיקע הימל־אויגן פונעם קינדער־פרילינג...

עס שפּילן קינדער דעם שטאָלצן מרדכי און המנס מפּלה. די וווּנדער־לעכע שרהלע פון פוילן און דער ברענפייערדיקער יאָסעלע, אויך דער ברוינער היימקע, וואָס קריכט אַרום שטענדיק איבערן באַראַק, שטעלט אָן זיינע שוואַרץ־טרוימערישע אויגעלעך, טאַפּט אָן מיט זיינע דריי־יעריקע הענטעלעך די זעקלעך און וואַליזעס און האַלט אין איין פרעגן:

— וואָס איז דאָס? און וואָ שאיז דאָס?... — עס זינגט און טאַנצט

די הערלעכע בלום היהלע, וואָס שוועבט, ווי אַ שוואַרץ־חנעדיקער שמע־טערלינג אין זומער.

עס מישן זיך פלאַקס־ווייסע קעפּעלעך מיט פּעך־שוואַרצע לאָקן, בליש־טשענדיקע סאַמעט־אויגעלעך מיט קורץ־פּאַרריסענע נעזלעך און פּערלדיק־לאַכנדיקע ציינדעלעך...

און כוואַליעס פון פאַרביקע שמעטערלינגען אין קינדער־געשטאַלטן, רוישן און זינגען אין אַ געמיש פון בלאַנקענדיקע קרוינען, אָריענטאַלישער צעבלישטשעטקייט אין טאַנצנדיקן קרייז פון נאַציאָנאַלע שיינהייטן, באַ־וועגן זיך אין ריטם פון קינדערשן חן מלכים און מלכות, צדיקימלעך און רשעימלעך, חסידימלעך און פּריצימלעך...

עס טאַנצט אַ צעגויפגעגאָסענער, כשופדיקער קאַראַהאָד פון קינדער־בלומען, קינדער־שטראַלנדיקע זונען, פון אַ וועלט אָן אויסטערלישער, וואָס איז געקומען צו אונדז...

עס טאַנצן קליינע מענטשעלעך און גרויסע, גרויסע יידן פון דער געשיכטע...

און איבער ווייט און ברייט גיסט זיך אַריין די קינדערשע געזאַנגען־סימפאָניע, איבערן גרינעם רחבות פונעם נייעם אויפגייענדיקן פרילינג...

האָבן זיך טאַקע טרערן צעפינקלט אין די אויגן פון יונגע מוטערס, הייליקע, יידישע טרערן פון דער שארית הפליטה, וואָס וואָגלט צופוסנס די אַלפּן־בערג...

בית־ביאַליק לאַגער, זאַלצבורג, עסטרייך, מערץ 1948.

אויף אייגענער ערד

אונדז אַנטקעגן

אַ ליכטיקער באַגינען האָט זיך אויפגעהויבן פון הינטער די האָריזאָנטן און זיך אויסגעשפּרייט איבער אונדז, אין ווינטערדיקער לופטיקייט, ווי אַ העלע פּלאַטערדיקע פאָן פון פרידן.

פּורפּור־גאָלדיקע זון־שטראַלן האָבן דורכגעשפּיזלט אין מזרח די האָרי־זאָנטאַלע באַרג־לופט פון דעם ארץ ישראלדיקן ווינטער און מיט שפּיגלדיקן גינגאָלד זיך כוואַליעסווייז אַריינגעגליטשט אינעם באַטויטן לופט־חלל, וואָס האָט כשופדיק און סודותפול געוועבט זיין זילבער־שלייער אויף דער דרימלענדיקער ערד אין אירע אומצאָליקע נאַכטיקע חלומות...

האָבן פילפאַרביקע פייגעלעך און וואָרקענדיקע טייבעלעך צעזונגען זיך מיט דער פריילעכער בשורה: — דער יונגער פרימאָרגן האָט דער־וואַכט אין ישראל!

מונטערע, אויסגעגלייכטע האָבן מיר, די נייע עולים, זיך אַרויס־געשאָטן פון אונדזערע צריפים און פּאַלאַטקעס, זיך פאַרזאַמלט אַרום בנין פון מרכז הסוכנות, וואַרטנדיק מיט אומגעדולד אויף אונדזער ריי — די ריי פון אונדזער קטיף־אַרבעט.

מיט אַ גליקלעכן שמייכל, נישט גלויבנדיק זיך אַליין, האָבן מיר זיך אָנגעקוקט:

מיר, די צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דער גאָרער וועלט;

מיר, די נעכטיקע נע־ונדניקעס, די פּליטים פון די לאַגערן אין דייטש־לאַנד, עסטרייך, איטאַליע און אין פראַנקרייך;

מיר, די עולים, וואָס זענען איבער די כוואַליעס פון מיטללענדישן ים געטראָגן געוואָרן אין שויס פון דער יידישער שיינהייט — די נגבה־שיף;

מיר, די נעכטיקע פּליטים, וואָס האָבן מיט קלאַפּנדיקע הערצער זיך

דערגענטערט צו די אויסגעבענקטע ברעגעס פון אונדזער טייער היימ־לאַנד — ארץ־ישראל;

מיר אַלע, שטייען היינט, ווי שטאָלצע, גלייכע בירגער פון אונדזער לאַנד און דערוואַרטן מיט אומגעדולד דעם גרויסן בראשית פון נייעם לעבן, פון דער נייער ייִדישער וועלט, פון דערוואַכטער אַרבעט, בויען און שאַפן...

טראָגן זיך אונדזערע געפּאַקטע אויטאָס, מיט די חלוציש־צעזונגענע אַרבעטער־קאָלעקטיוון, לענג אויס דעם גלאַטן אַספאַלטירטן שאָסיי פון דער גרינער, בלומיקער מושבה רעננה, וואָס שפּרייט זיך אויס פאַר אונדזערע אויגן אין איר גאַנצער יונגער פּראַכט. די איינוווינער פונעם ישוב גריסן אונדז מיט לויכטנדיקע, וואַרעמע פּנימער.

שאַרפע ריחות פון אַלערליי געוויקסן און קרייטעכצער טראָגן זיך אונדז אַנטקעגן. גרין צעוואַקסענע ציפּרוסן, ווי יוסטע ברייט־פּלייציקע בעל־הביתטעס, באַגריסן אונדז. פון ביידע זייטן אַלייען, פון די טיף־אַריינגערוקטע פּרעכטיקע ייִדישע הייזער, ווי אָפּגעזונדערטע ווילעס, כשופן אַרויס די ברוין־גרינע פּאַלמעס, וואָס לויפן אונדז אַנטקעגן, ווי שיינע, שלאַנקע, קאָקעטישע מיידלעך...

גרויסע, ווייסע היגער־טשאַטעס מיט רוי־צעשפּילטע קאַמען קוואָקען, סאַראָקען אַרויס צו אונדז, דורך די געדיכטע באַקסער צווייגן, פון די בלומיקע ייִדישע הויפן, וואָס דערמאָנען אָן אַלט שטעטל פון פּאָליעסיע; אַ שטעטל איז מגולגל געוואָרן אין אַ נייעם מאָדערנעם דאָרף אין ארץ־ישראל.

ביים סוף פון רעננה־שאָסיי, צעצווייגן זיך די וועגן קיין תל־אביב און חיפה.

דאָ לויפט אונדז אַנטקעגן דער געדיכטער אויטאָ־פּאַרקער פון דער מאַסן־קאָמוניקאַציע.

פון אַלע זייטן קומען אָן, אין פּרימאָרגן, אַרבעטער־מחנות. זיי קומען פון ישובים און איילן ביי די זייטן פון שאָסיי צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער. ברייטע שמייכלען צעגיסן זיך איבער די ברוינע פּנימער פול מיט ענערגיע און ייִדישער ליבשאַפט. עס קלינגען: שלום! און עס לויכטן־אויף אויגן.

עס קומען אונדז אַנטקעגן די בראַווע חיילים, די יידישע העלדן פול מיט גבורה און דרייסטקייט. מיט אַנטשלאָסענע געזיכטער און ברענענדיקע בליקן, איילן זיי פאַרביי אונדז, אין זייער שליחות. ווו נישט ווו פאָרן פאַרביי יידן, מן הסתם תימנער. יידן ברייט־פּלייציקע מיט האָרעפּאַשנע הענט און פולע באַקן. זיי פירן אין קליינע וועגעלעך געשפּאַנטע צו אייזלען, קאַנען מילכיקס, וואָס דערמאָנען מיט זייער גוטמוטיקן אויסזען טוביה דעם מילכיקן.

אַנטקעגן דעם אויפשטייענדיקן ליכט פון אויפשיינענדיקן טאָג, טוקן זיך און שווימען אַרויס אויף גרינע צעוואָרפענע שטחים, לאַנגע שורות פאַראייניזאַמטע ווייסע, שיינע בנינים; זיי דערמאָנען אין יענע גרויסע, ווייסע פייגל, וואָס זיצן אויף אַן אייניזאַמען נעסט און דערוואַרטן דאָס גליקלעכע געבורט פון אַ נייעם דור...

פון איין זייט זענען אָנגעלאָפן אַנטקעגן אונדז ווילד פאַרוואָקסענע זאַמד־שטחים, וואָס זענען פאַרבליבן נאַקעט, זינט די אבות זענען פון זיי פאַרטריבן געוואָרן; איצט ציען זיי זיך צו אונדז מיט ווילדע סאַברע געוויקסן און הויכע גראָזן, ווי מיט טענהדיקע הענט:

— פאַר וואָס, פאַר וואָס, קינדער, זענט איר פריער נישט געקומען? מיר וואַרטן דאָך אויף אייך שוין יאָרן טויזנטער!...

און אַ ווייטיק האָט אונדז באַהערשט, עס האָבן דאָך הייַנטיקע נאַכט די שאַקאַלן דערוועקט אין אונדזער האַרץ, מיט זייער פינצטערן געוויי — אונדזער אייגן געוויין נאָך די קדושים, וואָס האָבן נישט דערלעבט... נישט דערלעבט...

קלענערע און גרעסערע ישובים, דערפער און קיבוצים, האָבן זיך פאַר אונדזערע אויגן אַרויסגעהויבן פון דער צווייטער זייט שאָסיי, ווי עדות פון הלוצישער פּראַצע און שווייס — פון צענדליקער יאָרן העראָישן קאַמף און אָפּערווילקן געראַנגל מיטן שונא — אין הונגער, מאַלאַריע און איינזאַמקייט...

די זיסע אַראָמאַטן פון די ווינטער־בלומען האָבן אונדז פאַרשיכורט, ווי מיט אַלטן וויין. ווייַנגערטנער און גאָלדיק־רויטע מאַראַנצן האָבן אונדז אַנטקעגן געטאַנצט, אין זוניקער אָפּשטראַלונג — מיט זאַפטיקער רייפקייט.

אַ שטילער, אינערלעכער געפיל פון טיף־שלאָגנדיקער פרייד איז אויפגעגאַנגען אין אונדזער האַרץ, דאָס האַרץ פון נייעם עולה: דאָס אַלץ איז יידיש! יידישע ערד, יידישע שטעט, יידישע קיבוצים, יידישע פּרדסים, יידישע גערטנער, יידישע קינדער, יידיש מיליטער, יידישע קאָמאַנדירן, אַ יידישע רעגירונג, אַ יידיש לאַנד, יידיש, יידיש און בלויז יידיש!

און ווען אַנטקעגן אונדז איז אַנגעלאָפן אַ קרעפטיקע מונטערע מחנה אַרבעטער מיט צעזונגענע אַרבעטער־לידער, האָבן זיך טרערן צעפינקלט אין אונדזערע אויגן, טרערן פון אַנטציקונג און פרייד...

מחנות ווייסע טויבן האָבן וואָרקענדיק, געקרייזט אַרום אונדז, ווי פאַרשפּרייטנדיק די ברכה פון שטילער ליבע און מענטשן־פריינדשאַפט. ערגעץ פון ווייטן האָט זיך אַן אייזעלע צעהעשעט מיט אַ ווילד מזרח־העשעריי. אויף די כבישים, אויף די פעלדער האָבן ווייט און ברייט געפלאָסן די געזאַנגען פון מענטש און נאַטור. דאָס פאַסטוך־פייפל האָט געמאַכט אויסדאַכטן, ווי ס׳באַהאַלט זיך ערגעץ מרים מיטן פויק און הינטער די גערטנער אַקאָמפּאַנירט עמעץ.

צעוויגטע און צעהוידעטע, אין אַ צעזונגענער וועלט פון מוזיק, זענען מיר ענדלעך אָנגעקומען צו אונדזער אַרבעט־פונקט — פּרדס־חנה.

מיט אויסגעשפּרייטע הענט האָבן מיר וואָרעם אַרומגענומען די צווייגן פון די מאַראַנצן־ביימער, ווי דעם האַלדז פון אונדזער געליבטער ערד און זיך אַ נעם געטאָן צום קטיף מיט לייב און לעבן, מיט פרייד און געזאַנג — מיט אַ געהויבן געפיל, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו לעבן און אַרבעטן אין מדינת ישראל...

רעננה, דעצעמבער 1948.

עצמאות יום־טוב אין ישראל

מיט דער פרייד פון יעדן בירגער אויף זיין פעלד, אויף זיין גאָרטן און אייגן הויז, שיינט אויף דער יונגער פרילינג אויף דער ערד פון ישראל מיט דער באַגריסונג פון זיין זוניק־וואַרעמען אָטעם, מיטן בלומיקן בלי פונעם יונגן מאַנדל־בוים, מיטן געבורט פון יעדן שוועלבעלע, מיטן אויפגאַנג פון די יונגע פעלד־קרייטעכצער און מיט די הויך־צעבלויטע הימלען, וואָס פאַרשוועסטערן זיך מיט די נאַציאָנאַלע פלאַטערנדיקע יום־טוב־פאָנען, מיט שלום על ישראל!

ווי מיט אַן עלעקטרישן ציטער דערוואַכט דאָס גאַנצע לאַנד צום גרויסן פאָלקס־יום־טוב, מיט טענץ און געזאַנג, מיט שפּיל און פאַר־ווײַלונג.

דער בלויער מיטללענדישער ים רוט איצט שלוהדיק אין זיינע פּערל־מוטערנע כוואַליעס. איבער זיין שפּיגלדיקן רוקן שפּילן זיך און שוועבן, שווימען און גליטשן זיך קליינע, שפּילנדיקע פישער־שיפלעך; צענדליקער ריזן־שיפן, וואָס פאַרבינדן ישראל מיט דער וועלט שטייען ביי די ברעגעס פון די פּאָרטן, ווי אויף דער וואַך...

די אַלטע דריי־פאַכעדיקע פּאָרט־שטאָט חיפה איז אויסגעצירט, אילו־מינירט מיט געוועבטע לופט־קייטן פון פאַרשידנפאַרביקע גלעזער און עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס וואַרפן אַ כישופדיקן שיין אויף די באַלקאָנען און שויפענצטער, דעקאָרירטע מיט בלומען, פאַרביקע טעפּיכער, בעיקר, מיט די באַליבטע ערן־בירגער און פאָלקס־העלדן, מיטן מדינה־פּרעזידענט בראש.

ווען די ערשטע אָרקעסטערס קומען אָן און גייען איבער דער הרצל־גאַס, הויבט אָן דאָס פאָלק שטראָמען פון אַלע גאַסן און געסלעך; פון גורדוי און ארלאזורוב, פון בן־יהודה, הס, חלוץ און ווייטער, ווייטער...

כמעט דאָס גאַנצע פאָלק איז אָרגאַניזירט. יעדער פאַראיין מאַרשירט יום־טובדיק געקליידעט. פרויען און מענער מיט צעלויכטענע פנימער; די בליענדיקע שול־יוגנט אין זייערע אוניפאָרמען, די מיידלעך אין זייערע ווייס־בלויע בלוזקעס, יעדע מיט איר צייכן; די ספאָרט־פאַרבאַנדן מיט די פעסט־געבויטע יונגען און שלאַנק־בויגעוודיקע טעכטער; עס מאַרשירט די מאַנשאַפט, פון ישראלדיקן ים־פלאָט אין ווייסע, בלאַנקענדיקע קאָסטיומען, די אַרבעטנדיקע מונטערע יוגנטלעכע מיט די זוניק־פאַר־ברוינטע פנימער און האַרטע מוסקולן און בעת דאָס פאָלק שטראָמט פון אַלע ווייטערע און נעענטער פראָווינצן, הויבט זיך אויף די שטאָט חיפה מיט איר געמישטן סטיל פון פאַרצייטנס ביז איר היינט־צייטיקייט, ווי אַ וווּנדערבאַרע, דרייענדיקע פיראַמידע פון עפּאָכעס, באַרגיקע נאַטור־דערשייגונגען און שטימונגספולע איינדרוקן...

און אָט די לעבעדיקע סטאַטוע־פיראַמידע שפיגלט זיך פון איין זייט קאָקעטיש אין דער רחבותדיקייט פון בלויען ים, און פון דער צווייטער זייט, קוקט זי אַראָפּ, ווי אַן אַלטע, גוטע באָבע, אויף אירע קינדער און אייניקלעך... און אויך אויף די קיילעכדיקע יתומים, וואָס זענען זיך צענויפ־געלאָפן פון דער צעזייטקייט און צעשפרייטקייט און האָבן זיך דאָ ווידער צענויפגעגאָסן אין איין גרויסער, יידישער משפחה; פון פאַרשידענעם אָפּשטאַם און פאַרשידענע שבטים. און דאָס איז דאָס צעטאַנצטע פיל, פיל־שבטימדיק יידיש פאָלק, וואָס גייט אויף מיט דער שירה פון אַרבעט, פון בויען און שאַפן — אין טאָג פון זיין עצמאות...

דער ערשטער מאַי אין תל־אביב

רחבותדיקע האָריזאָנטן האָבן זיך אַרומגעאָרעמט מיטן יונגן פרילינג. אין פריידיקער בשיקה האָבן זיי דערוואַכט צו אַ ניי לעבן. פריש און באַנייט איז אויפגעשטאַנען די מאַמע־ערד, אין זויבערן באַגינען פון זון־גאָלד און געבענטשט ישראל מיט דער ברכה פון פרוכפערונג...

פויגל־געזאַנג, אין געריש פון זייערע אָנקומענדיקע באַפליגלטע מחנות, האָבן רירעוודיק געוועקט דעם שטאָטישן ישוב פון נאַכטיקן דרימל. ווי אַ שטאָפּעט, אַ צעפלאַטערטער שליח פון באַהאַלטענע נעסטן — ירושלים, צפת, דער עמק, דער גליל, חיפה, דער נגב, הרי יהודה, דער צעבלויטער מיטללענדישער ים־אויסגוס — אַלע, אַלע, ווי מיט פויגלשע פייפיאלן און טראָמפּייטן האָבן זיך געשטעלט צום יום־טוב: — טשיריק, טשיריק! צירק, צירק! — שטייט אויף איר קינדער פון דער ערד, דערוואַך אַרבעטער־פאָלק צום ערשטן מאַי!

אַן אויסגערוטער פון נעכטיקע זאָרגן און אַן אויסגעבאָדענער פון נאַכטיקן זילבער־טוי האָט דער שטאָטישער ישוב זיך אָנגעקליידט אין בלוי־ווייסן ליכט פון בלענדנדיקן מאַי, און חנעוודיק האָט דאָס וווּנדער־קינד, תל־אביב, קאָקעטירט פאַר שפּיגלען פון ימיקע ברעגעס...

ס'האָט דערוואַכט די קיל־שאָטנדיקע רוטשילד־אַלייע — אין שיין פון באַזוניקטע שטחים האָט זי אַנטבלויזט דעם וואַרעמען אָטעם פון דער יוגנט — אירע חלומות, בענקשאַפט און סודותדיקע ליבשאַפט...

ככר דיזנגוף האָט זיך אויפגעוויקלט אַנטקעגן יונגן מאַי, ווי אַ גרינער קנאָספּ מיט בלישטשענדיקע סאַמעט־אויגעלעך, שטיפערישע משהלעך, שלמהלעך, מאָטעלעך און אסתר־המלכהלעך...

דער ירקון האָט זיך אויסגעצויגן אַ פאַרטראַכטער, ווי אַן ערן־וואַך ביים הויכן ים־פּאָרט, ווי אַ מחיצה צווישן וואַסער און יבשה, איינגע־

הערט זיך שמייכלענדיק, ווי די שטילע, שלאַנקע נרדוי־אַלייע האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער חברותא, פון גן מאיר, שנקין, גרדון, חיסין און בן־ציון מיט אַ גליקלעך פאַרטרויטן סוד וועגן אַנמעג פון הינטער־שטאָטישן ישוב, וואָס אָט־אָט פיקט ער זיך אויס...

און אָט זאַמלען זיך אַרבעטער: יונגע און עלטערע יום־טובדיק אָנגעטאָן, פון גאַסן און געסלעך, פון מנדלסון און הרצל, פון מענדעלע און ביאַליק, פון שלום עליכם און י. ל. פרץ, פון סמולנסקי און שמעון פרוג, פון זרובבל און נחלת בנימין־גאַסן, אַ פאַראייניקטע פאַרקערפּערונג פון אַמאָליקע דורות. דורך זייערע געדעכענישן ציען זיך איצט קרעפטיק־וואַקסנדיקע דורות מיט פלאַמיק־פאָדערנדיקע חלומות — אויסגעצייטיקטע, רייף־געוואָרענע צום ערשטן מאי — — —

ברענער־פּלאַץ — דאָס האַרץ פון דער אַרבעטערשאַפט. דאָ איז די „הסתדרות" און די היים פון מפ"ם און דאָס באַראַכאָוו־הויז, דאָ איז דער צוזאַמענפלי פון שטאָט און סביבה. ברענער, דער צאַפּלדיקער נערוו פון חוט השדרה, וואָס פאַרבינדט מאַסע און אינטעליגענץ. וואַרעמע „שלומס" קלינגען פון אַלע זייטן — פון שכונת באַראַכאָוו און רמת־גן, פתח־תקוה, רעננה און בני־ברק, פון נאָענטע קיבוצים, וואָס האָבן געאײַלט אַהער, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער מאַי־פייערונג און אָנגעפילט דעם גאַנצן אַרומיקן שטח, פון אַלע שכנהשע גאַסן, מיט יובל און באַגייסטערונג...

אונטער אַ וואַלד פון רויט־צעפלאַטערטע פענער און טראַנספּאַרענטן ציט אַן אומגעהויערער צוג. געשלאָסענע רייען מאַרשירן אין ריטם און געזאַנג אַנטקעגן דער צוקונפט. עס וויברירן ברוינע מוסקולן און מאַזאָליקע אַרבעטער־הענט; ברייט־פּלייציקע, פעסט־געבויטע יונגען, ווי די דעמבעס, מיט די פלאַמיק־יידישע פּנימער און שוואַרץ־געלאָקטע קעפּ, אָפּגעברענטע דאָרפישע האַרעפּאַשניקעס, מוטיקע פאַבריקס־אַרבעטער און מיט זיי און צווישן זיי, די שלאַנקע יידישע טעכטער מיט שוואַרצע צעפּ, שיינהייטן מיט שוואַרצע ימיק־טיפע מזרח־אויגן, קעמפנדיקע יוגנט מיט געלעכטער און פרייד — די אַנצאָליקע חלוצים־מחנה, וואָס האָט געבויט, געשאַפן און געקעמפט... און מיט זיי און צווישן זיי די צום ערשטן מאָל דעמאָנסטרירנדיקע: די נייע עולים אין ישראל.

עס טראָגט זיך אַ צעברויזטער שטראָם פון אַ ריזיקער מחנה, אַ צע־נויפגעגאָסענער פון בראַנז...

מאַי אין ישראל וויקלט אַלץ אַרום מיט אַראָמאַטן פון צעבליטן בעז און מאַנדל־צווייגן. עס קומען אַנטקעגן שטאָלצע ציפּרוסן און קאַקטעסישע פּאַלמעס מיטן שמייכל פון פרילינג.

צעשפרייטן זיך די גאַסן מיט אָרעמס פון ברוכים הבאים! און שורות ריזן־בנינים אַרויסגעוואַקסענע פון קוסטעס בלומען גריסן זיי וואַרעם:

אַ לויב דער אַרבעטער־וועלט!

אַ לויב די בויער און מויערער!

אַ לויב די שמידער און האַמערער!

אַ לויב דעם אַרבעטער־פאָלק פון ישראל!

אַ לויב די געטרייע זיגרייכע קעמפער!

און מענטש און נאַטור האָבן זיך צענויפגעגאָסן אין אַ האַרמאָניע פון פרייהייט, שלום און מענטשן־ליבע!

תל־אביב, 1949.

ביי דער דיכטערין רקודה פּאַטאַש

באַגעגנט האָבן מיר זיך ביידע ליטעראַריש — אינעם ערשטן יידישן וואָכן־זשורנאַל, וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין ישראל, דעם ערשטן יאָר פון מיין קומען ווי אַן עולה חדשה. זי, רקודה, מיט אַ ליד, וועגן ירושלים. איך — אין פּראָזע — מיט אַ פראַגמענט פון דער דערציילונג: „די נייע כותל מערבי". פּערזענלעך האָבן מיר זיך נישט געקענט. האָבן מיר אָנגעהויבן קאָרעספּאָנדירן. ביז איין מאָל האָב איך פון איר באַקומען אַן איינלאַדונג.

לאָז איך זיך אַוועק קיין ירושלים. געווען איז דאָס, דוכט זיך, אין יאָר 1950. איך שנייד דורך דעם הערלעכן געדיכט־פּאַרבויטן, מאָדערנעם צענטער פון ניי־ירושלים, פאַרנעם זיך דורכן בצלאל־מוזעאום, שטייג אַרויף אויף אַ געהעכערטן פּלאַץ און לאָז זיך באַרג־אַראָפּ אין דער נידער פון דער העבריעטאַ סאָלד־גאַס; צווישן הייזער, שיטער צעוואָרפענע, ווי אַ נישט פאַרענדיקטע שטאָט, ווו שטיקער האָריזאָנטן גנבענען זיך אַריין אין גרויסע, ליידיקע הויפן.

כ'בלייב שטיין. דרויסנדיקע, געדרייטע טרעפּ, פירן מיך אַרויף צום צווייטן שטאָק. כ'קלינג אָן. אַן עכאָ פון אַ הינטל־געביל ענטפערט אָפּ פון יענער זייט מיט אַ שאַרף־העלן געבייזער.

ביי דער געעפנטער טיר איז געבליבן שטיין פאַר מיר אַ בילד־שיינע, שלאַנקע פרוי, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, געדיכט פאַרלאָקט איבערן שטערן, מיט אַ לענגלעך־ראָז פריש פּנים פון אַ גרויס, אומשולדיק קינד... מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט דורכדרינגלעך. איך מיטן נייגער פון אַ יידישער שרייבערין, אַ נייע עולה, זי — מיט דער אָפענער דרייסטקייט פון אַ סאַברע.

דערווייל האָט מיך מקבל־פּנים געווען, ווי אַ פּנים חדשות, אַ ווייסער

פולינקער הינטעלע. דערפילנדיק די פאַרלעגנהייט פון אונדז ביידן, האָט ער זיך צעטומלט און איז אַריינגעפאַלן אין אַ היסטעריע; מיט אַ קוויטשי־קער געבילעריי האָט ער זיך געריסן צו מיר, דראָענדיק, אונטערשפרינגענ־דיק אויף די הינטערשטע לאַפּקעס, און האָט מיטן רוקן באַשיצט זיין דער־ציערין, מאַכנדיק דערביי אַ מחיצה צווישן אונדז און נישט אויפהערנדיק דרייסט צו בלישטשען מיר אין פּנים מיט זיינע מוטיקע יונגע אויגן. רקודה האָט מיט אַ זשעסט דאָס הינטל באַרואיקט. דאַן האָט ער זיך גענומען דרייען אַרום מיר, באַשמעקנדיק מיך פון אַלע זייטן, אונטער־ברומענדיק, ווי אַן אָנגעבלאָזן קינד.

מיר האָבן זיך באַקענט; וואָרעם ארומגענומען האָט זי, דאָס וואונדער־קינד, רקודה, מיך אַריינגעפירט צו איר היים. די היים אירע, וואָס איז פונקט ווי זי, אַזוי באַשיידן און אַזוי אויסטערליש, ווי זי אַליין: — ליכט, אַ סך ליכט! פאַרב, פשטות און דאָך — אַזוי עלעגאַנט!...

אָט, למשל, גייסטו אַריין אינעם פאָדער־צימער, אַ מין האָל, כמעט אָן מעבל, וואָס גרענעצט זיך מיט עפענונגען פון אַלע צימערן: ווייס־געקאַלכטע ווענט, אַן אַרבעטס־טישל אין מיטן, ווייסע געצירעוועטע פאָר־האַנגען איבער די פענצטער, אַן אַלטער גרויסער בלומען־טאָפּ מיט ים־גראָזן, וואָס צעשפרייטן זיך אַרום מיט דער גרינער פרישקייט. אַרויפצו — פאַרשידנפאַרביקע טעפּ און בלומיקע וואַזעס מיט טיכלעך פרימיטיוו־אויס־געניייטע, טישטעכלעך בלאַנקענדיק אויסגעפרעסטע, וואָס דערמאָנען די אידיליע פון אַ חוץ־לארצדיקן דאָרף... און אָט זיצן מיר ביידע אין זאַל, וואָס איז אַזוי געשמאַקפול, עלעגאַנט און דאָך — אָן שום רייכטום...

אונטער אונדזערע פיס דער טעפּיך מיט די פּרעכטיקע מזרח־פאַרבן. קעגן איבער אונדז — דאָס גראַנדיעזע קונסט־בילד — פּראָטאָטיפּ — רקודה פּאָטאַש, געצייכנט פון איינעם פון די באַרימטע קינסטלער, אין נאַטור־פאַרבן, ווי אַ טייל פון נאַטור און אומשולד...

מיר שמועסן וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען, בעיקר, וועגן ליטע־ראַטור, שרייבער און ווערק... אָבער לאַנג זיצן קען זי דאָך נישט — די אַרבעט רופט! ווייל חוץ אירע טעגלעכע שעהן אין בצלאל־מוזעאום, האָט זי דאָך נאָך אַזאַ היים צו באַאַרבעטן! שטייט זי אויף, לויפט אַוועק

און קומט ווידער. זי איז עלאַסטיש, שמאָל און שלאַנק, באַוועגלעך, פול מיט לעבן, פריידיקער ענערגיע און צאַפּלדיקער איניציאַטיוו.

— נו — פרעג איך, באַטראַכטנדיק די זיבערע צימערן — און ווער רוימט דאָס אַלץ?

—איך — ענטפערט זי מיר פון ווייטן פרעסנדיק, שמייכלענדיק און ווידער אַ מאָל זיצן מיר שוין ביידע און זעצן פאָר אונדזער געשפרעך.

אויף דער פּיאַנאָ אַ בילד פון אַ שיינער בלאָנדינקע.

— ווער איז דאָס? — פרעג איך.

— דאָס איז מיין צוויי און צוואַנציק יעריקע טאָכטער — ענטפערט זי מיר.

ווער איך פאַרגאַפט.

— דו האָסט שוין אַזאַ דערוואַקסן קינד?! פון וואַנען זשע נעמט זיך צו דיר אַזאַ יוגנט?!

— גאַנץ פּשוט — ענטפערט זי — איך אַרבעט מיט ליבע, אַלץ, וואָס איך טו — שאַף איך מיט ליבע, דאָס איז דער סוד פון דער יוגנט!

די גאַנצע צייט איז דאָס הינטל געזעסן אויפן שטול און מיט קייי־לעכדיקע צעלויכטענע אויגן פון אַ בעל־שכל אונדז ביידן אָבסערווירט; אָנגעשפּיצט די שיינע אויערלעך און זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון אונ־דזערע שטימען, פון צייט צו צייט באַלעקנדיק די שיינע, פאַרשפּיצטע מאָרדעלע, שטיל אין זיך אונטערברומענדיק, ווי ער וואָלט געזאָגט: „ווייזט אויס אַזאַ מין גאַסט!“.

שבת ביי נאַכט. אין דער פּשטות און זויבערקייט פון איר היים רוט ערשט שבת שלוה. דורך די צעעפנטע פענצטער ווייען אַריין צעשמעקטע, נאַכטיקע ווינטלעך, וואָס ברענגען גרוסן פון די אַרומיקע, ירושלימדיקע בערג, אָטעמען און סודען זיך מיט דער מעכטיקייט פון נאַטור און מיט לעגענדעס פון פאָלקס עבר...

שבתדיק, יידישלעך איז געגרייט דער טיש. אויבן אָן שטייט דער שיינער, ליכטיקער טאַטע אירער; דער יונגער זקן, מיט די טויבן־שטילע, גוטע אויגן און הדרת כבודיקער, קיילעכדיקער זילבער־באָרד. ער מאַכט קידוש. מיר שטעלן זיך אויף. אַ הייליקייט שוועבט אַרום... פון וואַנט

קוקט אראָפּ אַ בילד פון אַ מיטל־יעריקער פרוי מיט אַ וווּנדערלעכן אויס־דרוק: אַ פּאָר טונקעלע, טיף־סימפּאַטישע אויגן פון אַ יידישער טאָכטער, אַ קאָפּ שוואַרצע, געדיכט־פאַרקעמטע האָר, מיט אַ פּנים, וואָס שטראַלט מיט חכמה, ענערגיע און וואַרעמער מוטערשאַפט. עס דוכט זיך: זי קוקט מיט וואַרעמקייט אויף איר געליבטן מאַן און צערטלעכער מוטערלעכער ליבשאַפט צו איר בת־יחידה — דער יתומה רקודה.

צוזאַמען מיט איר באַטייליקן מיר זיך ביים שבתדיקן טיש.

דער ראַדיאָ שפּילט און זינגט שבת־ניגונים. דערביי טראַנסמיטירט ער אַ ליד אויף יידיש, געשריבן פון איר, דער דיכטערין — רקודה פּאָטאַש...

מיר הערן זיך איין און האָבן אַ באַזונדערע הנאה. דער פּאָטער קוקט, פון צייט צו צייט, אויפן בילד פון זיין געוועזענער לעבנס־באַגליי־טערין, וואָס איז אַזוי פרי פון אים אַוועקגעריסן געוואָרן... אַ צאַרטער, פיינלעכער אומעט באַדעקט זיין איידעלן פּנים.

ענדלעך בלייבן מיר אַליין אינעם פרייען, רואיקן אָוונט. אַ חברישע נאָענטקייט פאַרשפּינט אונדז אין אַ געמיטלעכער אָפנהאַרציקייט. זי דער־ציילט מיר שטיקער פון איר פאַרגאַנגענהייט, דאָ און דאָרטן, דאָס הייסט פון ווין, ווו זי האָט שטודירט. צווישן אידייען, עפּיזאָדן און מיינונגען פון אירע פּראָפעסאָרן... אייגנאַרטיק טוט זי אַ הויב די האַנט און מיט איינעם פון אירע צאַרטע, מוזיקאַלישע פינגער גיט זי אַזאַ פּאָכע אין דער לופט, ווי דראָענדיק איראָניש, מיט אַ מוסר השכל: „טאַלאַנט אַליין — אָן קולטור — איז נאָך נישט אַלץ!"...

זי רעדט צו מיר און איך נעם נישט אַראָפּ מיין בליק פון אירע שיינע, שוואַרצע אויגן, וואָס רעפלעקטירן מיט אויסדרוק און שטימונג פון שטילער, צניעותדיקער פאַרבאָרגנקייט און איבערלעכן שטאָלץ; פון קינדערשער פאַרבענקטקייט — צו פריידיקער שטיפערישקייט און דאָך זענען אירע כאַראַקטער־שטריכן פון אַ זעלבסטשטענדיק, פעסט־איבער־צייגטן מענטש מיט אַ ברייטער קולטור און טיפער פאַרשטענדעניש... איבער דעם אַלעמען פליסט אַ קוואַל פון ענערגיע, יוגנט יוגנט און יוגנט!!!

אָט זע איך איר אין בצלאל מוזעאום: די ווייסע, זיידענע בלוזע

אַרום איר הויכן מאַרמאָר־האַלדז שטייף פאַרשלאָסן מיט דער לאַנגער שפּילקע; די צאַרטע באַקן מיט פרישער ראָזקייט באַשטראַלט. זי באַוועגט זיך אַרום די פּאַליצעס, פון די אַלטע און נייע קונסט־אַנטיקן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער עסטעטין; ווי אַ לעבעדיק, האַרמאָניש געזאַנג פילט זי אָן דעם גאַנצן בנין מיט איר באַהאַוונקייט און באַזונדער, מיט איר צאַרטער באַנעמונג צו די באַזוכער, וואָס באַוואונדערן און פאַרגעטערן זי...

*

...נאָך לאַנג, לאַנג, איז מיר נאָכגעגאַנגען די ליכטיקע געשטאַלט פון אָט דער ירושלימדיקער, יידישער פּאָעטין, וואָס איז געבענטשט פון גאָט מיט דער האַרמאָניע פון אַ דיכטעריש־שעפערישער נשמה און אוי־סערלעכער עסטעטישער שיינקייט!...

אין דער וועלט פון אַ ישׂראל־קינסטלערין

(שׂרה אַדיר)

די היימישע קולטור־וויג אירע איז געווען אין ירושלים דליטא — אין ווילנע — נאָכן פאַרענדיקן גימנאַזיע, פּעדאַגאָגישע קורסן און דראַמאַטישע סטודיע. אָבער דעם הויפּט טאַלאַנט אירן האָט זי אָנגעהויבן אַנטוויקלען שוין דאָ, אין לאַנד. אין יאָר 1926, נישט געקוקט אויף דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, וואָס האָט דאַן געהערשט, שטודירט זי קונסט און מיט גרויס דערפאָלג דעביוטירט זי מיט אירע אויסשטעלונגען.

צייכענען, מאָלן און געגאָסענע מענטשן־סטאַטועס — דאָס איז דער געביט פון אירע שאַפונגען. פּייזאַזשן, נאַטור־בילדער, שטאָטישע סקיצן, און דער עיקר — די מענטשן־וועלט. און דאָס אַלץ: פול מיט לעבן, מיט רייץ, אידייאישע אורשפּרינגלעכע און היינטצייטיקע אויפגאַנגען.

אָט שטייען מיר פאַר איינעם פון אירע נאַטור־בילדער: אַ ווינטער ערגעץ אין דאָרפישע פעלדער; פאַרשנייטע, פּראָסטיק־גלאַנציקע שליאַכן; דער צעגלעקלטער שליטן מיט אָנגעפּעלצטע פאָרער איבעם קאַלטן ווינטער און די פאַרחלומטע בוימער ביים וואַלד־ראַנד; דאָס בילד עפנט ווייטע פּערספּעקטיוון און איז אַזוי קינסטלעריש געמאָלן, ממש — מיר אָטעמען מיטן ווינטער...

אַ זומער־בילד. די נאַטור איז צעזונגען מיטן רייץ פון לעבעדיקע פאַרבן. עס דוכט זיך דיר — דו פילסט דעם גערויש פון די ווינטיקע פעלד־זאַנגען און עס ווייעט אויף דיר אַ לעבעדיק־צעבליטער פרילינג מיט זיינע בלומיקע אַראָמאַטן, מיט דער פרייד פון זיין אָפענער, ווייכער ליכט; פונעם אור־אַלטן שטאָם ביזן ערשטלינג־שפּראָץ פון יונגן גרעזעלע — אַ נאַטור־אויפגאַנג אין אַלע זיינע ניואַנסן און קלאַנגען...

אָט איז די שטאָט צפת, ווי די קינסטלערין האָט עס אויפגענומען, מיט איר גאַנצער, אַלטער קדושה, וואָס שוועבט אין די אַלטע שולן: די זקנים אין זייער הלבשה, וואָס שלייכן זיך קוים, ציטערנדיק אין זייער טיפער אמונה, אין די אַלטע שמאָלע געסלעך פונעם איבערבלייב — אַלטער צפת...

די ניי־געבויטע שטאָט אין ישראל: די ארויסגערוקטע געדיכטע פראָפילן, די קאָמבינירטע געדיכטעניש און פאַרביקייט פון אירע אָנגע־הויפטע, נייע, מאָדערנע הייזער און דער חן פון די גרינע פאַרקן. דערביי דערפילן מיר דעם ענגן, טרייבנדיקן אימפעט פון שטאָטישן געאייל...

דערהויפט האָט מיך פאַרכאַפּט די גאַלעריע פון מענטשלעכע סטאַטועס־קעפּ; געקנאָטן פון ליים, אויסגעקריסטאַליזירט דעם פּראָטאָטיפּ פונעם אָריגינאַל; איבערגעפורעמט דעם לעבעדיקן טיפּ, אויסגעמייסטערט זיין עכטע, לעבעדיקע פיזיאָגנאָמיע אין דער קונסט און באַגיסנדיק אים מיט ווייסן גיפּס, וואָס גיט צו אַ באַזונדערן עסטעטישן טעם, האָט זי אין יעדן פון אירע שאַפונגען איבערגעלאָזן איר לעבעדיקן אָטעם און מענטשן־ריח...

אָט איז אַ יונגע, שלאַנקע פרויען־פיגור, אין דער גאַנצער פּראַכט פון איר יוגנט; זיצט זי פאַרטראַכט און פאַרבענקט; און עס דוכט זיך — דו זעסט די נשמה פון איר חלום...

אָט קוקט דיר אָן אַ פּנים פון אַן ערלעכן, אַרבעטנדיקן פאָלקס־מענטש. פּרימיטיוו, אָפנהאַרציק, מיט אַ ברייטן שמייכל אויפן צוטרויכלעכן פּנים, און אויגן, וואָס שטראַלן מיט טיפער גוטסקייט און שטילער חכמה...

אָדער דער טיפער גליק פון מוטערשאַפט, ביים זעטיקן דאָס קינד מיט נאַטירלעכער „מוטער־זאַפט".

בפרט האָט שרה אדיר אויפגעכאַפּט אין איר שאַפן די אָריגינעלע, נישט אויסגעפּאַנטאַזירטע טיפּן פון באַשטימטע אָרטיקע, אָדער היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, אויסדריקלעכע אייגנשאַפטן, כאַראַקטער־שטריכן, וואָס גייען אויף פאַר אונדז מיטן גאַנצן אימפּולס פון זייער מענטשלעכער און אידייאישער עקזיסטענץ...

אַזוי פאַרכאַפּן אונדז רונד אַרום אירע אַלע שאַפונגען, די ווידער־

אַמאָליקע געבורטן פון „באַטור און מענטש”, צו התפעלות און אַנטציקונג, ווייל עס רוט אויף זיי די שכינה פון סובטעלער צאַרטקייט און זעען אַזוי סימבאָליש ווי אירע טיפע, טונקעלע אויגן, וואָס שטראַלן מיט מוטערשאַפט, זיי וואָלטן אַזוי האַרמאָניזירט מיט אירע שעפערישע אַרבעטן...

צום ענדע, קען איך זיך נישט צעשיידן מיטן בילד „עס טונקלט”. טונקלט ביז נאַכט. אַ שריפה צעבושעוועט זיך און שלינגט איין, אין נאַכטיקער פינצטערניש, אַ וועלט מיט מענטשן. און אָט, אָט, דוכט זיך, ווערט אַלץ פאַרלענדט... ווי אַ פינצטערע מגיפה וואָלט געוואָלט די וועלט פאַרשלינגען... נאָר דאָרט, אויבן, הויבט זיך לאַנגזאַם אָן צו וויקלען אַ נייער זונגען־אויפגאַנג — געבורט, רענעסאַנס, צו אַ נייער, בעסערער וועלט !...

יום הביכורים אין קיבוץ גבת

דער שאָסיי חיפה — עפולה — טבריה רוישט מיטן ערב שבועות. עס ציען זיך אויטאָס און וועגענער, צו די דערפער און קיבוצים, צו די ווייטע, רופנדיקע האָריזאָנטן.

פון אַלע זייטן פייזאַזשן פון דעם פּרעכטיקן ישראל־פרילינג: ברייט־צעוואַקסענע פעלדער און לאַנקעס, צעבליטע פּרוכט־ביימער צאַפּלען פון צייטיקע פּרוכטן. פון די אַרומיקע וויינגערטנער טראָגט זיך אונדז אַנט־קעגן אַ ליכטיק געזאַנג פון פילפאַרביקע אָריענט־פייגעלעך.

אונדזער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ. דורכן פאַרעלטערטן וועלדל טוקן זיך העלע הייזער, וואָס ציען זיך, ווי אָדערן איבערן שטח פון קיבוץ גבת צו אַלע זייַנע פאַרצווייגונגען.

דערווייל צעקלינגען זיך די „שלומס" מיט אַ וואַרעמען ברוך הבא. חברים אַרבעטער קערן זיך צוריק, אין די קורצע זומער־הויזעלעך מיט ווייסע אַרבעטס־בלוזעס, פון פעלדער, גערטנער, שולן און וואַרשטאַטן. פנימער צעשייַנען זיך, מען נעמט זיך אַרום, מען קושט זיך חבריש־משפּחיש, און צום אַלעם ערשטן פּירט מען אין חדר אוכל.

דאָס עס־צימער — אַ וווּנדער־קינד. גרויס, רחבותדיק, מאָדערן, זוניק, ליכטיק, זויבער, מיט געשמאַק פון נייַעסטן סטיל. אַריינקומענדיק כאַפּט אַרום עפּעס, ווי אַ מין דערהויבנקייט: די ענערגישע, נאַטירלעך־פאַרברוינ־טע פנימער פון זון און יאָד, פון קאָלעקטיוון אחריות אין די בליקן דערוועקן צו זיך גרויס רעספּעקט, זייער שמייכל — אַ וואַרעמער, וואָס בינדט דיר מיט צוטרוי און אמתער אָנערקענונג פאַרן צווייטן מיט־מענטש און חבר.

ביסלעכווייז ווערן באַזעצט די שורות שטולן. אָ, ווי אַנדערש זיי

זענען דאָ! יעדער אַ באַזונדערער וועלט, שטאָט און דאָרף! פּריוואַט־אייגנטום און חלוציש־קאָלעקטיווע צוזאַמענאַרבעט; מוסקולירטע אַרבע־טער־הענט און איינפאַכע, באַשיידענע מלבושים מיטן אָפענעם, רואיקן בליק אין די אויגן פאַרלייקנט די פּראַזאַיש־ראַפינירטע שטאָטישע פנימער מיט די מאָדערנע טייערע קליידער, וועלכע וויקלען זיך אין הובות, כדי נאָכצושפּרינגען די פוסטע מאָדע.

מיט צוויי שפּאַן ווייטער שטייט דער אַלטער חדר־אוכל, צוזאַמען מיט דער שול, די שול פון די עלטערן. אַ רעליגיעזע עדה פון אַלטן, היימישן שניט. אַט שטייען זיי פאַרטיפט אין דאַוונען, ווי אין דער אַלטער היים. זיי לעבן זיך אויס פריי אין אַלטער טראַדיציע. די פינסקער זין און טעכטער, די פּיאָנערן און בויער פון דעם קיבוץ, וועלכע זענען שוין אַליין היינט צו טאָג זיידעס און באַבעס, האָבן אין כבוד און ליבשאַפט אויסגעבעטן פאַר די קינדער אַן אייביקע, וואַרעמע היים.

אַרויסגייענדיק זאַטע, אָפּגעפרישטע, מיט די געשמאַקע יום־טובדיקע שפּייזן, יאָגט אָן אַ הייסע כוואַליע, וואָס טראָגט זיך פון אַרומיקן וווּנדער־לעכן עמק, פול מיט שפּיל און פרייד.

מיט אַנטציקונג בלייבן מיר שטיין ביים אָפּגעצאַמטן רשת־הויף פון די צוויי־ דריי־יעריקע קינדערלעך, וואָס נעמען זיך אַרום, קריכן אויף אַלע פיר, ווי די זשאַבקעלעך, שפּילן זיך מיטן וואַרעמען זאַמד־מעסטערל, פאַרבייסן אַ ליפּעלע און ווילן זיך דערהויבן מיט די פוכיקע הענטעלעך אַלץ העכער און העכער...

און אָט הויבן זיי אויף זייערע בלאָנדע און שוואַרץ־געלאָקטע קעפּע־לעך מיט די רויזן־רונדע בעקעלעך, קוקן אויף אונדז מיט די לאַכעדיק־אומשולדיקע אויגעלעך מיט די חנוודיקע קלאַנגען: א־מ־א! א־ב־א! און קאַלערן זיך ווייטער מיט די קאָלירפולע באַלן...

דעם גרעסטן חן זעט מען דאָרט, ביי די דריי־ פיר־וואָכיקע עופהלעך, וואָס ליגן אין ווייסע בעטעלעך מיט די פּיטשינקע פּנימלעך און בליש־טשענדיקע אויגעלעך, ווי האַלב־ווילדינקע שרצימלעך, וואָס זוכן און ניש־טערן אינעם שטומען אַרום. אַנדערע, שוין עלטערע, באַוועגן מיט די קליינע פינגערלעך, מורמלען עפּעס, ווי זיי וואָלטן דער וועלט עפּעס זאָגן.

אַרום און אַרום ביי יעדער דירה, הויבן זיך שמעקעדיקע רויזן, באַצויבערנדיקע דאַליעס, קאַלירפולע נעגעלעך און טאַנצנדיק־קאָקעטישע גלאַדיאָלן, איינגעוויקלטע און אָנגעזאַפּטע אין די צויבער־שטראַלן פון בלומען און קנאָספּן, וועלכע גרענעצן זיך מיט די ברעגעס פון די אויפ־גייענדיקע, צעוואַקסענע פעלדער. שטייען מיר פאַרקלערט, ווי אין אַן אויס־טערלישער וועלט — צווישן חלום און וואָר...

ענדלעך דערוואַכן מיר און קוקן זיך אַרום אין דער זייט פון די עלטערן. ליידיקע באַלקאָנען... ווו זענען זיי, די טייערע זקנים? ווו איז די טייערע, האַרציקע מאַמע לייטשיק, וואָס האָט אונטער אירע וואַרעמע פליגל, אַלעמען איינגעזאַמלט? די מאַמע, וואָס האָט געהאָדעוועט אירע אייגענע און אַנדערע קינדער? לייטשיק, די ענערגישע ווירטין, האָט נאָכן פולן אַרבעטס־טאָג, אין די עלטערע טעג שוין, מיט אירע גאָלדענע הענט נאָך געוועבט און געשטריקט סוועדערלעך פאַר די אייניקלעך און דער גרויער קאָפּ איז פול געווען מיט זאָרג, פאַר דער גאַנצער משפחה! ווו איז זי? ווו איז די חשובע רחל? ווו איז דער אַלטער עסטעט ראַבינאָוו מיטן אַריסטאָקראַטישן אַדלער־פּנים? און ווו איז דער פרומער, שטעטל־דיקער לערנער ר׳ מאיר? אַלע זיי און אַנדערע?...

דער גאַנצער קיבוצישער עולם איז איצט פאַרזאַמלט דאָרטן, אין טעאַטער — בית־הערשל, ווייל פון דאָרט צעקלינגען זיך די מוזיקאַלישע טענער פון די קינדער־שפּילער פון גבת, וואָס וויקלען זיך דאָרט אין די געבראַכטע ביכורים־מתנות — די שפע פון די פּרעכטיקע וויינגערטנער, אַרום רחבותדיק־צעשפּרייטע גרינע פעלדער, אין איין האַרמאָנישער קאָמ־פּאָזיציע פון שעפערישער, אַרבעטנדיקער דערגרייכונג, פון גייסטיקער דערהויבונג.

אויפן פרייען, גרינעם פלאַץ, אין שכנות מיטן חדר־אוכל, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן די גרינע, געפלאָכטענע טויערן, וואָס סימבאָלי־זירן מאה שערים.

קינדערלעך אין ווייסע זומער־קליידעלעך, אויף די קעפּעלעך קראַנצן בלומען, האָבן אַליין ווי לעבעדיקע בלומען געבראַכט קאָשיקעס ביכורים; ווי העלע פלאַטערלעך האָבן זיי אַריינגעטאַנצט צו דעם אויבן אָן פון די

כהנים, צום רפת, צו דעם אומשולדיקן שעפעלע, וואָס האָט זיך מעקענדיק געבעטן...

אַ הערלעך בילד איז געווען דער לעבעדיקער פּרוכט־גאָרטן, וואָס איז אַריינגעפאָרן מיטן וואָגן, באַלאָדן מיט דער שפע פון פאַרשידענע פעלדער און גערטנער.

דער יום־טוב האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַלערליי ספּאָרט־פאַרמעס־טונגען, וואָס האָבן איבערגעשטיגן איינער דעם אַנדערן.

ביים פאַרטיילן די אויסצייכענונגען האָבן די פייערלעכע אַפּלאָדיס־מענטן אָפּגעקלונגען איבער דעם גראַנדיעזן שטח און אָפענע רחבותן...

קיבוץ „אַפק“

דער אויפשטייג פון דעם קיבוץ „אפק“, אַ צווייג פון קיבוץ „המאוחד“, איז אַ לעגענדאַרער און ווערט באַוווּנדערט מיט זיינע דערגרייכונגען.

מיט ניינצן יאָר צוריק האָט זיך אָנגעהויבן וועבן זיין חלוצישע געשיכטע. אַ גרופּע אונגאַרישע און דייטשישע יידן האָבן זוכנדיק אַ גע־העריקן שטח פאַר זייער קאָלעקטיווער איינאָרדענונג, זיך צייטווייליק באַזעצט ביים ברעג ים. שפּעטער צווישן מוצקין און קרית־חיים און צום סוף, ענדגילטיק אויף דעם אויסגעוויילטן פּלאַץ צווישן חיפה און עכו, אויף אַן אָרט, וואָס האָט געשמעקט מיט מדבר.

פאַר דעם פערצן־יעריקן געבורט פון זייער סטאַבילן איינגלידערן זיך, האָט דער קיבוץ „אפק“ געשלאָגן לעבעדיקע וואָרצלען אויף אַלע געביטן, וואָס פאַרשעמען זיך נישט קעגן אַנדערע, ברייט־פאַרצווייגטע, עלטערע קיבוצים, סיי אויפן ווירטשאַפטלעכן און סיי אויפן קולטורעלן געביט.

אויף די מיילן ווייטע פעלדער גייט אויף די געבענטשטע ברכה פון אַגריקולטור, פון ווייץ און פלאַקס, אַזוי אויך די פרדסים צעוואָקסענע מיט כלערליי פרוכטן.

און אָט זענען די וווּנדערבאַרע פיש־באַסיינען, וואָס שפּרייטן זיך און גלאַנצן אַרום די גרינע לאָנקעס, ווי בלויע זילבער־שפּיגלען און ברענגען אַ נייע ברכה פאַרן לאַנד.

די משפחה איז אַ געמישטע, אָנגעקומענע און צוגעקומענע, פון דייטש־לאַנד, אונגאַרן, פּוילן, רוסלאַנד און אינדיע. די שיינע, וואַקסנדיקע זין און טעכטער טראָגן אחריות פון לערנען, שאַפן און בויען דאָס קיבוצישע לעבן, פאַרן וויל פון יחיד און קאָלעקטיוו.

דעם דרייצנטן יוני 1966, האָט דער הויפּט־כביש עכו — צפת — טבריה און גליל העליון פון איין זייט און חיפה — תל־אביב פון דער צווייטער

זייט, זיך צערוישט מער ווי אַלע טאָג. די באַנען, אויטאָס און דזשיפּן טראָגן זיך פון גאַנצן לאַנד מיט אורחים, בלומען און מתּנות, מיט קושן, ליבשאַפט און ברכות צו די קינדערלעך פון אפק, צו זייער יום־טוב, צו זייערע ליכטיקע, וואַקסנדיקע יאָרן.

רחבותדיק שפּרייט זיך אויס די קיבוצישע נעסט. שמאָלע, חעלע שטיינער־שליאַכן שניידן דורך די גרינע גראָזן, וואָס באַדעקן דעם גאַנצן קיבוצישן שטח, ווי פאַרצויגן מיט אַ לופטיקן פּליושענעם טעפּיך. יונגע קוסטן, פאַרשידנפאַרביקע בלומען רינגלען אַרום די בנינים מיטן דופטיקן רייץ פון בלי און אויפגייענדיקער שיינקייט.

אַרום די קינדער־אַנשטאַלטן שפּרינגען און שפּילן זיך אַנטציקנדיק לאַכנדיקע קינדערלעך, ווי העלע טויבן. די דערוואַקסענע חברים זענען צעשפּרייט אין די פעלדער, אין די פּרדסים, אין שטאַלן און אין לול, אין קיך און אין שול, ביי די סאַניטאַר־אַנשטאַלטן און אין דערציִאונגס־הייזער.

ברוינע פּנימער מיט נאַטירלעכע שמייכלען נעמען אויף די קיבוצישע פריינד און חברים, די איינגעלאַדענע משפּחות, צו זייער יום־טוב. אַרום איז לופטיק, זויבער און פריש. צעבלויטע לופט אָטעמט מיט ליכטיק־וואַרעמען געמיט פון אַ ישראלדיקן פרוכטבאַר צעשמעקטן זומער, וואָס שפּרייט מיט בשׂמים און פרידן.

אַרום די ווייס־סערווירטע טישן, וועלכע זענען געגרייט אויפן גרינעם גראָז, נעבן יעדער הויז פון דעם בעל־שׂמחה, איז שוין טומלדיק. די לחיימס קלינגען פון אַלע זייטן און דער אַרום איז אָנגעפילט מיט פרייד און געלעכטער. די משפּחות פאַראייניקן זיך און די מחיצה פון שטאָט און קיבוץ פאַרשווינדן.

די פריילעכע שטימונג וואַקסט און אין דער ווייכער, פאַרנאַכטיקער דעמערונג צעקלינגען זיך, ביי די זאַטע שפּייז־טישן, ארץ־ישׂראלדיקע חלוצישע לידער, אַ געזאַנג אַזאַ, אַ יידישער, אַ זיס־הייטערער מיט מוט, שטאָלץ און האָפענונג, וואָס הויבט זיך אויף פונעם פאַרגייענדיקן טאָג, שפּאַרט זיך אָן אין דער צעשפּילטער, פאַרגייענדיקער שקיעה־סימפאָניע ביי די ברעגעס פון ים, ביי די תּבואה־פעלדער, וואָס פאַראייניקן זיך

מיטן האַריזאָנט אין אַ שטיל תפילה־געזאַנג: געוועזן און וועלן ווידער זיין! עם ישראל חי!

פאַרנאַכט. די צוריקגעקומענע אַרבעטער מיט די מיטגעבראַכטע פעלד־ריחות, געוואַשענע, געבאָדענע, האָבן איבער זייערע ברוינע, האַרעפּאַשנע קערפּערס שוין אָנגעצויגן אויף די קורצע כאַקי־הויזעלעך די ווייס־געפּרעס־טע בלוזעס, זיי מישן זיך געמיטלעך אויס מיטן אַלגעמיינעם עולם און פאַרנעמען די דרויסנדיקע זיץ־באַנק, אַריינקוקנדיק אין אַ צייטשריפט.

די מאַמעס, באָבעס, קיבוצישע חברטעס, אין זייערע ווייסע פאַרטוכער פאַרען זיך נאָך אַלץ ביי די לאַנגע שפּייז־טישן מיט פאַרשפּעטיקטע געסט. די יונגע עלטערן ציען זיך צו די קינדער־אַנשטאַלטן, ווינטשנדיק זיי: לילה טוב!

איבערן גאַנצן קיבוצישן שטח זענען פאַרצויגן עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס וויגן און וויגן זיך, אין די טונקעלע געזאַלצענע ים־ווינטעלעך און וואַרפן זייערע פילפאַרביקע ליכטער אויף די פאַרטראַכטע בלומען, אויף די העלע סטעזשקעס, וואָס נעמען, ווי מיט אָרעמס אַרום דעם בלענדנדיקן קיבוצישן שטח.

נייגעריקע שפּאַצירער שיינען אין זייער פילפאַרביקער, מאָדערנער, שטאָטישער הלבשה, וואָס שעמערירט פאַרביי און דערמאָנען די שטאָטישע דאַמען מיט זייער אָנגעצויגנקייט. אַנדערע זעצן זיך אונטער די צאַרטע שירעם־בלעטער, פונעם ברייט־צעצווייגטן בוים, וואָס קילט, שאָטנט און פאַרהילט, ווי אין ראָמאַנטישע סודות...

ווען די נאַכטיקע פעלדער־פויגל האָבן זיך אָנגעהויבן וויגן אויף די צווייגן און אַ זילבער־בלויער וואָלקן האָט זיך געגומען אויסוועבן אַרום די דרימלענדיקע האָריזאָנטן, האָט זיך געעפנט די סצענע מיט אַן אָרקעס־טער פון די צוואַנציק בר־מצוה קינדערלעך. קודם איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רייכן רעפּערטואַר די חברטע מינא, וועגן דער באַדייטונג פון בר־מצוה און באַזונדערס פאַרן קיבוצישן קינד. דער יונגער מזכיר, שמואל וויינבערג, האָט אָנגעוויזן אויף דער דערציאונגס־ליניע, די אחריות, די זאָרג פאַרן וועג, וואָס איז אָנגעצייכנט דעם זעלבסטשטענדיקן, וואַקסנ־דיקן חבר.

אַ בילדל מיטן נאָמען: „כבוש הכרך", וואָס די קינדערלעך האָבן פאָרגעשטעלט, איז געווען איינדרוקספול. דער לעבעדיקער פּאַראַלעל פון צוויי באַזונדערע דורות, צוויי טיפּן — דער יוגנטלעכער, וואָס איז פון קינדווייז אָן דערצויגן אין אחריותפולער, קאָלעקטיווער ליבע: צו לערנען, שאַפן, צו געוויסנהאַפטן אויפגאַנג פּאַר אַ נייער, געזונטער און מאָראַליש־ריינער געזעלשאַפט, ווי אַ פּראָדוקטיווער ייד און מענטש.

דאַקעגן דער יוגנטלעכער פון שטאָט, וואָס וואַקסט אויף בירגערלעכע יסודות און די אַלע אומגערעכטיקייטן, וואָס דערשיינען אויף זייבע וועגן...

דער טוריזנט־קעפּיקער עולם געסט, צוזאַמען מיט די זעקס הונדערט אָרטיקע, האָבן הויפּטזעכלעך אַפּלאָדירט יענע סצענע, ווו אַן איינזאַמער יוגנטלעכער שטייט, שפּעט ביי נאַכט, אַ ווייגענדיקער אין מיטן גאַס, און דער טאַטע זיינער, אַ גרויסער מוזיקער, אַן אָרעמאַן מיט פאַרלאַטעטע הויזן, וואָס שיכורט פון צרות, טרייבט אַרויס זיין קינד, און דער חברישער קיבוץ באַשליסט אַריינצונעמען אים אין זיין ערלעכער, שיינער היים — אין קיבוץ.

מיט די קינדער פון קיבוץ „עין־הכרמל"

דער צערוישטער כביש אין זיין אומאויפהערלעכער באַוועגונג איז דער צאַפּלדיקער נערוו פון דער קאָמוניקאַציע חיפה — תל־אביב.

לויפן זיך פונאַנדער שליאַכן, וועגן און סטעזשקעס, וואָס פירן צו די געדיכט־פאַרבויטע ישובים אַרום און ווי פינגער ווייזן זיי אָן אויף זייער קיום.

אויף שוואַרצער, זאַפטיקער ערד, רעכטס פון חיפה, צווישן געדיכט־באַוואַקסענע באַנאַנע־פעלדער, פלוימען־ און עפּל־סעדער, פירט דורך אַ געדיכטע אַלייע גרינע סאָסנע־ביימער צו אַ הערלעכער פּאַנאָראַמע פון אַ ריזיק־אויסגעשפּרייטן האַלב־רונדיקן פּלאַץ, וואָס רוט האַרט ביים גערויש פון מיטללענדישן ים און אַנטקעגן איבער דער ריז — דער כרמל־באַרג — וואָס בליקט אַהער אונטערן נאָמען: עין־הכרמל.

אויף שוואַרצער, זאַפטיקער ערד, הויבן זיך אויף נייע בנינים, אַרומגעגאַרטלטע מיט בלומיקע קוסטעס און שורות געדיכטע באָקסער־ביימער, פיקוסן און פעפער־ביימעלעך, וואָס גיסן זיך אַריין אין בלוי־צעשטראַלטן חלל מיטן יונגן אַראָמאַט פון ישראלדיקן קלימאַט.

שורות פונאַנדערגערוקטע הייזער, מיט וועראַנדעס, ווי שוועבנדיקע, ווייסע פליגל, טוקן זיך אין יונגע, צעבליטע גרעזער, באַהאָנגענע מיט בלעטער־צווייגן, ווי פאַרביקע קרעלן...

צווישן די בנינים, אַנטקעגן דעם צעעפנטן טאָג־ליכט, שאַלט אויף פריילעך אַ ליכטיקער גערויש פונעם שפּילעוודיקן קליינוואַרג. זיי פילן אָן די גאַנצע לענג פון דער פאַרביקער, זוניקער טעראַסע און זענען איינגעטיילט אין קינדער־היים, לויטן עלטער, קוים ביז צוואַנציק חדשימלעך.

זענען זיי דערווייל זאַלבע פערט: דריי ווייסע און שוואַרץ־האָריקע יינגעלעך און איין מיידעלע — מרימקע מיט אַ שוואַרץ־געלאָקט קעפּעלע,

גרויסע ימיק־טיף־בלויע אויגעלעך, רויטע בעקעלעך, ווי רונדע עפּעלעך און דינע ליפּעלעך מיט לאַכנדיקע ציינדלעך, פול מיט פרייד, מיט שפּיל און קאַפּריז.

שפּילן זיך די קינדערלעך מיט פאַרשידענע פייפעלעך און קעצעלעך און פערדעלעך. נעמען זיי זיך אַרום, וואַרפן זיך פונאַנדער, ווי סנאָפּ־קעלעך שטרוי. וואַרפט זיך מרימקע אויף דעם ווייסן דודל, רייסט אים מיט כוח אַרויס זיין פייפעלע פון מויל. בלאָזט זיך דודל, שטייט מיט ברוגזע אויגעלעך צו דער וואַנט אויסגעדרייט, דאָס קעפּעלע אַראָפּגע־לאָזט. צעוויינט זיך דערוויל יאַקובל, מיטן שוואַרץ־זיידענעם קעפּל און סאַמעט־ווייכע אויגעלעך. קומט צעלויפן די דערציערין, די שיינע וואָלינער טאָכטער, כאַפּט אויף די הענט דאָס וויינענדיק נפשל און קוקט אָן שמייכלענדיק די אַנדערהאַלבן־יעריקע מאַמע — מרימקע, וואָס טראָגט זיך שוין אַרום מיט אַ גרויסער ליאַלקע און זינגט מיט אַ האַלב־קינדערשן טאָן, פון אַן אָפּגעריסענעם ניגון: אַ־אַ־איי־לע, לו־לו!

ליגן אויף דער צווייטער העלפט וועראַנדע אויסגעלייגט: דריי, פיר, וואָכיקע עופהלעך, אין זייערע ווייסע בעטעלעך, געוויקלט אין זייערע ראָז־בלויע קאָלדערקעס, מיט פּיצעלעך פּנימלעך און בלישטשענדיקע אויגעלעך.

אַנדערע קינדערלעך, ווי אויסגעפּיקטע הינדעלעך פון איי אַרויס ציען זיך, באַוועגן מיט די קליינע הענטעלעך, פינגערלעך און מורמלען עפּעס, ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס זאָגן. דאָ ציען זיי זיך צו דער זון, ווי לעבעדיקע בלומען, דאָ פאַרשליסן זיי זיך אין דער בלאָנדזשענדיקער, טונקעלער מאַסע...

עס קומט צו לויפן אַ יונגע מוטער, אַ זויגערין, אין אַ גרינער כאַקי־אַרבעטס־בלוזע. די אַרבל פאַרקאַטשעט, די האָר פאַרשאַרט. מיט ציטער־דיקע הענט וויקלט זי פונאַנדער דאָס עופהלע, דריקט עס צערטלעך צו צו דער אויפגעקנעפּלטער ברוסט און דער פולברוסטיקער, רויטער וואָרצל שטראָמט שוין מיט דער שפע פון מוטער־מילך אין קינדס מיילעכל אַריין. אַ פאַררויטלטע, אַ שעמעוודיקע און גליקלעכע רופט זי דאָס קינד מיט אַלע צערטלעכע נעמען, מיט אַנטציקונג הערט זי זיך צו צום צטף־צטף־צטף,

ווי דאָס קינד שלינגט די זיסע מילך־זאַפּט און ווערט איינס מיט דער מאַמעס ברוסט, וואָס גיסט אים איבער די קוואַליקע מוטער־ליבע.

הוידעט זיך אַ פויגל אויפן באָקסערן־צווייג, אַ פויגל מיט אַ געלב־פוכיקן בייכעלע און בלויע פּעדערלעך און וואַרפט מיטן קעפּל אַהין און אַהער צוויץ־צוויץ! טוט אַ פינקל מיט די טונקל־קיילעכדיקע אויגע־לעך אויף דער מוטער און קינדערלעך, גיט אַ פּיק אַ פּאָר מאָל אין צווייג און פאַרשווינדט. קומען אַנדערע צוויי שפּילן זיך אין אַ לופט־קרייז, שטעלן זיך אויפן ראַנד פון וועראַנדע, קושן זיך אין די שנעבעלעך און צוויץ־צוויץ! גאַלאָפּירן זיי אין דער לופט אַריין!...

קומט אַרויס פון אונטער דער וועראַנדע אַ ווונדער־שיינע, ווייסע קאַץ, מיט אַ שוואַרץ געפּינטלטן קאָפּ און עק און טרעט ווייך אויפן גרינעם גראָז, און נאָך איר — איין קינד, אַ ווייס געשפּריגקלט־גרוי קעצעלע און נאָך איינס — אַ ראַבס. זי שטעלט זיך אָפּ, קוקט אַרויף פאַרטראַכט צו די קינדערלעך און מיטן דינעם, רויט־גלאַנציקן צונג לעקט זי און וואַשט די יונגע פעלכעלעך און קערפּערלעך פון אירע קינדער־קעצעלעך.

אַ ווונדערבאַרע, דורכזיכטיקע שטימונג געמט אַרום אין די רואיקע פאַרמיטאָג־שעהן. דער קיבוץ איז, ווי אויסגעליידיקט פון זיינע איינוווינער. מען פילט נאָר אינעם קלאַפּן און האַמערן פון זיינע אַנשטאַלטן, אַז ערגעץ ווו אין זיינע אַרבעטס־פאַרצווייגונגען ווערט אינטענסיוו געבויט און געשאַפן דאָס פּראָדוקטיווע אַרבעטס־לעבן; אַז יעדע שעה, מינוט און סעקונדע שענקט יעדער זיין מי און מאַטער; אַז מוסקולירטע אַרבעטס־הענט צעמענטירן דאָס נייע, קאָלעקטיווע קעגנוואַרט און צוקונפט.

אָבער דאָ דוכט זיך, אַז אין דעם קעניגרייך פון דער קינדער־וועלט לעבט און הערשט דער גאַנצער וועלט־יסוד. ווייל אין דער דאָזיקער געבענטשטער שלוה הערסטו שוין דאָס ריטמישע קלאַפּן און אָטעמען פון די הערצער פון די קומענדיקע מענטשן, פריינד און חברים. זיי אַלע דאַרפן זיך אויסוויקלען פון די ראָז־דיגע קערפּערלעך, פון די צאַרטע מילך־שטימעלעך, אַזוי אויך די טאַנצנדיקע קינדער־קאַראַהאָדן פון דער־בייאיקן גן ילדים און דאָס מעקען פון די פּאַשענדיקע זיך שעפּעלעך אין פעלד, דאָס רייסן זיך פון יונגע בלומען־קעפּלעך צו דער זון, די צעזונגענע

פויגל־כאָרן אין דער לופט, דער גערויש פונעם טראַקטאָר אונטערן אַקאָמ־פּאַניאַמענט פון פּאַסטוכס פייפל אין איין האַרמאָנישער אידיליע פון נאַטור און קינד.

— צליל, צליל, — רייסט איבער די שטילקייט דאָס קלינגען פון דער קינדער־שול. אַלץ לעבט אויף אין פריילעכן געפילדער און רעש.

קינדער אין געמישטן עלטער, צעלאָזן זיך איבער שטחים און גראָזן, לויפנדיק, קאַליערנדיק זיך און לאַכנדיק.

שטעלן זיי זיך אָפּ ביי דער קינדער־טעראַסע, רופן, פּאַטשן מיט די הענט, שטעקן אַרויס אַ צונג אין שטיפערישער ליבשאַפט.

איבער די טראָטואַרן, וואָס ציען זיך אין דער לענג און ברייט פון קיבוץ, ווי אָדערן אין גוף, איילט די יוגנט, איילן די משפחות אין דער מיטאָג־שעה צום חדר־אוכל, וואַרפנדיק פון ווייטן וואַרעמע בליקן צו דעם קליינוואַרג; אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ שאָקל מיטן קאָפּ — און ציען ווייטער.

ווען טונקל־נידעריקע הימלען צעצינדן זיך אין גאָלד־צעלויכטענע מיליאָנען שטערן, ליגן שוין קינדערלעך אין ווייסע בעטעלעך, ביי ליכטיקע ווענט, איינגעהילט אין קלאָרינקע בעטצייג. זיי ציען אין זיך אַריין די נאַכטיק־זויבערע לופט און ריחות פון מאַראַנצן און טרויבן. אַ קיל ווינטעלע ברענגט פון די סודותדיקע פעלדער דעם בלעטער־געשאָרך, ווי אָוונטדיקע תּפילה־זכה. שטייף אָנגעצויגן טורעמט זיך דער מעכטיקער כרמל־ריז, ווי צו נאַכטיקער געטרייער שמירה. שוימיק צעזונ־גענע ים־כוואַליעס אין שטיל־פּליעסקענדיקן ריטם וועבן זיך מיט כישופ־דיקע מעשהלעך פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. מעשהלעך פאַרוויגנדיקע אין זיסן טיפן שלאָף, די יידישע קינדערלעך, פון עין־הכרמל.

נאַציאָנאַלער אַרכיוו אין ירושלים

אין ירושלים, ביים ראַנד פון המלך דוד־גאַס, ביי אַ געדיכט־באַגריינטן שטח, אַרומגעקראַנצט מיט טראָפּישע בלומען־קוסטן, שטייט אַ פּיל־שטאָ־קיקער און זון־באַשטראַלטער ריזן־בנין. זיינע שאַרפע ווינקל־קאָנטורן שניידן זיך אַריין אין זייטיקע גאַסן און געסלעך. זיין פאַסאַד קוקט שטאָלץ און אָפן צום צענטער ירושלים.

דאָ איז די היים פון דער יידישער אַגענץ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט עליה־פּראָבלעמען; דאָ געפינט זיך דער נאַציאָנאַלער אַרכיוו, וואָס פאַר־באָרגט אין זיך די דורותדיקע געשיכטע פון יידישן פאָלק, זיין לעצטע קאַטאַסטראָפע און ווידער־אויפוואַכונג צו אַ באַנייט נאַציאָנאַל, זעלבסט־שטענדיק לעבן.

אַ באַשיידענע טיר פירט מיך איבער טרעפּ, אַראָפּ צום אַרכיוו, ווו איך בין געקומען זוכן געוויסע מאַטעריאַלן. ביי אַן אַלטן שרייב־טיש זיצט דער דירעקטאָר, ד״ר קלויזנער, איבער כתבים און נאָטירט עפּעס. ער הויבט אויף דעם קאָפּ, דערלאַנגט מיר די האַנט און קוקט מיר אָן פאַרשעריש מיט זיינע דורכדרינגלעכע אָדלער־אויגן און העל־צעלויכטענעם פנים.

איך גיב אים איבער מיין בקשה. ער פאַרטראַכט זיך אַ ביסל און זאָגט:

— ליידער, איז צו אונדז נישט אַלץ דערגאַנגען נאָכן לעצטן חורבן פון פאָלק און אַפילו אויף דעם, וואָס איז פאַראַן, פעלט אונדז אויס אָרט איינצוסדרן די אַרכיוו־מאַטעריאַלן.

ד״ר קלויזנער איז זייער וויליק מיך צו באַקענען מיטן אַרכיוו פון סוכנות. מיר לאָזן זיך אַוועק דורך זייער שמאָלע דורכגענג און קומען אַריין אין אַ לאַנגן און ברייטן זאַל, אין גאַנצן אַ פאַרבויטן, אַ פאַרשטעלטן

מיט גרויסע שאַפעס און שאַפקעס, וואָס שטייען און הענגען אַרום די ווענט. דער מיטעלער ריזן־שטח פון זאַל איז געדיכט און ענג פאַרבויט מיט קוואַדראַטנע הילצערנע פאַליצעס. אַלץ איז דאָ אָנגעפּאַקט מיט ביכער, זשורנאַלן, ענציקלאָפּעדיעס, סתם דרוק־מאַטעריאַלן און הונדערטער מאַנוסקריפּטן, צעלייגט און צעשטעלט אין זויבערער, מוסטערהאַפטער אָרדענונג. שורות, שורות אָפּטיילונגען, גרופּן און פּאַכן, יעדע שורה — אַ וועלט פאַר זיך. יעדע זאַמלונג — אַ דור. און יעדע תקופה מיט אירע עליות און ירידות.

ד״ר קלויזנער שטעלט זיך אַלע ווײַלע אָפּ נעבן אַ באַזונדערער זאַמלונג. מיט בקיאות און זאַרגעוודיקער פּאַרזיכטיקייט הויבט ער אויף אַן עקזעמפּליאַר און מיט אַ לעבעדיקן, יוגנטלעכן טאָן אינפאָרמירט ער מיך, וועגן זיין היסטאָרישן ווערט, דאַטע, שטאָט, וועגן דער געזעלשאַפט, וואָס האָט דעם עקזעמפּליאַר צוגעשיקט פאַר דער אינסטיטוציע.

רואיק דערקלערט ד״ר קלויזנער די באַדייטונג פון יעדן דאָקומענט. זיין ערנסטער שטערן ווערט אויסגעלייטערט. זיינע בליקן — באַזעלן און באַווירקן. איך קוק אָן אַלטע ווערטן, געניאַלע שאַפונגען פון מיטלאַלטער און פון די לעצטע יאָרהונדערטער פון יידישע דענקער, פילאָזאָפן, גאונים, וויסנשאַפטלער, פּאָעטן, סאָציאָלאָגן, קינסטלער, מוזיקער, היסטאָריקער, בויער, שעפער און איבערבויער פון תקופות, וואָס האָבן אין זייערע ווערק אָפּגעשפּיגלט דאָס צאַפּלדיקע לעבן פון פאַרגאַנגענע יידישע דורות.

עס טונקלט שוין. פון אונטערן נידעריקן סופיט פאַלן שאָטנס, שפּרייטן זיך איבער די ווענט, שאַפעס, טישן און דעקן צו די טאָוול־רוקנס, וואָס באַהאַלטן אין זיך די געשיכטע פון פאַרגאַנגענע תקופות.

און אָט שוועבן פאַר די אויגן אותיות, וואָס טראָגן אָן אויף דיר צער און ווייטיק. „קולטור־אָפּטייל פון לעצטן אייראָפּעאישן יידנטום״. איך ציטער אויף. אַ טיפער, ברענענדיקער ווייטיק האָט דורכגענומען מיין האַרץ. איך גראָב זיך איין מיט אַלע מיינע חושים אין דער דאָזיקער פאַרגאַנגענהייט וועלנדיק געפינען זיך אַליין...

די גרויסע יידישע וועלט פון פּוילן און ליטע, די וועלט פון מיין דור ליגט אין ביכער, בלעטלעך און שמות־קברים פון ירושלימער אַרכיוו.

באַקאַנטע זענען זיי מיר אַלע היימישע צייטונגען, זשורנאַלן פון וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק און פינסק.

אָ, פינסק! קליינע, יידישע מאַמע פון פּאָליעסיע! מיט אירע גרויסע חלומות, מיט אירע ליכטיקע פערזענלעכקייטן, מיט אירע דריי יידישע צייטונגען: „פינסקער שטימע", „פינסקער וואָרט", „פינסקער לעבן", וועלכע האָבן דאָרט געשמידט דאָס שעפערישע יידישע וואָרט. דאָס איז דאָך געווען מיין שעפערישע היים. ווילנע, ירושלים־ד׳ליטע, דאָס וויגעלע פון יידישע אידייען... איר אַלע, אַלע פון פוילן און ליטע אויסגעגאַנגענע נשמות, וואָס וועקן, פאָדערן און מאָנען אַ תיקון...

אין טיפער קדושה האָט מיין ווייענדיקער געמיט געוואָנדערט איבער דעם הייליקן, טייערן פאָלקס־אוצר און שטיל האָבן מיינע ציטערדיקע ליפן מתפלל געווען: געבענטש און געשטאַרקט זאָלן זיין די וועכטער, וואָס וואַכן איבערן גייסטיקן אוצר פון אונדזער טייערער פאַרגאַנגענהייט!

ביים כותל המערבי

אַ הויכע, אַלטע וואַנט הויבט זיך אויף פונעם אור־אַלטן הר־הבית און קוקט אַראָפּ מיט יחוסדיקן עלטער צו דער אַלט־שטאָט ירושלים.

דער אומגעהויערער ברייטער שטח, וואָס שפּרייט זיך אויס דאָ אין טאָל, איז געפּאַקט מיט טויזנטער מענטשן.

קעגן דער וואַנט, איבערן טאָל, שטייט אַ קלויסטער, וואָס די נישט־יידישע וועלט האָט אויפגעבויט נאָכן חורבן בית־שני; מיט אירע הייליקע בילדער דערמאָנט ער, אַז עס איז פאַראַן נאָך אַן אמונה...

מאַסן מענטשן שאַרן זיך לענג־אויס דעם באַרג־שפּוע אַרויף ביז מ׳דערגרייכט מיט די מידע פיס אַ צעקרישלט, זאַמדיק, ברייטע עפענונג, וואָס פאַרכאַפּט ביים האַרץ, עס שפּירט זיך דער רואינען־ריח, פון פאַר־צייטיקן פאָלקס־חורבן.

אַריינקומענדיק טרעפט מען אַ גרויסן, פירקאַנטיקן הויף אין פאָרעם פון אַ „ח״. אַרום אַלטע, אָפּגעריבענע, צעלעכערטע ווענט מיט שיטערע שפּאַרונעס, וואָס זענען ערטערווייז פאַרשטעקט מיט פאַרשריבענע צעטלעך און קוויטלעך — בקשות צום רבונו של עולם...

דער הויף איז פול מיט מתפללים. דער צעבלויטער, נידעריקער מזרח־הימל שיט מיט פייערדיקער זון־טרוקענער היץ. מענטשן־שטראָמען שאַרן זיך צווישן פובליקום מיט בייגעריק־פאַרשנדיקע בליקן.

דער הויף פון כותל איז איינגעטיילט אין צוויי העלפטן (אָפּגעצאַמט מיט שטריק) — פאַר ווייבער און מענער. אַן אויפשריפט פאַרבאָט נישט אָנצינדן קיין ליכט.

עטלעכע פרויען אין לאַנגע קליידער מיט לאַנגע אַרבל זאָגן מיט טרערן תפילות און קושן די וואַנט.

אַנדערע, שוואַרץ־חנוודיקע ווייבער, פרויען פון מזרח־עדות, בעטן מיט

די הענט צו דער וואַנט. ווען זיי רוקן זיך אַרויס מיט פאַרגרינגערטע הערצער, שאַרן זיך צו יינגערע מיט פּאַרוקן, טיכלעך און היטעלעך אויף די קעפּ, אָנגעטאָן אין קורצע קליידלעך און סאַנדאַלן אויף די פאַרשטויבטע פיס, זיי טאַפּן מיט די הענט די צעלעכערטע וואַנט, ווי זיי וואָלטן ווען פילן איר פאַרווירקלעכטע ממשותדיקייט.

אַ שניידנדיקע שטים פון אַ יונגער פרוי האָט זיך אַריינגעשטאָכן אין דער טיף:

— אָ, הייליקע וואַנט, ראַטעווע מיין זון, וואָס האָט געהאָלפן אויסקעמפן דיין פרייהייט! ער ליגט אַ שווער־פאַרוואונדעטער, באַווייז דיין זכות, וואַנט, פון אונדזער בית־המקדש! אַזוי ווי דו ביזט צוריקגעקומען צו דיין פאָלק ישראל, אַזוי זאָל מיין זון, מיין איינציקער, זיך צוריקקערן אַ געזונטער!

טראָגט זיך צווישן דעם המון אַ הויכע, אַ ביסל געבויגענע פרויען־געשטאַלט, פאַר דרך־ארץ האָבן די באַזוכער געלאָזט פאַר איר אַ פרייען צוטריט. זי האָט זיך, ווי אַ נויג געטאָן. איר פאַרעלטערט, אַ ביסל געלבלעך פנים, מיט די טיפע, צעאַקערטע קאַרבן, האָבן זיך ווי פאַראייניקט:

— הייליקע וואַנט העלף מיר, זיי מיר אַ שוועסטער, פאַרטריבן בין איך פון מיין היים און פון מיין שטוב, אַליין בין איך געבליבן!...

געדוכט האָט זיך, ווי ביידע, די וואַנט און די היימלאָזע, זעגען זיך צעגויפגעוואָקסן ענג אין זייער באַרירונג און געאייניקטן קוש...

אַ יונגע פּאָר האָט זיך אַריינגעשלייכט, זיי האָבן צוגעשוועבט צום כותל, אָנגעקוקט די אַלטע, צעקרישלטע, רויע וואַנט, אָפּגערוקט זיך פון איר אָן אַ זייט און זיך ביידע פייערלעך צעקושט...

מה טובו אהליך, משכנותיך ישראל! אַ וואַרעמער שטראָם פון אויפלויכטונג גייט אויף פאַר די אויגן און אַ באַגייסטערונג פון טרייסט רוישט אַריין אין די אָדערן מיט באַפרייטער היים....

קומען אָן אַ גרופּע קאַצעטניקעס, פאַרטיזאַנער און אַרעסטאַנטן פון די אין סיביר פאַרשיקטע. צוויי פון זיי אין צה"ל־מונדירן, מיט אויסצייכענונגען. איין פרוי אין אַ שוועסטער־הלבשה. שטייט זי אַ פאַרגאַפטע און אַ ברענענדיקע ווונד פון בענקשאַפט פלאַקערט אויף אין איר האַרץ. אַט דוכט זיך איר, אַז זי זעט ווידער איר שטעטל, אירע קינדער־יאָרן,

אירע חברטעס פון די פֿאַרשידענע שולן, אין וועלכע זי האָט געלערנט, און אומעטום, פון תנ״ך, פון דער יידישער געשיכטע, פון די גלות־וואַנדע־רונגען, האָט ווי אַ כישופֿדיקער פּאַקעל אַרויסגעלויכטן די האָפענונג ביים פֿאָלק: „בשובך לציון ברינה! און יבנה בית המקדש!״; און די גרויסע משפּחה אין די יומים־טובים; און באַגלייטנדיק דעם שבת פֿאַרנאַכט, מיט וואָס פֿאַר אַ שטילער זיסקייט די מאַמע פֿלעגט זאָגן: „גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב״; די שולן זענען געווען געפּאַקט מיט מתפּללדיקע יידן, און קלובן פולע מיט קעמפנדיקע, שטודירנדיקע אַרבעטער־יוגנט פון אַלע פּאַר־טייען, פון דער גרויסער צעזונגענער יידישער וועלט ביז — ביז רוצחישע באַציס זענען געקומען און פאַרניכטעט, אויסגעשאָכטן...

אַ שאַרפער דינער שופר־בלאָז האָט זי אויפגעוועקט פון איר טיפער, ביטערער פאַרטראַכטקייט.

אַ שטילקייט האָט זיך ווי צעררישט אין די געמיטער מיט ווייטיק און פרייד, מיט פאַרלוירנקייט און אויפגאַנג... געדוכט האָט זיך, אַז שוועבנדיקע כרובים האָבן אויף זייערע הייליקע פליגל געבראַכט אויפ־לעבונג, אַ תחית המתים און אַלע צוזאַמען זענען היינט אין אַלט־נייעם ירושלים מתפּלל צום גאָט פון ישראל.

און שטייענדיק אַזוי איז די פרוי־שוועסטער, פון גרויס איבערלעבונג, געפאַלן הלשות...

איינער פון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס האָט העלדיש געקעמפט און האָט דורכגעמאַכט אַלע פייערן פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין ישראל מיט אַן אויסצייכענונג אויף זיין ברייטער ברוסט, איז צוגעלאָפן און אַ כאַפּ געטאָן די פאַרחלשטע אין זיינע ברייטע, האַרעפּאַשנע, אַרבע־טער־דלאָניעס און ווי אַ הייליקע ספר־תורה אַרויסגעטראָגן זי פונעם כותל־המערבי־פּלאַץ.

די שפּעטער־געקומענע האָבן זיך צוגערוקט נעענטער. אַ גרופּע יונגע ישיבה־בחורים זענען אַריין אין דער מענער־אָפּטיילונג. זייערע לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטעס און די לאַנגע, געלאָקטע פּיאות שלענגלען זיך אַרויס פון אונטער די קעפּקעס וואָס פאַרדעקן זייערע געשאָרענע קעפּ

און צוזאַמען מיט די ווייסע טלית־קטנס צעווינטיקט פון פאַרנט, זאָגן זיי עדות וועגן זייער אָפּשטאַם...

— אבא! ווער איז דאָס? — פרעגט אַ קלינגענדיקע שטים, פון אַ ייִנגעלע, וואָס שטייט נעבן זיין פאָטער.

אַלע האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן, געווענדט מיט די פּנימער צו דער מאַנסבילשער זייט. אַ יונגער שמאַלער מאַן, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, האָט זיך אויפגעהויבן. זיין פּנים איינגעבורעט אין דער וואַנט און געבליבן שטיין אָן באַוועגונג. קיינער האָט ניט געוווסט, ווער עס איז. אַ מאָדנע, טיפע דרך־ארצדיקע שטומקייט האָט באַהערשט אַלעמען. איז עס די התפעלותדיקע לאַנגע דערוואַרטונג דורך די יאָר־טויזנטער? האָט ער אין ליבשאַפט צום כותל המערבי געוואָלט דערוואַרעמען זיין געמיט? אפשר האָט ער אין דער משפחה אַ קראַנקן און וויל ביי דער הייליקער וואַנט אויסבעטן אַ רפואה שלמה? און אפשר איז ער איינזאַם, געבליבן אַליין און זיין האַרץ, אַ פאַרוווּנדעטס, פאַרבלוטיקטס, אָן פריינד, האָט אים אַהער־צו געבראַכט אַ ביסל טרייסט צו געפינען?!

אָט גייט אַ דיקע, שטאַרק־קאָסמעטירטע דאַמע, געוויקלט אין גאָלדענע בראַסלעטן און באַהאָנגען מיט לאַנגע גלאַנציקע אויערינגען. עס האָט זי געפירט אַ דיקער, שטאַרקער מאַן טראָגנדיק מיט זיך אַ געפלאָכטענעם קאָרב מיט פרוכטן. פון דער צווייטער זייט איז דורכן מאַסן־שטראָם אַריינגעשטופּט געוואָרן אַ גרופּע תימנער פרויען און מענער, קליינוווקסיקע מיט גרויסע, שוואַרצע אויגן. זייערע פּנימער, מיט פרומער הכנעהדיקער שטילקייט, האָבן זיי גענענט צו דער וואַנט און שעפּטשענדיק שטיל זיך געבייגט...

דערווייל איז אָנגעקומען אַ הויכע, שלאַנקע פרוי געוויקלט אין קאָליר־רייכע שטיקער מאַנופאַקטור, ווי אַן אינדיאַנערין. זי האָט אויסגעזען ווי אַ שפּרייזנדיקער, כישופדיקער רעגנבויגן. און אָט איז שטורעמדיק אַריין אַ פרוי מיט אַן אויסגעבויגענער פּלייצע, שלעפּנדיק נאָך זיך אַ זיבן־יעריק ייִנגל מיט אַ צעעפנט מויל, וואָס גאַווערט; זי האָט אים אַריינגעפירט אין דער מענער־אָפּטיילונג און דערנעענטערנדיק זיך צו דער וואַנט אויס־געבראָכן אין אַ געוויין:

— הייליקע יידן! אין זכות פון כותל המערבי, בענטשט מיך מיט אַ רפואה פאַר מיין שטומען קינד!...

אונטער דער אָנפירונג פון אַ לערערין פליט אַריין אַ מחנה שול־קינדער, ווי צווישטשענדיקע פויגל. זיי צעשיטן זיך איבערן גאַנצן הויף. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אַ שטראָם ניי לעבן, האָבן אַרומגערינגלט דעם כותל, ווי צעבליטע בלומען אַרום אַן אַלטן גרויען שטאָם, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַ דונער און איז נאָך פול מיט חלומות פון זיין פולבלוטיקן, פאַרגאַנגענעם לעבן...

פון אַ ווייטערן טיול פון די באַפרייטע שטחים האָבן זיך צוריק־געקערט אַ חברה קיבוצניקעס און זיך מתיחד געווען מיט דער כותל המערבי; אַ יונגע זון־פאַרברוינטע מחנה, מיט ווייסע בלוזעס איבער די קורצע כאַקי־הייזעלעך; די פנימער וואַרעמע, נאַטירלעכע און מיט צע־שטראַלטע אויגן האָבן זיי שמייכלענדיק באַטראַכט דעם גאַנצן אַרום און זיך שטיל פאַרטראַכט... צווישן זיי די חלוצים, די ערשטע פּיאָנערן, וואָס האָבן אין פאַרוואָרלאָזטע וויסטענישן פאַרזייט זייער פראַצע און שווייס, מיט סכנות געטריקנט זומפּן, מיט ווילן און מוט געקעמפט מיט ווילדע, אַזיאַטישע חיות רעות, מיט ציין און נעגל געריסן שטיינער און ווילדע דערנער, מיט ליבע און גלויבן אין דער צוקונפט פון פאָלק, האָבן זיי באַפרוכפּערט בליענדיקע ישובים און אויפגעשטעלט געבענטשטע דורות פיזיש־קרעפטיקע און גייסטיק־שעפערישע יידן, ווירדיקע, דערהויבענע מענטשן אין אייגענעם לאַנד.

פון די ירושלים־בערג ווייען אָפּפרישנדיקע קילע ווינטעלעך, צע־שמעקטע מיט יונגע וועלדלעך און פרוכט־ריחות, וואָס דערהויבן זיך צום זוניקן הר־הבית און וויקלען זיך אַרום די באַזוכער מיט תנ״ך־זכרונות, מיט אַנונגען פון די קינדער יאָרן, די פאַנטאַסטיש פאַרשוועבטע צו אַן אַמאָליקן, גרויסן, שיינעם ארץ־ישראל פון די אור־אור־זיידעס און באָבעס אין ווייטן עבר פון פאָלק.

איצט יובלט דאָס פאָלק, אין פריידיקער דערוואַכונג פאַלט עס צו צום כותל־מאָנומענט און פאַרטרויט די סודות פון האַרץ; ווער שטיל, שטיל כליפּענדיק, קושנדיק און ווער ס׳שרייבט די בקשות, ווי ליבע־בריוועלעך

אין הייליקן צוטרוי און פאַרשטעקן זיי אין דער ברוסט פון דער וואַנט...

פון ווייטן דערטראָגן זיך קלאַנגען פון שירי ציון פון טויזנטער קינדער פון פאָלק, וואָס טראָגן זיך איבער די באַפרייטע פעלדער פון חברון, כדי זיך צו באַגריסן מיט דער מערת־המכפלה, מיט די אבות... און מיט בית־לחם, מיט דער מוטער רחל...

תקיעה! תקיעה! תקיעה! בלאָזט דער שופר און דאָס דערהויבענע מיסטיש־געשאַל שניידט זיך שאַרף אַריין מיטן רוף צו דערוואַכונג, דער־הויבונג... און דאָס פאָלק פון טאָל ענטפערט מיט אַ באַגייסטערט געזאַנג:

„יבנה בית־המקדש, במהרה ביומינו!”...

רייסן זיך אָפּ יידן פון דער תפילהדיקער וואַנט און גייען געוויקלטע אין זייערע טליתים אַ רקודל. אַלע שליסן זיך איין אין אַ גרויסן, יידיש־פאַראייניקטן געזאַנג, אין איין ניגון, דעם ניגון פון תחית ישראל.

תשעה באב

אין גלות

אין שטוב — אַן איבערקערעניש; — די בעטן נישט פֿאַרבעט, די עס־געשיר נישט צעוואַשן, נישט צוגענומען; קיין זאַך ליגט נישט און שטייט נישט אויף זיין געהעריקן אָרט. די סערוועטן און טישטעכער פון אַלע טישן — פֿאַרשוווּנדן. אַלץ איז אָנגעוואָרפן, אָנגעשאָטן, ווי אין אַ בהלה, ערגעץ אויף אַ וואָקזאַל...

דער טאַטע, אָן די שיך, אָנגעטאָן אין אַן אַלטן, פֿאַרלאַטעטן קאַפטן, וואָס ער האָט געפונען ערגעץ אין דער קלאַדאָווקע — גייט אַרום איבער דער שטוב אַ פֿאַרמרה־שחורהטער, אַ פֿאַרביטערט־פֿאַרטראַכטער, זעט נישט קיינעם, מיידט אויס צו קוקן אויף די פענצטער, דורך וואַנען עס קוקט אַריין דער ליכטיקער זומער און ווען זיין בליק פֿאַלט אויף עמיצן פון אונדז — איז ער שטאַר, פינצטער און פֿאַרפֿרעמדט.

אין סאַמע מיטן שטוב, אויף קליינע, אָדער איבערגעקערטע בענקלעך, אין אַלטע בגדים, זיצן אַלע שבעה נאָך ירושלים. אין מיטן — די מאַמע מיט דער באָבען, אַרום זיי — אונדזערע יידישע שכנים פון דער גויאישער גאַס. די מאַמע, אין אַן אַלט, אָפּגעקראָכן קלייד, וואָס פּאַסט אַזוי נישט צו איר יונגן, שמייכלענדיקן פּנים; די באָבע — אין אַלטע טראַנטעס, די בריסט איינגעפֿאַלן, ליידיקע, מיט אַ גרויסן, אויפגעבלאָזענעם בויך, האַלט אין די ביינערדיקע הענט דעם געלבן קרבן־מנחה.

האַרט ביי דער באָבעס שויס הויבט די מאַמע אָן זאָגן קינות מיט אַ ווייכער, יונגער שטים, וואָס קלינגט ווי אַן עלעגיש געזאַנג: „איכה, ווי אַזוי, ישבה, איז געבליבן זיצן, בדד, אַליין, העיר, די שטאָט ירושלים״. און אַלע נאָך איר, ברעכנדיק די הענט:

— אוי ווי איז מיר ירושלים!...

ווערט דער מאַמעס פרישער, ראָזער פּנים באַוואַשן מיט טרערן און אין די הימל־בלויע אויגן אירע צעציינדן זיך הערלעכע פאַרבן פון אַ רעגנ־בויגן. די באַבעניו — אַן איינגעשרומפּענע מיט אויסגעוויינטע אויגן, איז איינגעבויגן און איר טונקעלער שאָטן וויקלט איין אירע יאָרן פון צענטן צענדליק.

לאה מנחמס, מיטן בלאַסן, צאַרטן פּנים און גרויסע, קלוגע, לויכטנ־דיקע אויגן, זענען געוואָרן טונקעלער און די שפּיצן פון איר פאַרבונדענער קאָפּ־טיכל אונטער דער גאָמבע, האָבן געציטערט.

יענטע פּנחסעס, מיטן אויסגעדאַרטן, מאָגערן גוף, איז געזעסן שטיל, ווי אַ געהאָרכזאַם שעפעלע און מיט די גרויע שטיל־רייצנדיקע אויגן, האָט זי שטיל אַריינגעקוקט דער מאַמען אין מויל אַריין און, פון צייט צו צייט, אַ צוק געטאָן מיט די נערוועזע אַקסלען...

אונדזער שכנה, רחל־לאה, די קירזשנערקע, מיטן גרויסן, אָפענעם, ענערגישן פּנים, וואָס רופט מיין טאַטן „רבי״, זיצט דאָ שבעה איבער ציון, מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען.

זייערע קרעכצן און געוויינערייען האָבן זיך אַזוי לאַנג געמערט און געשטאַרקט, ביז זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן — אין דער גויאישער גאַס אַרויס, מיט איין גרויסער יללה:

חורבן ירושלים!!!

— העי, העי! קום זיך שפּילן! — רופן מיך מיינע קריסטלעכע חבר־טעס, מאַרילקאַ און סטעפקאַ.

שטיי איך מיט מיינע פינף פרילינגדיקע יאָרן אַ פאַרטראַכטע: עס ציט מיך צום שפּילנדיקן דרויסן; צו די קאַרשן און עפּל־ביימער, צום גרויסן גאָרטן פון סטאַכן, מיט די בליענדיקע רויזן און מאָן־בלומען; צו די אַרומיקע פעלד־אַרבעטער, די צעזונגענע, צו די פרייע, הילכיקע געלעכטערס פון די שפּילנדיקע שקצים און צו די געדיכטע קאַשטאַנען־ביימער, וואָס אין זייער שטילן, טונקעלן שאָטן האָבן מיר זיך געשפּילט.

אָבער — קוקנדיק אויף דער מאַמען, ווילט זיך מיר אויך מיטוויינען דאָס געוויין פון מיין מאַמען און באָבען...

חורבן ירושלים האָט אָנגעהויבן ביי אונדז אַריינקוקן אַ סך פריער ווי תשעה־באב. מיט דריי וואָכן פריער האָבן מיר אויפגעהערט עסן פלייש. קיין שום שמחות זענען נישט פאָרגעקומען. אויך נישט קיין חתונות, וואָס דאָס איז געווען די הויפט־פרייד, פון גאַנצן שטעטל, יעדער איינער און אַלע צוזאַמען זענען געווען די זעלבע מחותנים.

גדליה קרופּטשיקס פידל איז שטיל געבליבן. די פידעלע מיט אירע צאַרטע זיסע טענער, וואָס האָט געדופן, געוועקט, געלאַשטשעט און געפרייט. יענע פידעלע, וואָס האָט משמח געווען אַ שטעטל יידן; געפירט חתן־כלה אין שול אַריין צו דער חופה, מיטן באַקאַנטן ניגון: חתן כלה מזל טוב!

פאַרנאַכט, ערב תשעה באב, האָבן מיר אָפּגעגעסן דעם לעצטן מאָל־צייט: לאָקשן מיט מילך. היינט פאַסטן מיר אַלע — יונג און אַלט. נישט קיין געוואַשענע, נישט קיין פאַרקעמטע, אָנגעטאָן אין אַלטע זאַכן, בלאַנ־קען מיר, קינדער, אַרום איבערן שטעטל, ווי פאַרלוירענע יתומים. קיינער קוקט זיך אויף אונדז נישט אום. גרויסע מחנות פרויען און מענער, אין קאַלאָשן אָדער שטעק־שיך, אין אַלטע אָפּגעקראַכענע קליידער, ציען אויפן קאַמינער וועג, צום בית־עולם; דאָרט גוט אויסקלאָגן די פאַרביטערטע גלות־הערצער און מיט תפילות זיך מתיחד זיין מיט די פאַרגאַנגענע דורות...

דאָס שטעטל גייט אין שול צו קינות זאָגן. די עדה יידן, וואָס שבת און יום־טוב גייען זיי אין שול פאַרוויין, גרופּנווייז, שמועסנדיק פריילעך, זענען איצט צעשיידט, ווי פרעמדע, פון ערגעץ פאַרטריבענע. יעדער גייט ביחידות, פאַרשלאָסן אין זיך, טראָגנדיק דעם טרויער אין אייגענעם האַרץ. אָבער אַלע גייען אין שול צו קינות, דאָרט אויף די קליינע בענקעלעך אָדער איבערגעדעקטע קעסטלעך, ביי חלבנע ליכטלעך, אויסקלאָגן דעם גרויסן בראָך:

— חורבן ירושלים.

אָט גייט דאָרט פּנחס, דער אַלטער שוחט, דער באַגייסטערטער דער־ציילער, ביי די חסידישע מלוה־מלכות, אָנגעטאָן אויף די ווייסע זאָקן —

קאַלאַשן און דעם פּאַר־פּופּציק־יאָריקן קאַפּטן, מיטן איידעלן פּנים אַראָפּ־געלאָזן, ווי אַן אבל...

מנחם — דער זינגער פון שטעטל — ווי שטיל און באַשיידן עס איז זיין אויסזען, אַזוי שטיל און טראַגיש וויקלט זיך דער תשעה באב, אין זיינע הימליש־בלויע אויגן.

בערל דער שניידער, וואָס האָט אַ זון אַ רב און ער אַליין גייט אַרום דאָס גאַנצע שטעטל, גייט איצט קרועה בלועה; זיינע שמאָלע אויגן זענען פאַרצויגן מיט אַ האַרבסטיקן נעפּל, ווי ער וואָלט געהאַט אַ באַזונדערן חשבון מיטן רבונו של עולם.

אָט גייט דאָרט דער הויכער, שוואַרצער צדוק, זיין הויכער שמאָלער גוף איז טיף, טיף איינגעבויגן, ווי ער וואָלט דעם גאַנצן טרויער אונטער דער שוואַרצער באָרד אַרונטערגענומען.

חצקאל דער פּישער, מיט דער געלבלעכער באָרד און פולן טראָט, זעט אויס ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער פון ערגעץ אַן אינדזל נאָך אַ קאַטאַסטראָפע...

מיר, קינדער, דרייען זיך אַרום, ווי בלודנע שעפּעלעך, שטאַרק הונגעריקע — ווייזן מיר איינער דעם אַנדערן די צינגער — אַ סימן, מען פאַסט.

פון שול רייסט זיך אַ מוראדיקע יללה בציבור, וואָס צעטראָגט זיך אין אַלע זייטן. איבערן שטעטל שפּרייט זיך אויס אַ טיפע טרויעריק־פאַרטראַכטע בענקשאַפט —

חורבן ירושלים...

פון קליינע פוכיק־ווייסע שטיקלעך וואָלקנס, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויפן פאַן פון פאַהאָסטער הימל, האָט זיך פון דער אַזיערע־זייט אויפגעהויבן אַ זומערדיק־פייכטער ווינט און אַריינגעיאָגט טונקעלע וואָלקנס, ווי שוואַרצע מחשבות. אַ טונקעלער צער האָט איינגעהויקערט די אַלטע, ירושהדיקע כאַטקעס און די נייע מאָדערנע הייזער, געבויטע מיט האָפענונג, אויף נייע גליקלעכע דורות, האָבן זיך אָוועקגערוקט פאַרשעמט, ווי איבעריקע, פרעמדע...

דער הימל אַן אַש־גרויער האָט אַנגעהויבן קאַפּען מיט אַ שטילן רעגן. אַ טרער נאָך אַ טרער. דערנאָך האָט ער אַ פּלייץ געטאָן.

אַן עלנט האָט אַרומגעכאַפּט אונדזער קינדערשן געמיט. דערשראָקענע האָבן מיר זיך צוזאַמען געטוליעט און צוזאַמען מיט אַ שטעטל יידן, האָבן מיר אַלע געוויינט — דאָס גרויסע געוויין אויף —

חורבן ירושלים...

אין ישראל

נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, טראָגט זיך איצט דאָס צעזונגענע פאָלק אין פאַרביק־דעראָבערטער פרייד און טריומף, צוריק צו דער קרוינונג פון זיין זוניק־גייסטיקן צענטער — ירושלים; צו דער באַפרייטער הייליקער וואַנט — כותל המערבי, כדי צוצוטוליען זיך צו איר, ווי צו דער מאַמע רחל; אַריינוויינען אין איר שטיינערנער ברוסט, וועגן טויזנט־יעריקן, עברדיקן חורבן און דער עיקר — פון לעצטן פאָלקס־חורבן פון די זעקס מיליאָן קדושים, פון די פאַרבליבענע קיילעכדיקע יתומים; דערציילן וועגן דעם רומפולן, היסטאָרישן נצחון, וואָס צה״ל האָט דער־גרייכט אין די זעקס טעג פון בלוטיקן געראַנגל מיט שונאי ישראל, וועלכע זענען באַפאַלן פון אַלע זייטן דאָס לאַנד, ווי אַ פלאַמיקע שריפה און האָט געוועקט, געמונטערט, די טויזנטער געזינדן פון לאַנד, וואָס האָבן פון קליין ביז גרויס זיך פרייוויליק מאָבילייזירט צו אַלע מיליטערישע איינהייטן; ווען די יונגע און עלטערע מענער, האָבן געוואָרפן זייערע אונטערנעמונגען און פאָסטנס אין די שטעט און דערפער, ווען מושבניקעס האָבן פאַרלאָזן זייערע פרוכט־גערטנער, פעלדער און פאַרטראָטן האָבן זיי פרויען, מיידלעך און קינדער; ווען אונדזערע פרויען האָבן געגעבן די אומדערמידלעכע הילף אין די שפּיטאָלן, פאַבריקן און קינדער־אַנ־שטאַלטן... ווען די באָבעס, ווי די אַמאָליקע שטעטלדיקע גבאיטעס, זאַמ־לערינס, פאַר מצוות, זענען מיט ליבשאַפט צו ישראל און אירע קינדער, געגאַנגען זאַמלען קאָלדרעס, וועש, ליילעכער, באַנדאַזשן... און וועלכעס הויז־געזינד האָט זיי נישט באַגעגנט מיט האַרציקן, געאייניקטן גאַב־ווילן?!...

אַפילו די קינדערלעך, אין די בונקערס, די אומשולדיקע טויבן־סאַבּרעס האָבּן פרייוויליק אַוועקגעשענקט זייערע געלט־זאַמלונגען — משפּחה־מתּנות...

און ווער ווייסט, וועלכער זכות איז בייגעשטאַנען דעם דאָזיקן אומפאַרגלייכלעכן קריג?... די דרייסטע, מוטיק־אומדערשראָקענע קינדער פון ישראל? דער ווילן צו פרייהייט און שנאה צום קריג? אָדער די בענקשאַפט נאָך נאָענטע און געליבטע — נאָך אַ היים? אָדער קינדער־געוויין און מאַמעס הייסע טרערן אין פינצטערע בונקערס? און אפשר איבער זיי אַלעמען, די פאַרטיידיקונג פון אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך זיין צעזייט און צעשפּרייטקייט, אין זיין צוויי־טויזנט־יעריקן גלות־וואָגל, צוריקגעקערט זיך צו זיין היים און לאַנד, וואָס בויט און שאַפט אין יושר, שלום און פרידן!!!...

שבת אין קרית־שמואל

שטיל, יידישלעך צניעותדיק, ליגט דאָס פלאַכע שטעטעלע, אויס־געצויגן אין זיג־זאַגן, צו די אָפענע שליאַכן. ענג אַרום איר, ווי אַ קראַנץ קרייזן זיך די געמישטע פּראָווינצן. פון איין זייט די לופטיק־פאַרחלומטע און באַנייטע מוצקין, אַרויף־צו — די גרין־צעשפּרייטע קרית ביאַליק. פון דער צווייטער זייט — די ישובים גב־ים און קרית־ים און די אַרבעטנ־דיקע קרית־חיים. זיי אַלע שלענגלען זיך אַרום חיפה, צופוסנס דעם כרמל, ביים ברעג פון מיטללענדישן ים.

פון באַגרינטן צענטער־פּלאַץ אין קרית־שמואל, באַוואַקסן מיט גרעזער און בלומען, הויבט זיך ווי אַ גיגאַנט אויף דער נייער, ריזיקער בנין, ווי דער אַרעאַל פון איר רעליגיעזער עדה, און קוקט מיט שטאָלץ אַרויף צו דער אַרומיקער ווייטקייט, וואָס האַלט אין איין וואַקסן מיטן שפּראָץ פון אַ ניי יידיש לעבן.

שבת. הייליקע שבת־רו. אַלץ געשלאָסן, איזאָלירט פון דער אַרומיקער דרויסן־וועלט. אַפילו די אַרומיקע כבישים זענען געשלאָסן מיט אייזערנע צוואַנגען. אויס האַנדל, אויס אַרבעט, אויס וואָכיקע זאָרגן. ס׳איז אַ ליכ־טיק־שטראַלנדיקער טאָג. די שבתדיקע ישראל־זון לייכט און שטראַלט שלוהדיק, געמיטלעך, פריידיק. פון דעם שטילן, שפּיגלדיקן ים אַרום, טראָגן זיך צעבלויטע כוואַליעס מיט שבתדיקער שירה, מיליאָנען פלאַטער־לעך שוועבן און זשומען. פון שול טראָגן זיך די קלאַנגען פון שבת־קודש תפילות, וואָס פילן אָן דעם חלל מיט אמונה און פרומער שירה.

פון אַלע זייטן קלינגען די הילכיקע געלעכטערס, געלעכטערס פון שפּילנדיקע יידישע קינדערלעך. יונגע, קאָקעטישע מיידלעך שפּאַצירן, אַהין און צוריק, אין לופטיק־פאַרביקע קליידער. פאַרליבטע פּאָרלעך פּאַר־

שווינדן צווישן די געדיכטע סאָסנע־אַלייען, וואָס פירן צו די אַרומיקע שליאַכן...

ענדלעך באַווייזן זיך פון די זייטיקע שול־טרעפּ, פון דער אויבערשטער ווייבערשער שול, איינגעוויקלטע באָבעס און מאַמעס אין שוואַרצע און אין ווייסע קליידער, וועך אין פאַרביקע שאַלן, וועך אין געשטריקטע היטעלעך אויף די קעפּ און סידורים אונטער די הענט, ווי אין אונדזערע אַמאָליקע צייטן, אין די פּאָליעסיער היימישע שטעטלעך.

איבער די ברייטע, פּאַראַדנע שול־טרעפּ ציען זיך עדות יידן אין געמישטן עלטער; זקנים מיט ווייסע פּאַטריאַרכאַלע בערד, שוואַרץ געקליידעט אין שטריימלעך און האַרטע, שוואַרצע קאַפּעליושן. די יונגעלייט אין שוואַרצע יאַרמולקעס, די ישיבה־בחורים אין געדרייטע פּיאות מיט אויסגעבייטע פּרעסקעס אויף די קעפּ. דורך די צעעפנטע פענצטער פון די ציכטיקע הייזער טראָגן זיך שוין די קלאַנגען פון שבת־זמירות. יידן האָבן געדאַוונט מיטן ערשטן מנין און נאָך די שבתדיקע מאָלצייטן זיצן זיי שוין איבערן עין־יעקב, איבער די אָפענע גמראות און עס טראָגן זיך פון די שוואַרץ־בערדיקע יידן די צעזונגענע טענער: תנו רבנן! און דער יידישלעך־פאַרטראַכטער — אמר אבאי...

אין דער וואַרעם־דורכזיכטיקער לופט שמעקט מיט היים, מיט יידישקייט און רחבותדיקער שלווה, וואָס דערמאָנען די ישיבות אין די פּוילישע און ליטווישע שמאָלע געסלעך — די קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן מיט די הונדערטער ישיבה־בחורים, וועלכע זענען אַזוי מערדערלעך פאַרשניטן געוואָרן דורך די דייטשישע רוצחים.

נאָר דאָרט, ביים זייטיק־גרינעם שטעג, שלייכן זיך נאָך אַלץ מיט פּאַמעלעכע טריט די בכבודיקע זקנים. זיי שטעלן זיך אָפּ, מאַכן מיט די הענט, קנייטשן מיט די שטערנס און ציען ווייטער זייער וועג. אָט דערזעען מיר אים, דעם סימבאָלישן זקן, פון קרית שמואל, דעם גרייזגרויען ייד, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַזוי פיל נאַטירלעכע מעשים־טובים — ר׳ יהושע בליאַק, דעם זויבערן מיטל־וווקסיקן מאַן אין שוואַרצן סורדוט, פון וועלכן עס פינקלט אַרויס אַ ווייס־געפּרעסטער קראַגן פון אונטער זיין זילבער־גרויער צעקעמטער באָרד, פון זיין וואַרעם פּנים

שפּיגלען אַרויס אַ פּאָר בלויע, אויסדרוקספולע אויגן און איבער דעם קלוגן גמרא־שטערן דער רונדיקער שוואַרצער הוט. טאַקטיש און רואיק איז זיין באַנעמונג און אינטעלעקט ליכטיקט פון זיין גאַנצן וועזן...

נישט אומזיסט איז וועגן דעם באַליבטן מענטש פאַרשפּרייט אַזוי פיל לעגענדעס — די גאָלדענע קייט פון אַלע זיינע לעבנס־אידייען, וואָס האָבן אים באַגלייט איבעראַל: ליבע צו מענטש, צו אַרבעט, צו לערנען און שאַפן. פּשטות און ריינקייט פון געוויסן אין אַלע זיינע האַנדלונגען.

זייענדיק אַ יונגער, שיינער בחור, וואָס האָט געשמט צווישן די וואָלינער יידן, ווי אַן עלוי, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון כסא הרבנות, וואָס איז אים פאַרגעלייגט געוואָרן, מיט דער טענה, אַז ער וויל אַרבעטן און לעבן מיגעת כפו. געווען איז דאָסביים פינצטערן צאַרישן רעזשים, אין די אַכציקער יאָרן, ווען דער אַרבעטס־מענטש איז געווען דער נידע־ריקסטער שיכט אין דער געזעלשאַפט. אַ גוטער מאַטעמאַטיקער איז ער געווען, האָט ער אַלס סטאָלינער חסיד באַקומען די הסכמה פונעם גרויסן חכם, דעם רבי ר׳ ישראלקע און זיך אַנגעשלאָסן אין ר׳ יוחנן הסנדלר און אַוועק אַרבעטן.

אין די יאָרן, וואָס ער האָט מיט גרויס דערפאָלג געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין די גיטער פון פּריץ ראַדזיוויל, האָבן די אַנטיסעמיטן נישט פאַרגונען דעם יידנס נשיאת חן.

פּלוצלונג איז איין מאָל אַריין דער פּריץ און צו צו יהושען מיט אַן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער אין האַנט און געזאָגט:

— אין פאַרלויף פון אַ פּאָר שעה מוזטו מיר ווייזן די ריכטיקע חשבונות. ווען נישט — אַ קויל אין קאָפּ!...

אָבער דער שטאָלצער יונגערמאַן האָט זיך נישט פאַרלוירן און אויפ־געדעקט די פאַלשע בלבולים, וואָס מען האָט אויף אים אויסגעטראַכט.

ווען אַ שיכורער פּריץ איז געגאַנגען פון אַ נאַכטיקער הוליאַנקע און האָט פאַרלוירן אַ פּאָרטפּעל מיט אַ גרויסער סומע געלט, איז נישט געקוקט אויף זיין שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, האָט ר׳ יהושע, אויב ער האָט עס געפונען, צוריקגעגעבן.

איצט, זייענדיק אין לאַנד מיט זיין משפחה, פירט ער זיין לעבן ווייטער ביי זיין באַשיידענער בוכהאַלטעריע.

גאַנצע נעכט לאָזט ער נישט אַרויס דעם ש״ס פון די הענט און שאַפט מיט זיין פערלדיקער האַנט־שריפט: מאמרים און חיבורים און האָט אויך אַן אָפענעם בליק אויפן לעבן, אויף מענטש און וועלט...

גליל העליון

מיר פאַרלאָזן קרית שמונה, די ניי־אויפגעגאַנגענע שטאָט פון גליל־העליון, וואָס ליגט אין עמק החולה אַרומגערינגלט מיט די נפתלי־בערג, די שטאָט מיטן שפּראַכן־מישמאַש פון בייע עולים.

דער חרמון, דער אײַז־באַרג, וואָס איז דאָרטן אין ווינקל פון זײַן מלוכה מיט אַ זילבער־קרוין אויף זײַן טונקל־פאַרוואָלקנטן קאָפּ, באַגלייט אונדז מיט קאַלטע רעספּעקט־בליקן פון אַ זקן, אַן אַנגעזעענעם גביר...

מיר גליטשן זיך אַריין אין דער אומענדלעכער, גרינער אַלייע פון עוקאַליפּטוס־ביימער, וואָס באַשיצט אונדז פון דער ברענענדיקער זון. עס פלאַטערן אַריין גרין־זאַפטיקע ריחות פון די אַרומיקע פעלדער. אַ מעקען פון סטאַדעס שעפּסן און יונגע ציגעלעך מישט זיך אויס מיט די צעקרייטע הענער פון די דערביי־ליגנדיקע ישובים, וואָס נעמען אונדז אַרום מיט דער צעזונגענער ברכה פון ערד און פונעם יידישן, געבענטשטן פּויערים־פאָלק אויף זײַן באָדן.

מיר פאָרן באַרג־אַרויף. דער אויטאָ בלייבט שטיין ביי דער תחנה פון דער אַלטער קאָלאָניע ראש־פּינה.

עס בייטן זיך די פּאַסאַזשירן. מיין בליק איז געפאַלן אויף אַ פּאָרל — אַ מאַן און אַ פרוי — ביידע אַראַבער. ביידע אין מיטעלן עלטער. ביידע הויכע, פעסט־געבויטע און געקליידעט אין שוואַרצן. די פרוי, זייער אַ שיינע, מיט שוואַרצע, גלאַנציקע אויגן, הויכן שטערן. די נאַטירלעכע שיינקייט פון איר גרויסן, שטאָלצן פּנים פאַרשטעלן די קאָסמעטירטע גרינע פּינטעלעך און פּאַסעקלעך אַרום די אויגן, נאָז און מויל.

ביי אָפענע שליאַכן שטייען אַ וועלט מיט נאַכוווקסן — נייע שיכונים. מיר שטייגן אַלץ העכער, דאָס וועטער ענדערט זיך, די לופט ווערט

קילער. אַ שטילער ציטער באַוועגט די יונגעביימלעך, וואָס מיר פאָרן פאַרביי.

אויפן ברייטן הויכן באַרג הויבט זיך אויף פאַר אונדזערע אויגן אַ שטאָט, ווי אַן אויסשטעלונג, אַ ווונדערלעך געמישטער מאָדעל פון אַלט און יונג, שטעטל און שטאָט, אַזיע און אייראָפּע!

עס כאַפּט מיך אַרום אַ גרויס יראת הכבוד פאַרן אַלטן צפת, יענער הייליקער צפת פון קבלה און מקובלים, פון גאונים און צדיקים, ווי דער אר"י הקודש, ר' חיים וויטאל, וואָס זייערע טריט אין די אַלטע שולן און קלויזן האָבן אָפּגעהילכט אין ווייטן, אַלטן עבר פון פאָלק, וואָס זייערע גרויסע גייסטער רוען נאָך עד היום אויף די אַלטע, שטיינערנע הייזקעס פונעם אַמאָליקן צפת.

איצט זענען צוגעקומען נייע, גרויסע בנינים אין אייראָפּעאישן סטיל מיט אַלע נייעסטע לוקסוסן, אויך אַ נייע וועלט פון שיכונים, עולים, יידישע קינסטלער, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט; אַן אַטראַקציע, טור־ריסטן און אורחים פון לאַנד, וואָס קומען אַהער אויף אָפּרו און דער־פרישונג.

מיר געזעגענען זיך מיט דער היסטאָרישער צפת און מיטן ריזיקן הר כנען, וואָס שפּיצט אין די הימלען אַריין. מיר מיידן אויס דאָס גרינע סאָסנע־וועלדל און לאָזן זיך פּאַמעלעך, באַרג־אַראָפּ, מיט זייטיקע באַרג־אַראָפּהענגען איבער טיפע טונקל־גרינע טאָלן. בערג און בערג, נאַקעטע, שטיינערנע בערג אין זיג־זאַגן, ווי איבערגעבויגדענע מיט טיפע פעלדזן־קנייטשן און בערג־צעפּאַטלטע מיט פאַרבלאָנדזשעטע בלעטער־קרויבען, געריסן פון די בערג־ווינטן, שטייען אין אומברחמנותדיקער הילפס־לאָזיקייט... מיר טרעפן זיך דאָ מיט דער אור־אַלטער ווילדעניש, פנים אל פנים מיט מעשה בראשית... עפּעס אַ מיסטישער פחד כאַפּט אונדז אַרום אינעם אָנבליק פון די קייטלדיקע בערג, וואָס צאַפּלען אויף די זכרונות פון אַלטן חדר, ביים שטעטלדיקן רבין, וואָס האָט אָנגעפילט אונדזערע קינדערשע פאַנטאַזיעס ביז היינט צו טאָג...

אונדזער שמאָלער כביש שלענגלט זיך אַרום די בערג אין אַ שלאַנגישן זיג־זאַג. אונדזער בליק הענגט זיך אָן אין דער שווינדלערישער ווירק־

לעכקייט און עס דוכט זיך: אָט, אָט, פאַרלירט מען זיך אין אַ פאַרכישופטן קרייז און מען פאַלט אַרונטער אין די טיפע טאָלן פון גליל העליון...

אָפּפאָרנדיק אַ ביסל ווייטער אויף לינקס, עפנט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַ ווונדערלעכע פּאַנאָראַמע: צווישן פונאַנדערגערוקטע בערג, אויף אַ גרין פעלד, ווי אַ מאַמעס ווייכע שויס, ליגט אויסגעצויגן דער בלויער ים כנרת. אַ הייליקע שטילקייט שוועבט דאָרט אַרום. איגעם צוקאָפּנס פון אַ זילבער־שוימיקן בעקן, רוט דער פרעכטיקער כנרת. אויף זיינע צע־זונגענע כוואַליעס שוועבט אַ בלויער געמורמל, ווי אַ שטיל געזאַנג, שיר השירים־געזאַנג פון ששת ימי בראשית... די גרופּע אַרומיקע בערג וויקלען זיך אַרום אים מיט ציטערדיקע זילבער־בלויע נעפּלען און פאַרוועבן זיין שטראַלנדיקן גוף מיט אַ צויבערלעכער שיינקייט. צו אים ציט זיך מיין בענקשאַפט, צום שטילן, געמיטלעכן געפּליעסק, ווי צו דער מאַמעס רוף...

מירון. דאָ רוט אין דער אייביקייט ר׳ שמעון בר יוחאי. דער מחבר פון זוהר. ער האָט טאַקע זוכה געווען, אַז אין משך פון די דורות איז ער פאַרבליבן אין זכרון פון פאָלק. חוץ דעם, איז ער פאַרוועבט אין אַלערליי לעגענדעס און פאַרהייליקט אין אָבערגלויבן.

יאָר־איין יאָר־אויס, אין ל״ג בעומר, אין טעג פון זיין יאָרצייט, קומט דאָס פאָלק צו שטראָמען פון אַלע עקן לאַנד, אין טויזנטער און צענדליקער טויזנטער. מיט תחנונים, מיט געבעט, ווערט אָנגעפילט זיין אוהל, וווּ עס ברענט אַ נר תמיד און מיט פּסוקים פון זיין הייליקן זוהר טאַנצן דאָ אין דרויסן רביים, רבנים און חסידים ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מירון איז אויך אַ גאַנץ פאַרצווייגט שטעטל. עס איז דאָרט אַ לעבע־דיקע באַוועגונג. רייזנדיקע שטייגן איין און אויס. צווישן די גליל־בערג ליגן קיבוצים און מושבות. אָט זענען אַריין אין אויטאָ צוויי פאַרפעלקער מושבניקעס, ברייט־פּלייציקע מיט פולע פאַרברוינטע פּנימער און מאַ־זאָליעדיקע הענט. זייערע זאַטע, קליינבירגערלעכע היימען פון רוסלאַנד און פּוילן, האָבן זיי פאַרלאָזט גאָך זייענדיק יונגע סטודענטן; געקומען אין לאַנד האָבן זיי שווער געאַרבעט און דערוואָרבן אַן אייגענע ווירט־שאַפט און אַן אייגן לאַנד.

אַ גרופּע קיבוצישע יוגנטלעכע האָבן זיך שטיפעריש אַריינגעריסן

אין די קורצע כאַקי־הייזעלעך און אין ווייסע בלוזעס, אין לייכטע סאַנ־דאַלן, ווי ביי זיך אין חדר אוכל, האָבן זיי זיך ארייגעלאָזט אין אַ היי־מישן וויכוח. אַ טייל האָבן אונטערגעפּייפט וווילינגעריש.

אין אויטאָ איז אַ געמישטע באַפעלקערונג: רבנים אין האַרטע שוואַרצע קאַפּעליושן און יונגע ישיבה־בחורים אין קעפּקעס און געדרייטע פּיאות. אַ דאַמע מיט אַ הינטל, אויפן קאָפּ אַ שטרויענער קאַפּעליוש מיט אַ מזרח־פאַרביקן שירעם אין די הענט, האַלט אין איין מאַכן מיט די ליפּן: פּוף, פּוף.

אמירים. דאָס דאָרף פון די וועגעטעריאַנער. ווי אַ דרימלענדיקע אידיליע שפּרייטן זיך איבער דעם גרינעם שטח די איין־שטאָקיקע הייזלעך, אין אַראָפּ און אַרויף פון ווייטן, ווי אַ צעוואָרפענע סטאַדע היימישע שעפּסן. אַהער אין דער גאַנצער, באַרגיקער לאַנדשאַפט פונעם זויבער־קילן קלימאַט, האָבן זיך עס פאַרקליבן די שטאָטישע איינוווינער, באַהעפט זיך מיט דער מאַמע־ערד און ציען פון איר חיונהדיקע שפע.

פון דאַנען גייען אַרויס און אַריין טוריסטן פון אַמעריקע, בראַזיל און פון אַנדערע לענדער.

אונדזער אויטאָ טראָגט זיך אין דער געדיכטעניש לענג אויס די שורות איילבירטן. אַ געוועלבטן נעפּל שאַפן זייערע דינע גרויע צווייגן־בלעטער. אין אויטאָ קלינגט יוגנטלעכע פרייד. עס איז אַ לעבהאַפטע שטימונג. קלאַנגען פון אַ שפּראַכן־געמיש, מיט געלעכטער און פריידיקן וויץ, מישן זיך צוזאַמען. אַנדערע קוקן דורכן פענצטער אַרויס און פאַר־שיטן מיט פראַגן די מיטזיצנדיקע. אַלע רגע טוקט אויף דורך די צווייגן אַ ראָז קלייד, אַ גרינע בלוזע, אַ ווייס קאָפּ־טיכל. אַ לאַנגע טאַנע פון די אַרומיקע אַראַבישע פרויען און מענער אויף פעלדער, צווישן די טרויבן־קוסטעס.

פון ביידע זייטן שפּיגלען זיך קעגן דער זון פאַרשידנפאַרביקע הייזקעס פון דערפער, קיבוצים, וואָס שיינען אַרויס, ווי קינדער־שפּילעכלעך.

איבער די צעבלויטע הימלען האָבן געצומען וואַנדערן שטיקער העל־בלויע און ווייסע וואָלקנדלעך, געשוועבט גאַנץ הויך און געוויקלט זיך

אין שפּילעוודיקע קרישטאָלן, אין גריזוועס פון לייבן־קעפּ און אָן פּיסיקע גופים. זיי האָבן זיך געוויגט אַש־גרוי, געטונקלט און דערנענטערט זיך. אין בין־השמשותדיקן ליכט האָבן זיך נאָך אונדז גענומען יאָגן שוואַרצע וואָלקנס. עס האָט אַ בליץ געטאָן און אויף די שויבן פון אויטאָ האָט איצט אַ פּויק געטאָן אַ דריבנע רעגנדל. פון אויבן אַ שטילער גערויש, ווי אַ בייזערן זיך פון אַ מוסרדיקן טאָטן, וואָס יאָגט פונאַנדער די פּילפּאַרביקע פעלד־פייגעלעך, וואָס האָבן ווי צעזונגענע באַטור־אָרקעס־טערס אונדז באַגלייט ביי דער נסיעה. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט צווישן די געדיכטע איילבירטן־צווייגן. אַ פּאָר טונקעלע קראָען זענען אַנגעקומען פון אַ צוזאַמענפלי, אַראָפּגעגלידערט און זיך פאַרשטעקט צווישן די ריזיקע סקאַלע־שטיינער, וואָס שטייען דאָ אין פאַרווילדונג אויף די וועגן פון גליל העליון.

מיטן פרייען פעלד־ווינט האָט אַ פלייץ געטאָן אַ גאָס רעגן. די פריילעך־פילדערנדיקע שטימונג אין דער אויטאָ־געזעלשאַפט האָט זיך געלאָשן. פון יענער זייט געדיכטער בערגן־קייט איז אָנגעלאָפן אַ שוואַר־צער טומאַן מיט רויכערדיקע, געלע לאַטעס און מיט אַ גאוועדיקן מויל פון אַ וואַלד־מכשיפה, האָט ער איינגעשלונגען אַלע העלע האָריזאָנט־ליכטער. די שפּיצן בערג זענען ערגעץ אַנטרונען געוואָרן אין אַ כאַאָס פון נישט־זעעוודיקייט און ס'איז געוואָרן שטאָק־פינצטער. אַ שווערער שטורעם־האָגל האָט געקלאַפּט, געבייטשט און געיאָגט אונדזער אויטאָ אַלץ ווייטער און ווייטער, פּאַטשנדיק דעם כביש מיט די אַנלויפנדיקע וואַסערן, וואָס האָבן געריזלט פון די אַרומיקע הויכקייטן און בלעזלדיק געקלאַפּט מיט רעש אין די שרויפן פון די גומענע אויטאָ־רעדער, וואָס האָבן זיך קוים גערירט פון אָרט אינעם פאַרשווונדענעם שאָסיי. אַ וויסטער שאַקאַלן־געשריי האָט זיך אַרייַנגעשניטן אין דער אומזעעוודיקער אַרומי־קייט מיט אַ סודותדיקער, שווערער, שרעקעוודיקער אומהיימלעכקייט...

...אויס וועלט, אויס לעבן! אַלץ איז ווינט, שטורעם און מבול...
אָט, אָט, און באַלד וועלן מיר אַליין ווערן רויך, שטורעם און מבול...

אַ קראַכנדיקער דונער האָט אויפגעשווידערט מיט פּחד דעם גאַנצן לעבעדיקן רוים אין באַגלייטונג פון קרעכצן און ספּאַזמעס פון די פּאָרער,

דער בליץ האָט אויפגעהאָנגען אין אַ דויערנדיקער מינוט אַ פֿייערדיק־גאָלדענעם רעפֿלעקטאָר און באַלויכטן די דאָזיקע אויסטערלישע נאַכט; די ווייענדיקע בערג האָבן זיך פֿון פּחד איינגעקלאַמערט איינער אין אַנדערן; די ריזיקע רוקנס איינגעהילט אין דיקע נעפּלען, ווי אין וואָלענע דעקעס; די פֿעלד־בלומען האָבן טרינקענדיק אין טרערן געררופֿן נאָך הילף. די צווייגן האָבן זיך געהאַלטן הבריש, סאָלידאַר קעגן שטורעם... אונדזער אויטאָ — נחס תּיבֿה, שווימט הויך איבער דער ערד און גרייכט צו די נידעריקע וואָלקנס, וואָס וויקלען זיך אין רויכיקע געשטאַלטן, קוקן אַראָפּ צו אונדז מיט אויסטערלישע אויגן און הילן איין דעם גאַנצן גליל העליון...

פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ העשעריי פֿון אַן אייזעלע: אִ־הו! אַ־הו! — אַ סימן פֿון לעבן. דער אויטאָ איז שטײַן געבליבן.

מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווי פֿון אַ שווערן קאָשמאַר. ס'איז שטיל געוואָרן. אַלץ האָט זיך באַרואיקט. פֿון אונטער די געדיכטע וואָלקנס האָט זיך אַרויסגעגנבעט אַ שטיק בלויער הימל און אויפגעדעקט די זייטיקע שטעגן. מיר זענען אַרייַנגעפֿאַלן אין אַ ישוב. אַ האַלבער דאָרף איז נאָך געלעגן אין געדיכט־געשלייערטע נעפּלען, נאָר שטיקער דעכער און רוקנס האָבן דערמאָנט אין זיין קיום.

אַ גרויס געזעמל מענטשן אין ר'עגן־פֿאַרגלאַנצטע רעגן־מאַנטלען, מיט פֿאַרגאָסענע פּנימער, פֿון וועלכע ס'האָבן געקאַפּעט מבול־טראָפּנס, האָבן זיך אַרייַנגעריסן צו אונדז אין אויטאָ:

— אך, אך!

— אך, אך, אך!

— שלום, יידן! איר לעבט נאָך?!...

אויספלוג פון אַרבעטנדיקע מוטערס

אַ זאַפטיקער יונגער באַגינען האָט זיך אין אַ ציטער שטיל אויפ־געהויבן פון הינטערן דרימלענדיקן כרמל און רחבותדיק אויסגעשפרייט זיין לויטער־צעהעלט ליכט איבער דער באַרגיקער פּיראַמידן־שטאָט — חיפה, ווי אַ פלאַטערנדיקע ווייסע פאָן — שלום און ברכה.

דער גאָלדיק־אויפשטראַלנדיקער מזרח האָט אַנטבלויזט דעם צעבליטן פרילינג אין די נייע יונגע ישובים, וואָס רוען צופוסנס דעם כרמל־באַרג און באַקראַנצט דאָס פלאַכלאַנד פון דער אַלטער פּאָרט־שטאָט — חיפה.

אָט האָבן אין די צעבלויטע לופט־כוואַליעס אַריינגעשוועבט גאַנצע מחנות פילפאַרביקע פייגל און אַריינגעשאַלט מיט בשורה צום ליכט פון טאָגיקן געבורט... און העגער פון הונדערטער הינער־שטייגן האָבן זיך הערשעריש צעפּאַכעט מיט די ווייס־גלאַנציקע פליגל, ציטערנדיק מיט די בלוט־רויטע קאַמען, אונטערגעשפרונגען און אויסגעקרייט: קו־קו־ריי־קו־או!

נאָר ווען צאַרטע זון־שטראַלן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער פלאַכע, יידישע דעכער און אַריינגעגליטשט זיך דורך די דורכזיכטיקע לאָדן, ווי מיט מוטערלעך־וואַרעמע פינגער, האָבן זיי געוועקט די יידישע האָרע־פּאַשנע אַרבעטער־געזינדן: בוקר טוב!

ביים הויפּט־כביש, וואָס שפּרייט זיך אויס צו מערב, ווי דער חוט השדרה פון ניי קרית חיים, זאַמלען זיך די אַרבעטנדיקע מוטערס צום אויספלוג. זיי ציען פון אַלע זייטן, פון די שמאָלע נאַמענלאָזע געסלעך, לויטן אלף־בית, אין געמישטע סטילן פון די נייע עולים און ווערן פאַר־קוואָקעט און פאַרסאַראָקעט פון די הילצערנע און דראָטענע שטייגן הינער, גענדז, קאַטשקעס און טויבן.

היינט האָבן זיך די מוטערס באַפרייט פון זייער אַרבעט צו קענען

זיך באַטייליקן אין שפּאַצער איבערן לאַנד. ווי גלייכע פּראָדוקטיווע מיט־גלידערינס פון דער ישראלדיקער געזעלשאַפט, זענען די מאַמעס פּיאָנע־ריש פּאַרטראָטן אין אַלע אַנשטאַלטן: אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען — אין עקאָנאָמישע און קולטורעלע, אין סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע, אין פעלד און פאַבריק, אין גאָרטן און שול־וועזן, אין דערווירטשאַפט און אוני־ווערסיטעט. זי, די פרוי און אַרבעטער־מוטער, איז געווינערין און פלע־גערין, וועשין און דערציערין, קינסטלערין און שרייבערין, טראַקטאָריסטין אין פעלד און יוריסטין אין געריכט; אין קיבוץ און אין פּאַרלאַמענט; אין דאָרף, אין וואַרשטאַט און אין צה״ל. די היגע מאַמע — די אַרבעטער־פרוי, איז די קעמפערין פאַר אירע פרויען־רעכט און ראַנגלט זיך אומ־דערשראָקן פאַר איר היים, פאַר איר לאַנד, פאַר וועלכער זי פאַרגיסט איר שווייס און בלוט...

דאָך איז זי אַ גלייכע און שטאָלצע, אַ ברוין־צעגליטע, רייף און פולבלוטיק, ווי די זיבן־רערנדיקע מנורה, צינדט זי אָן די טעג מיט איר פייערדיקער ענערגיע און פראַצע, מיט מוט און געזאַנג און געדולדיקן אויסדויער. און איבער דעם אַלעמען, דאָס גרויסע שבת־ליכט פון איר מוטערשאַפט, וואָס באַשטראַלט אַלע אירע מעשים און טאָוונגען מיט דער שיינקייט פון איר ליבע...

* * *

אין פרייער אונטערהאַלטונג און גוטמוטיקער דערהוואַרטונג שטייען שוין גרעסערע און קלענערע גרופּעס פרויען צענויפגעזאַמלטע פון אַלע פּראָווינצער ישובים אין פאַרשידנפאַרביקער זומער־הלבשה: ווייס־געפּרעס־טע קרעגעלעך און געבלומטע יופּקעס, אָדער טיף־דעקאָלטירטע, העלע, דורכזיכטיקע קליידלעך און אויף די פיס סאַנדאַלן. טיכלעך און שטרויענע היט, מיט אויסגעשלייפטע לענטעס איבערן האַלדז.

דוכט זיך אַלע גרופירן זיך אַרום איין קערפּערשאַפט — „אמהות העובדות״. דאָך טיילן זיי זיך אויף אַן אומדירעקטן אופן אין באַזונדערע קרייזן. אָט שטייט אַ גרופּע אַלט־געזעסענע, מיטליעריקע; פּולע, ברייט־

צעוואַקסענע, מיט אַ ביסל אָראַפּגעלאָזטע בריסטן, ווי ברייט־צעצווייגטעביימער, פון יאָדערדיקע, זאַפטיקע שטאַמען מיט רונדע, ברוין־הויטיקע פּנימער און וואַרעמע אויגן מיט פאַרטיפטער חכמה און וואַכזאַמקייט. זייער טראַט איז אַ פעסטער מיט דער זיכערקייט פון אַ פויער אויף זיין אייגענער ערד.

אויף דער לאַנגער באַנק, וואָס שטייט ביי דער אָפענער טעראַסע נעבן דער צרכניה, האָט זיך פאַמעלעך צוגעזעצט אַ שורה עלטערע פרויען פון רומעניע און אונגאַרן — שטילע, ציכטיקע. די מערהייט אָנגעטאָן אין טונקעלע, ניִשט מאָדישע, ברייט־געקליבענע קליידער. די העלדזער באַהאָנגען מיט שנירלעך פּערל, ווי אַ דערמאָנונג, פון פאַרשווונדענער יוגנטלעכער קאָקעטעריע. די פּנימער — פאַרמעט־געלבלעך, צעאַקערט און צערונצלט פון יאָרן דאגות און יידישע צרות... די קעפּ טויבן־ווייס, פון אונטער די געקנייטשטע שטערנס קוקן מילד אַרויס קליינע, אַריינגעזונקענע, שוואַרץ־גלאַנציקע אויגן, מיט זקנהשער פאַרטראַכטקייט. עס טיילט זיך אויס אַ בוקאָווינערין מיט אַ שוואַרצן אָנדרלירטן קאָפּ האָר, מיט אַ צאַרטן אָוואַל, מיט אַ גלייכע, גריכישע נאָז, אַ דין קלאַסיש מויל און ליכטיק־פּערלדיקע ציין. האָט זי צעעפנט אַ פּאָר גלאַנציקע שיינע אויגן, ווי אַ שיינהייטס־מלכה, וואָס רעפּרעזענטירט יענע אַלע יידישע שיינהייטן פאַרשניטענע דורך די דייטשע נאַצי־רוצחים...

ווי אַ דערמאָנונג פון אַ נאַכגייענדיקן שאָטן גייט אַרום אַהין און צוריק אַ הויכע, בלאַסע פרוי מיט אומעטיק־פאַרטראַכטע אויגן. אויף איר לאַנגער האַנט, דער טאַטואירטער נומער פון די יידן אין די נאַצישע פאַרניכטונגס־לאַגערן, גלאַנצט קעגן זון־אויפגאַנג מיט מאָנונג...

ערגעץ פון אַ זייטיק געסל איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגע, אַ שוועבנדיקע מאַמעלע, אָנגעטאָן אין גאַנצן אין ווייסן, ווי אַ ווייסער שמעטערלינג, אין אַ גרויסן שטרויענעם הוט, אַ באַהאָנגענע מיט צירונג — דעם מאַנס בחורשע מתנות, איז זי מיטן יונג־לאַכנדיקן פּנימל, דער מאַמעס מילך נאָך אויף די ליפּן, אַ זינגענדיקע צוגעפאַלן צו דער באַנק. די שורה ווייבער האָט זיך אַ וויג געטאָן. די זקנה מיט דער יוגנט האָבן זיך באַגעגנט...

צווישן דעם געזעמל ווייבער האָט אַרויסגעהויבן אַ מערקווירדיקע

געשטאַלט: אַ העכערע, רונדיק־באַוואַקסענע מוטער, אין אַ געבלימלט האַלב־קלייד פון אַ פויערטע, אין אַ ווייס־געקליבענע בלוזקע אַרום אַ הויכן, שיינעם מאַרמאָר־האַלדז. זי איז געשטאַנען קעגנאיבער אַ בלומען־גאָרטן און שמייכלענדיק אָנגעקוקט די פאַרזאַמלטע פרויען פון גאַליציע און פוילן. אירע צוויי דיקע, בלאָנדע צעפּ איבערן ליכטיקן שטערן הויך אויפגעהויבן. פונעם סאַמעט־גלאַטן פאַרברוינטן פּנים האָט געווייעט מיט קראַפט, ענערגיע און שטילער אינטעליגענץ. אירע שיינע, טיף־בלויע אויגן האָבן געקוקט פאַרשעריש. באַטראַכטנדיק די דאָזיקע וווּנדערלעכע מוטער, וואָס איז נאָך אַלס שול־קינד געקומען פון מזרח־אייראָפּע צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, איז מיר געקומען אויפן רעיון: „אין אַ געזונטן קערפּער איז די נשמה געזונט!".

מיר זענען שוין אַריבער די באַן־ליניע אין דער באַגלייטונג פון די געמישטע ריחות פון ים, פון די אַרומיקע נייע שיכונים און פון די נאַפּט־ראַפינעריעס, וואָס גרויסלען זיך מעכטיק לענג־אויס די וועגן.

מיר קומען אַריין אין אַלטן קרית חיים. אַ פּרעכטיקער, גרין־צעבליטער ישוב, אַ גן־עדן. יעדעס ווייס הויז איז טיף אַריינגערוקט אין הויף אַריין און אַרומגערינגלט מיט פּרדסים. אויבן, דורך די געדיכטע צווייגן, ווינקען צו אונדז העלע טויבן־נעסטן. אונטן — טשאַטעס הינער. די פּאַדערשטע פּאַסאַדן זענען געדיכט באַוואַקסן מיט קוסטן פון רייך־פאַרביקע בלומען־משפחות: כריזאַנטעמעס, ראָזעטאַ, נעלקן, גלאַדיאָלן, טערציגנען, נעגעלעך און מאַרגאַריטקעס.

ביים אָפענעם כביש, לענג־אויס די וועראַנדעס מיט גרין בלעטערדיקער ליאַגוסטראַ, געוואַקלטע דודניא, פאַרעמען זיך אין פּאַראַדנע טויערן אַריינ־גענג. איבער זיי הויבן זיך אויף שלאַנקע, קאַקטעישע פּאַלמעס, פּיקוסן און צעשמעקטע ביימער מיט גויאַוועס און מאַראַנצן, וואָס ציטערן אין דער לופט, ווי זיך וויגנדיקע, גאָלדענע עפּעלעך...

מיר פאַרלאָזן די גריגע וועלט קרית חיים און צעחדוהטע מיט געזאַנג טראָגן מיר זיך לענג־אויס דעם מפרץ.

דער מפרץ איז דער גראַנדיעזער אַרבעטס־פּלאַץ פון דער ישראל־פּראָדוקציע, פון פאַרשידענע אויסאַרבעטונגען. צענדליקער פאַבריקן: די

נאַפט־ראַפינעריעס, די רוטענבערג־עלעקטריציטעט, גלאָז־ שיך־ געשיר־פאַבריקן, אונטערנעמונגען פון פּאַלאַטן, שוועבל, רערן, שיפלעך, לאָמפּן, סטאָלעריי־אויסאַרבעטונגען, אייז און שאָקאָלאַד און וואָס נישט?!

אונדז אַנטקעגן טראָגט זיך אַן עכאָ פון טויזנטער אַרבעטער־הענט: עס קלאַפּן האַמערס, עס זעגן די זעגן, עס רוישן מאַשינען. טונקעלע רויכן ציען זיך צו צעבלויטע הימלען און פייפנדיקע סירענעס באַגעגענען זיך און מישן זיך אויס מיטן כאָר פון צעזונגענע מוטערס, אין איין פייערלעכן קבלת־פּנים: שלום חברים!

אַ לויב דער אַרבעט!

אַ לויב דער אַרבעטער־מוטער!

אַ לויב דעם אַרבעטנדיקן מאַן און ברודער!

אַ לויב דעם אַרבעטנדיקן ישראל!

אַ לויב דער אַרבעטער־וועלט!...

ווער וועט העלפן דער באָבעניו?

אַ באַהאָנגענע מיט פּעקלעך און זעקלעך שלייכט זיך שטיל אַרויס דורכן גרינעם הויף, פון די בתּי־ישובֿים אַן אַלטינקע באָבעלע און בלייבט שטיין ביים טויער פון אַריינגאַנג. זי טראַכט אַ ווײַלע: ווי וועט זי קענען צוטראָגן די וואַליזיקעס און פּעקלעך צום אויטאָבוס, כּדי צו פֿאָרן ערגעץ אין קרית שמונה, הינטער צפת? שטייט זי, די אַלטינקע, און דרייט מיטן באַטיכלטן קאָפּ אַהין און אַהער, לינקס און רעכטס. אפשר וועט זי טרעפן וועמען, וואָס וועט איר העלפן צוטראָגן די פּעקלעך צום אויטאָ. אָבער דער אַרום זשומעט מיט מענטשן, קיינער פרעגט זי נישט, קיינער באַמערקט אַפילו נישט, אַז זי וואָלט געוואָלט עס זאָל ווער נעמען אַ וואַליזע און העלפן איר דערגיין צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע. וואַרט זי און וואַרט, ביז זי גיט זיך אַ בויג איין, נעמט די וואַליזעס אין די הענט, פאַרוואַרפט די זעקלעך אויף דער פּלייצע און מאַרשירט מיט די מתּנות ווייטער...

אָבער שטופּנדיק זיך צווישן דער מאַסע מענטשן, וואָס שפּאַצירט אויפן טראָטואַר, ווערט איר אַלץ שווערער. זי פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט. דער אַלטער גוף ווערט אַלץ מידער, שווערער. די אָדערדיקע הענט ציען מיט ווייטיק, די מתּנות־זעקלעך, פּרעסן איר פּלייצע און האַרץ. אָבער ווי וועט עס די באָבע פאָרן צו אירע אייניקלעך אָן מתּנות?!... אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט באַפאַלט איר צו די קינדערלעך, איר טאָכטער, וואָס וווינט אַזוי ווייט פון איר.

פּלוצלינג בלייבט זי שטיין. זי קען ווייטער נישט גיין... וואָס טוט מען? קרעכצט זי שטיל, ווי פאַרשעמט. הילפלאָז, שטייט זי אין מיטן גאַס און קוקט זיך אַרום.

פון שטאָטישן פּאַרק, פון די געדיכטע באַוואָקסענע צווייגן, האָט זיך

דערהערט אַ זיסער פויגל־געזאַנג. די באָבע האָט פאַרגעסן איר מידקייט. זי זאַפּט אין זיך איין אָט די קלינגענדיקע שטים פון אַ פויגעלע, אָבער אָט הערט זי אַ צווייטס זיס געזאַנג, דאָס זענען די זיסע שטימעלעך פון די קינדערלעך, וועלכע גייען צעשטראַלטע אין שול. מיט שטיפערישן אימפּעט צעלאָזן זיך די קינדערלעך אין פרייען לויף. אַזוי פריי קען נאָר זיין אַ קינד אין זיין אייגן לאַנד. זיי לויפן פאַרביי דער אַלטינקער שלאָגנדיק זיך מיט זייערע אייגענע זעקעלעך שפּייז, וואָס די מאַמעס האָבן זיי מיטגעגעבן אין שול אַריין.

די באָבע האָט ליב קינדערלעך, פאָרט זי דאָך צו אַזעלכע.

פלוצלינג האָט די באָבע אַ זאָג געטאָן: קינדערלעך! ווער וויל העלפן דער סבתא?

— איך! איך! איך!! — האָבן זיך אַלע קינדערלעך מיט אַ מאָל אָפּגערופן. טעטשקעלעך ווערן איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט. צוויי קינדער הויבן איין וואַליזע, אַנדערע צוויי נעמען די איבעריקע פעקלעך און די באָבע מיט די אייניקלעך שפּאַצירן שטאָלצע איבערן טראָטואַר צום אויטאָבוס, וואָס דאַרף איר פירן צו אירע אייניקלעך קיין קרית שמונה, הינטער צפת.

— סבתא! ווּהין פאָרסטו? — גיבן זיי איר אַ פרעג אין יידיש, מיט זייערע קלינגענדיקע שטימעלעך.

— צו מיינע קינדער! — ענטפערט זי, און איבער איר געקנייטשטן פנים צעלויכט זיך אַ וואַרעמער שמייכל, ווי די סוף זומער־שטראַלן איבערן אַלטן יידישן שטעטל.

— ווּ ווּינען דיינע קינדער? — פרעגן זיך די קינדערלעך און שפּאַצירן פריילעך איבערן טראָטואַר.

— ווייט־ווייט, אָט דאָרטן! — ווייזט די אַלטיטשקע מיט דער האַנט צו די בערג, הינטערן הייליקן צפת.

— אויפן צפון — האָט אַ ייִנגעלע, בלאָנד, ווי אַ שגצל, מיט אַ בלאַס פנימל און גרויסע, גרויע אויגן, מיט זומער־שפּרינקעלעך אויף זיין שיין געטאָקט נעזל, אַ זאָג געטאָן.

— יאללא, חברה, — האָט אַ הויכער בחור אַ זאָג געטאָן — דער אויטאָ וועט נאָך אַנטלויפן. נעמט אַראָפּ פון דער באָבען די פּעקלעך!

ביים ככר הגבורים, האָבן זיי געדאַרפט אַריבער דעם שאָסיי. דער אויטאָ האָט זיך שוין כמעט גענומען רירן.

— רגע, רגע! — שרייען די ייִנגעלעך צום שאָפער.

דער שאָפער דערזעענדיק די מחנה ייִנגעלעך אָנלויפן, האָט אָפּגע־שטעלט דעם אויטאָ און נאָכגעקוקט די ייִנגלעך, נישט ווייסנדיק וואָס זיי ווילן. די סבתא דאַרף אָבער אַריבער דעם שאָסיי, זענען ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן צוויי שייִנינקע מיידעלעך, וועלכע זענען זיך געפאָרן שטאָלצע אויף זייערע וועליסאָפּעדן. זיי זענען אַראָפּגעשפּרונגען, אַוועק־געשטעלט די וועליסאָפּעדן ביים פּאַרקן, צוגעלאָפן צו דער אַלטיטשקער. פון ביידע זייטן גענומען דער באָבען אונטערן אָרעם און אַריבערגעפירט זי איבער דער גאַס, פאַרהאַלטנדיק די אויטאָס מיט די קינדערשע הענטלעך.

די פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן, ווי די ייִנגלעך טראָגן די טשעמאָדאַנעס און ווי די מיידעלעך פירן דער באָבעשי אונטערן אָרעם איבערן שאָסיי צום אויטאָ. צוויי ישראל־וועלטן — די באָבע, די זקנה, און די קינדערלעך — די סאַברעלעך.

האָט זיך דער לערער און די לערערין, צוגלייך מיט אַלע מענטשן אָפּגעשטעלט קוקן, ווי זייערע קינדערלעך פירן אויס אַזאַ שיינע טאַט. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף די פּנימער פון די לערערס. דאָס האָבן די לערער אין קרית מוצקין אַזוי דערצויגן די קינדער.

די סבתא איז אַריין אין אויטאָבוס און באַקומען אַן אָרט צום זיצן, ביים פענצטער. די וואַליזקעס האָבן די קינדער אַרייַנגעטראָגן אין אויטאָ. און ווען דער אויטאָ האָט גערירט, האָט די באָבעשי אַרויסגעשמייכלט צו „אירע" קינדערלעך און מיט איר האַנט באַדאַנקט די קינדערלעך פאַר זייער שיינער מידה. די קינדער האָבן געענטפערט מיט אַ האַנט־צייכן און פריילעכע אָפּגעמאַרשירט.

„בית דינה״

מיטן נאָמען פונעם פאָלקס־ליבלינג — שלום עליכם, איז באַקרוינט דער צענטער פונעם באַרגיק־טרוקענעם ישוב נוה שאנן.

פריילעך ליגט צעעפנט, קעגן זון און גרינס, דער צענטער, וואָס טראָגט אויף זיין אויבערפלאַך דאָס צערוישט, אויפגעייענדיק לעבן פון דער באַפעלקערונג מיטן אימפעט פון נייער דערוואַכונג...

אַ ביסל נידעריקער פירט אונדז צו אַ הויף, ענלעך צו אַ שלאָס. פון דאָרט הויבט זיך אויף אַ העלער, צוויי־שטאָקיקער גראַנדיעזער בנין, וואָס רייסט זיך צום ישראלדיקן בלוי־צעשטראַלטן הימל און שפרייט זיך אויס אויף אַ שטח פון זעקס דונאַם באָדן, אַרום און אַרום אַ גרין צע־וואַקסענער וועלט, אַ וועלט פון אַלערליי צמחים: פון אַלטע און יונגע סאָסנע־ביימער, אַקאַציעס, אַראַנאַוו און פאַרשידענע באַבלעטערטע נאָכ־וואוקסן פון פילפאַרביקע בלומען־קוסטן, וואָס פאַרשפרייטן אַן אַראָמאַט, ווי פון זיסע ווייַנען.

אַרום דעם בנין, פון ביידע זייטן, שוועבן אָפענע שמאָלע און גאַנץ ברייטע באַלקאָנען, ווי ריזיקע ווייסע אָדלער־פליגלען. איבער זיי, גרוי־סע שוואַרצע אותיות: „בית דינה״.

אונטן, אַרום און אַרום, אַ גרין־בלומיק באַגראָזטער שטח, ווי אַ וווּנ־דערלעכער טעפיך.

טיפער אין הויף, ביים פּאַראַדנעם אַריינגאַנג, פאַרבייגן זיך אין העפלעכקייט, די צוויי הערלעכקייטן, ווי אין שמייכלענדיקן רעספעקט — דער אַלטער, ברייט־צעוואַקסענער פיקוס־בוים און דער אַלעאַנדער־קוסט מיט ראָזער צעבליונג, וואָס וואַקסט אַזוי חנוודיק, רונדיק, ווי אַ מיידל אין איר פולבלוטיקן פרילינג.

דער ערשטער האָל גלאַנצט מיטן געשמאַק פון ליכטיקע קונסט־

לאַנדשאַפטן. איבער אַלע קאָרידאָרן און אומעטום אַ וווּנדערבאַרע זויבערקייט און מוסטערהאַפטע אָרדענונג. בלומען־טעפּ און וואַזאָנען פרישן אָפּ יעדן עס־ווינקל און יעדן טישל.

בילדער, סקיצן, רעפּראָדוקציעס פון כל ערליי געשטאַלטן און פאַרבן, געמעלן פון פאַרשידענע יאָרהונדערטער, באַצירן די ווענט.

דער לייען־זאַל

אַ גראַנדיעזער לייען־זאַל איז דער קוואַדראַטנער זויבערער, וויכטיקער עסטעטישער טרעף־פּונקט. די צייטווייליקע קור־היים איז דאָ אויך פאַר כל מיני גייסטיקע פאַרגעניגנס, אַ טייל פאַרמאַיקע טישלעך מיט די קאָלירטע, האַלב־לבנהדיקע, באַקוועמע שטולן זענען שטענדיק באַזעצט מיט אַרומיקע פּאַציענטן, צי געסט. מ׳בלעטערט זשורנאַלן, מ׳שפּילט אין קאָרטן, אין שאַך, אין דאָמינע, מ׳לייענט צייטונגען, מ׳הערט ראַדיאָ, מ׳שליסט קאַנטשאַפטן, אַפילו שידוכים.

דאָס פּובליקום האַלט זיך דאָ אין איין בייטן, מ׳קומט און מ׳גייט. אַריין־אַרויס. אַן אייביקע באַוועגונג. דער עולם איז פאַרשידנפאַרביק אין זיין הלבשה און דער שפּראַכן מיש־מאַש, וואָס הערשט דאָ, דערמאָנט אין אַ וואָקזאַל פון ערשטן קלאַס, ווו יעדער באַזונדער דערוואַרט דאָ זיין באַן, וואָס עס וועט באַלד אָנקומען און אים אַוועקטראָגן אין דער וויטער וועלט אַריין...

פרייטיק צו־נאַכטס

דאָרטן, אויבן אַן, אין חדר האוכל, בענטשן פרומע, עלטערע ווייבער ליכט לכבוד שבת־קודש. די קעפּ באַטיכלט, די הענט צענויפגעלייגט עניוותדיק פרום, די פנימער קרענקלעכע, פאַרדאגהט און יראת־שמימדיק פאַרטראַכט און צניעותדיק, אין ציטערדיקן געבעט, טוען די ליפּן שעפּטשען די ברכות... און ווי די שבת־ליכט, אַזוי טוען זיך די בליקן צעצינדן אין הייליקן, ציטערדיקן פייער פון אמונה, בענקשאַפט און תמימות...

נאָר די שיינע פאַרטרערטע אויגן לויכטן מיטן גלאַנץ פון טיפער, הייליקער ליבשאַפט פון אַ יידישער מאַמע.

— גוט שבת! גוט שבת! — שרייען אויס די ווייבער מיט צע־שיינטע פנימער צום עולם, באַגריסנדיק איינע די אַנדערע, און אַלע צוזאַמען — די רביצין פון פתח־תקוה.

די רביצין, אַ נידעריקע, אַ צאַרטע, מיט דריבנע קורצע טריטעלעך און מיט אַ זיידן קאָפּ־טיכל. נאָר אירע גרויסע, שוואַרץ־גליענדיקע אויגן, וועלכע פאַרנעמען דאָס גאַנצע פנים, ווי שפּיגלען טיף אַריינגערוקט אין קאָפּ, שטראַלן און לויכטן מיט דער צאַרטער ליבשאַפט פון אַ גרויסער, דערהויבענער יידישער מאַמע...

די וואָכעדיקע אַטמאָספער האָט אָפּגעטראָטן פאַר דער הייליקער, שבתדיקער שטילקייט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן העלן, צע־צונדענעם חדר האוכל...

פון שול, הינטער דער וואַנט, טראָגט זיך אַ וואַרעמע חזנישע כוואַליע פון דאַוונענדיקע מניינים יידן: לכו נרננה און לך דודי! און דער שבתדיקער מתיקותדיקער עכאָ רייסט זיך אין דרויסן אַרויס, צו דער בלוי־זומערדיקער לבנה־נאַכט, צום בלומיקן גאָרטן.

שטייען שטיל די צמחים און בלומען אין הייליק־שבתדיקער התפעלות. נאָר די געדיכטע יאָדלע־צווייגן, איינגעוואַקסן, איינגעגלידערט איינער אין צווייטן, ווי הענט אויף אַקסלען פון טאַנצנדיקע חסידים, וויגן זיך אין אַ ריטמישן זמר פון שבת שירה...

חדר האוכל

אַ לופטיקע זויבערקייט שפּיגלט אַראָפּ פון די שורות וויס־סערווירטע טישן. דאָ הערשט שטילקייט, דיסציפּלין און אָרדענונג. יעדער ווייסט זיין פּלאַץ ביים טיש. די שוועסטער אָרדנערינס, בלאָנדע מיט שמייכלענדיקע, פולע פנימער, שוועבן אַריין, ווי די ליכטיקע שמעטערלינגען. אין ווייסע פאַרטוכער און מיט מיצן אויף די קעפּ פירן זיי די וועגעלעך שפּייז. זיי

דערלאַנגען דאָס עסן מיט אַזאַ וואַרעמען זשעסט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַריינלייגן דעם ביסן אין מויל...

ווי ביי אַלע טישן, זיצן אויך מיר, פיר אָדער פינף, אַרום אונדזער טיש. און ווי דער שטייגער איז, גייט אַ שפּראַכן־געמיש, כאָטש מיר זענען אַלע יידן. אָט, לשמאל, זיצט נעבן מיר מיין שכנה מיט אַ טונקל, גלאַט־געשאָרענעם קאָפּ האָר און אַ פּנים מיט גראָבע שטריכן; אירע באַקן אַנגעצויגענע, אומהיימלעכע, קאַלטע. געבוירן, זאָגט זי, איז זי אין פּענזע, ביי דער וואָלגע. כאָטש איר מוטער־שפּראַך איז יידיש־רוסיש, רעדט זי דווקא דייטש. זי איז אַן אָנפירערין ערגעץ אין אַ שפּיטאָל. די קעגנאיבערדיקע מיטעסערין, די מאַראָקאַנערין מיטן גוטן, רויטלעך פרישן פּנים, קוקט איר אָן מיט אירע לענגלעכע, שוואַרצע פלוימען־אויגן און מאַכט דערביי אַ קרומלעכע מינע... ווען יענע גייט אַוועק פון טיש, דרייט זי אום צו מיר דעם קאָפּ און זאָגט מיט אַ טאָן, אַז אַלע זאָלן הערן:

— אָך און וויי איז צו יענע אַרבעטער, מיט וועלכע דאָס דאַרף אָנפירן...

דער אָפּערירטער אויפן מאָגן, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, מיט אַן ארייגינעלן סעמיטישן אויסזען,ליידט אין דער שטיל. זיינע קלוגע, שוואַרצע אויגן גיבן זיך נאָר ברייט אַן עפן מיט אַ ווירדיקער מינע אויפן איינגעפאַלענעם ברוינעם פּנים, ווען מען ווענדעט זיך דירעקט צו אים.

זיין שכנה ווידער, וואָס קומט אַהער אין קוראָרט, שוין צום דריטן מאָל, האַלט זיך דאָ פאַר אַ גאַנצער „יאַ־טעבע־דאַמניצע", זי רעדט זייער שטיל, דוכט זיך, זייער קאָרעקט. האַלט גלייך דאָס געלבלעך צעקנייטשט פּנים, וואָס ווערט אָפּט צוגעפּודערט, נאָר די ליידיקע אויגן לויפן אום אין אַלע זייטן, ווי קוועקזילבער, כדי אַ גאַנצן טאָג האָבן אַ פולן מויל מיט רכילות.

די ווילנער דאָקטאָרין, מיטן זוניקן אָפענעם פּנים, וואָס האָט זיך צו מיר צוגעבונדן, רוימט מיר שפּעטער איין, אַז די „יאַגוסטינקע, פון ריימאָנטס „פּויערים", האָט זיך איבערגעטאָן און אַריבער דאָ צו אונדז!".

דאָ ביי די טישן וואַרפט זיך אין די אויגן, מער ווי אומעטום, דער אונטערשייד פון דער געמישטער באַפעלקערונג. ביי איין טיש זענען

כמעט אַלע רעליגיעזע, שייגע באַבערדיקטע יידן, זיי טראָגן שוואַרצע, האַרטע שליאַפּעס, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס. קעגנאיבער זיי — פּונקט דער היפּוך — אַלע פרייַ אין זייער וועלט־באַנעם.

עס טיילט זיך אויס פון צווישן די מיטזיצערס דער אינזשיניער ק. אַ גלייכער, אַ הויכער, ווי אַ סאָסנע, מיט אַ שטאָלץ אָדלער־פּנים און גרויסע דורכדריגגלעכע, שוואַרצע אויגן. ער קומט אַריין מיט זיין טעקע אין האַנט און מאַכט דעם איינדרוק פון אַ ספּאָרטמאַן.

ביים עסן, הערט זיך אַ שטיל געמורמל, ווי אַ פאַרנאַכטיקער בינען־געזשום.

עס טרעפט, אַז דער עס־צימער ווערט האַלב אויסגעליידיקט פון די דערהאַלטע, צוריקגעקערטע קליענטן. מאַכט עס דאַן אַן איינדרוק, אַז די איבערגעבליבענע פילן זיך פרעמד און דער אויסגעליידיקטער זאַל פאַרשעמט...

ס'טרעפט אָבער, אַז מיט אַ מאָל קומען אָן נייע מענטשן און אַלץ ווערט ווידער באַזעצט און באַלעבט. גלייך ווי די פרישע כוואַליע פון געסט־צופלוס, וואָלט דערוועקט מער אַפּעטיט צום עסן...

נאָך די מיטאָג־שעהן ווערט שטיל. אַ לאַנגע, שטילע מידקייט צע־גיסט זיך אַרום. אַלץ רוט. דער גאַנצער בנין מיט זיין לעבעדיקער באַוועגלעכקייט פאַלט אַריין אין אַ מידן, זיסן דרימל, ווי אין אַ וואַרעם־מוטערלעכן שויס.

דער הויף

דער פאָדערשטער הויף, אַ געגאָסענער פון בעטאָן, פירט עטלעכע טרעפּלעך לינקס, באַרג אַראָפּ. אַרום שטייען גרינע בענק צום זיצן. הינ־טער זיי — דער בליענדיקער גאָרטן.

דאָ הערשט אַן אייביקע באַוועגונג: אַריין, אַרויס, מ'קומט, מ'גייט. דער הויף, ווי דער צאַפּלדיקער נערוו פון חוט השדרה, איז דער פאַר־מיטלער צווישן דער אינערלעכער און אויסערלעכער וועלט. פון באַגינען אָן שטייען אויף דער גאַס, אַרום דעם נידעריקן פּלויט, פאַרשיידענע

טעקסיס. קראַנקע און מידע ווערן געבראַכט, און געזונט־געוואָרענע פאָרן צוריק. עס קומען אויף באַזוכן געסט און משפּחה־מיטגלידער פון לאַנד און אויסלאַנד. עס קאָכט, רוישט און זידט דאָ מיט אומרו, בענקשאַפט און דאַנקבאַרקייט. עס קומען דאָ צום אויסדרוק און מישן זיך אויס פיזישע יסורים און גייסטיקע פרייד: אַ מאָל מיט אַ קרעכץ אָדער ספּאַזמאַטיש געוויין און אַ מאָל מיט געלעכטער, הומאָר און וויץ. אַזוי שפּיגלט זיך אָפּ דאָס גרויסע לעבן אין מיניאַטור, אין באַגרענעצטן הויף אויף די בענק.

דער ערשטער איינדרוק ביים אַריינקומען אין הויף איז אַ שווערער. דאָ טרעפט מען זיך אָן אויף אַ פאַרשידנאַרטיקער געזעלשאַפט פון טראַגיש־פיזישער פאַרקריפּלונג — פון מענער, פרויען און קינדער אין געמישטן עלטער.

פאַרבאַנדאַזשירטע הענט און פיס, הינקענדיקע, אויסגעבויגענע פּלייצעס, שווער־שטאַמלענדיקע, אַרטרעטיש־אַרויסגערוקטע ביינער, קאָנוווּלסיוו־ציטערנדיקע, טויבע, אָפּערירטע, האַלבע און גאַנצע מלחמה־אינוואַלידן מיט שפּורן פון צעשאָסענע לייבער, שווער גייענדיקע אויף שטעקנס און קוליעס...

קוק איך אָן דעם פאַראומגליקלעכטן עולם, אין די ליג־שטולן מיט די בלאַס־געלבע פּנימער, גרויע און האַלב־גרויע קעפּ און אויגן — גאָט מיינער! בעטנדיקע מיט צער און יאוש, פון ווייגעודיקער רעזיגנאַציע און פיבערדיקן פּראָטעסט־געראַנגל, מיט יוגנט, פייערדיקן ווילן צו ווידער־אויפלעבונג...

אַ מוראדיקער גורל פאַרכאַפּט דאָס האַרץ. ווער איז עס דער וואַנדערנדיקער שפּיטאָל מיט די צעמזיקטע יסורימדיקע קרבנות, געבראַכטע פון עפּעס אַן אויסטערליש שלאַכט־פעלד ?!...

יאָ, דאָ איז די גוטע באַהאַרצטע היים, פאַר די מידע און דערשעפּטע קינדער פון ישראל; דער עולם הקטן פון דער גרויסער אויסערלעכער וועלט; די געמישטע משפּחה, וואָס ציט זיך אַהער פון אַלע עקן לאַנד:

פון ירושלים און גבעתיים, פון באַר־שבע און תל־אביב, פון קרית שמונה, נתניה און חיפה, פתח־תקוה און נגב, רעננה און קרית מוצקין.

און דאָס זענען זיי אַלע די קעמפער און בויער, די פּיאָנערן און

שעפער, אינטעליגענץ און אַרבעטנדיקע פֿאָלקס־מאַסן, אָן אונטערשייד פֿון אידעאישע ריכטונגען און שאַטירונגען; אַלטע חלוצישע טרוימער, איינגעזעסענע און נייע עולים, צוריקגעקערטע פֿון היטלער־גיהנום און סטאַלינס תּפֿיסות און לאַגערן, פֿון וועלדער, פֿון פּאַרטיזאַנער — פֿון פֿרעמדע און אייגענע שלאַכטן. זיי אַלע זענען פֿאַרטראַכטן אין פֿאַרשידענע לאַנד־פֿאַרצווייגונגען אָדער לערן־אַנשטאַלטן; יענע אַלע, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער שווייס, מי און ענערגישן ווילן; זיי, די פֿאַרמאַטערטע און געליטענע ווערן געבראַכט אַהער, ווי מאַכטלאָזע קינדער, אין שויס פֿון דער צאַרטער מאַמען — בית דינה.

אַ בליק פֿון באַלקאָן

ס׳איז וואַרעם און געמיטלעך. אין דער בלויער הויכקייט, וואָס איבער אונדז, שווימען ווייסע פּוכיקע וואָלקנדלעך. זיי קומען זיך צענויף און גייען זיך פֿרידלעך פֿונאַנדער אין פֿאַרשידענע פֿאָרמען און בילדער: אָט זענען זיי גופֿימלעך פֿון זויגקינדער אין שוועבנדיקע בעטלעך, און אָט צעציִען זיי זיך און וואַקסן אויס אין שפּעפֿעלעך, וואָס יאָגן זיך, שפּילן אין באַהעלטעניש, פֿאַרשן, פֿאַרשווינדן אין הייסע זון־כוואַליעס.

נאָר די זומערדיקע לופֿט־כוואַליעס לאָזן זיך אַראָפּ איבערן גריגעם גאָרטן, כאַפּן אַרום די ברוינע קאָרע פֿון די שטאָלצע באָקסער־ביימער און מיט די זוניקע הייסע פֿינגער צעשפּרייטן זיי זיך איבערן גאַנצן שטח און דערזוואַכן מיט צמחימדיקן גערויש, וואָס טראָגט זיך אַרויף, דאָרט אויבן, צו די באַזעצטע באַלקאָנען מיט אַן אָנזאָג אויף חמסין... ווערט גלייך אַ בהלה ביי די געמיטלעך רוענדיקע, אַ סקריפּעריי פֿון זיץ־ און ליג־שטולן, רייסן גלייך איבער זייערע שמועסן און ציִען זיך צוריק אין קילערן שאָטן.

ליג איך ברייט אויסגעצויגן אויף מיין דאַטשנעם שטול און קוק אַריין אין ליבערמאַנס ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז מיר אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון דער אָרטיקער ביבליאָטעק.

פּלוצלינג דערפֿיל איך, ווי עמיץ באַרירט מיין האַלדז. אַ גרינע,

זאַפטיקע בלעטער־צווייג, מיט רייפע פולע ווייַנטרויבן, האָט זיך, ווי אַ יונגע, שלאַנקע מוטער, מיט פולע זאַפטיקע בריסטן, אַרויפגעדראַפּעט אויף דעם אויבערשטן לאַנגן באַלקאָן, זיך געשלענגלט לענג אויס, פון איינעם צום אַנדערן און געשעפּטשעט:

— נאַ, נעם!...

דער גאָרטן איז מיד פון אַן אומרואיקן דורשט;

די האַרט־פאַרשפּיצטע בלעטער פון דער פּעלאַרגאָניע, שטרעקן זיך אין דער הויך, ווי מיט רופנדיקע פינגער נאָך הילף...

דער תותים־בוים האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט, ווי זוכנדיק מער לופט צו אָטעמען. אַלע בלומען האָבן פאַרלוירן זייער רייץ. נאָר די יונגע, צאַרטע בלימעלעך, אַזאַליע מיט די רויט־גלאַנציקע קעפּעלעך, ווי פולע פעלד־זאַנגען, האָבן זיך יאושדיק אויסגעבויגן איבער די שמאָלע, גרינע גופימלעך ווי זיידענע פעדימלעך און די חנוודיק־שפּילעוודיקע ווייסע און ליליע קוויטעלעך האָבן ווי צווילינגס־מוזיבקלעך, זיך געטוליעט צו דער מאַמע ערד מיט דורשטיקע, צעעפנטע מיילעכלעך...

נאָר אָט איז אָנגעפלויגן אַ צפונדיק ווינטל, האָט אַ שאַר געטאָן איבער די צווייגן, און פון אַלע זייטן האָט זיך דער גאָרטן צערוישט מיט צעשמעקטער, באַוועגלעכער דערוואַכונג, צעשטראַלט, צעזונגען און צע־קלונגען זיך מיט טשיריק, טשיריק, טשיריק! האָבן די פייגל אַריבער־געשוועבט פיקנדיק פון צווייג צו צווייג.

אַ יונגע פּאָר ווייסע טויבן האָבן זיך אויפגעהויבן פון אַ שטילער נעסט און געבומען קרייזן אַרום די גאָלדענעביימער־שפּיצן, איינער נאָכן אַנדערן, מיט אַ זיס וואָרקען, ווי דער הימן פון זייער יונגער ליבע. זיי האָבן זיך געקושט אין די שנעבעלעך מיט דער צעזונגענער ברכה און פאַרשוווּנדן אין דער בלויער לופט...

דערווייל איז פון אונטער די זיילן אַרויס אַ וווּנדער־שיינע קאַץ פון ווייס־גרויען קאָליר. מיט פּאַמעלעכע, זיכערע טריט איז זי ווייך אַריבער דאָס געדיכטע גראָז, זיך מיט די גרין־גלאַנציקע אויגן פון איר קליין קעפּל אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און פויל אויסגעצויגן זיך אונטערן יונגן פייגנבוים. אירע דריי קעצל־קינדער האָבן פון ווייטנס זיך געשפּילט

מיט די לאַפּקעלעך, געשפּרונגען אַרויף־אַראָפּ אין פריילעכע קרייזן, שטי־פעריש אַריינגעשפּרונגען אין די ספּאַראַגוס־גראָזן און מיד ווערנדיק, פאַרבענקטע אַנטלאָפן צו דער מאַמען.

האָט די מאַמע־קאַץ באַקוועמער זיך צוגעשאַרט אונטער די צווייגן, אויסגעצויגן איר לאַנגן, פעלענעם גוף און די קורצע פיסלעך אין אַזאַ פּאָזיציע, ווי שאַפנדיק ווענטלעך צו אַ באַקוועמען משפחה־בעט — דעם געלן בויך אַרויף, אויפדעקנדיק די פולע זאַפטיקע בריסט.

דאָס קליינוואַרג פולינקע, ווייכע, ווי פוך־פעדערלעך, זשוואַווע מיט לעבעדיק־בלישטשענדיקע אויגעלעך, ווי פּערעלעך, מיט אַ הונגעריקן מיאַו, מיאַו, פּיעשטשענדיק זיך ווי קינדער, האָבן אַריינגעכאַפּט זיך אין דער מוטערס וואַרעמען שויס.

האָט די רחבותדיקע מוטער פאַר נחת אַזש פאַרוואָרפן אַ ביסל דעם קאָפּ אויף הינטן און זיך פאַרגאַנגען אין אַ קעציש ער מחשבה, מרוזשענדיק דערביי אירע מאַמישע אויגן. דערנאָך האָט זי אויסגעבויגן איר ווייכן רוקן אין אַ האַלב־קרייז. די קעצעלעך האָבן זיך צוגעטוליעט איינס צום אַנ־דערן צענויפגיסנדיק זיך מיט דער מוטערס וואַרעמען אָטעם און האַלב־שלעפעריק געשלונגען די זיסע וואַרעמע מילך־זאַפט. די קאַץ, מיט איר רויטן שאַרפן צונג, האָט גענומען לעקן די צאַרטע פעלן פון אירע קינ־דערלעך, איינס נאָכן אַנדערן, ווי זי וואָלט איבערגעגאָסן איר שטומען השתפכות הנפש, די גאַנצקייט פון איר נאַקעטער פרייד, די פרייד פון איר מוטערשאַפט...

אַ גרויסער העלער שמעטערלינג האָט אָנגעהויבן אַרומשוועבן אין דעם אַרומיקן חלל, ווי ער וואָלט וועלן זיך פאַרוועבן אינעם צויבער פון נאַטור...

אַ מזרח־פויגל אין אַ שלל פון קאָלירן — געל־ברוין, גרוי־בלוי־שוואַרץ — האָט זיך גענומען וויגן אויף אַ יאָדלע־צווייג, מיט אַ שאַרף צעזונגענעם עכאָ־ניגון: צוויטש, צוויטש, צוויטש!, ווי אַ צעקלונגענע שירה פון דער נאַטורס יצירה...

די בענק אַרום זענען געדיכט באַזעצט מיט פּאַציענטן פון בית דינה און באַלעבט מיט הויכע שמועסן, טענות, באַמערקונגען און דערציילונגען.

עס פעלן דאָ אויך נישט קיין הומאָריסטן און חברה לצים. אַלע געוויינלעך אויף פֿאַרשידענע שפּראַכן. דאָס רוב אָבער קאָנצענטרירן זיך לאַנדסלייט און קלייבן זיך אָפּ זייער באַזונדער באַנק.

אויף די ליג־שטולן געפינען זיך מערסטנטייל די ערנסטערע קראַנקע. דער הויף איז איצט באַלעבאָס. עס הערן זיך פריילעכע יוגנטלעכע געלעכ־טערס. באַזונדערע פּאָרלעך זיצן אַרומגענומען אין ליבשאַפט. אַנדערע, טיף פֿאַרזאָרגטע, איינזאַמע, אָבסערווירן, פֿאָרשן נאָך, אָדער זיצן פֿאַר־שלאָסן אין זייער אייגענער טראַגישער וועלט...

אָט זיצט דאָרט יענע פרוי, פון וועלכער איך נעם די אויגן נישט אַראָפּ, ווייל מיט איר גראַציע, אַריסטאָקראַטיש פּנים דערמאָנט זי מיר די וואונדערלעכע שיינע מרים בראָדערזאָן. אַרום איר גרופּירט זיך די בע־סערע געזעלשאַפט.

דאָרט, אויף אַן עק באַנק זיצט זיך גאַנץ ברייטלעך אַ קיילעכדיקער, ברייט־פּלייציקער חסיד: די קני בעל־הביתיש צענומען, דאָס ווייסע פּנים מיט דער טונקל־ברוינער געקרייזלטער באָרד, געמיטלעך היימיש אויפ־געראַמט, ווי ער וואָלט זיך געלופטערט אין אָנגענעמע זכרונות... דער קנייטשנדיקער שטערן אונטערן באַיאַרמלטן גלאַט־געשוירענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרטראַכט איבער אַ שווערער סוגיא פון גמרא...

אויף דער הינטערשטער באַנק זיצט אין אַ טונקל, באַשיידן קלייד אַ פרוי. איר שוואַרצער פֿאַרגרויטער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער רעכטער האַנט; דאָס בלאַסע פֿאַרצערטע פּנים מיטן אָנגעשטרענגטן בליק פֿאַר־טראַכט אין דער נישט לאַנגער פֿאַרגאַנגענהייט. דאָ זעט זי איצט קיינעם נישט, בלויז איר חרוב־געוואָרענע היים; איר שיינע גרויסע יידישע היים; אירע וואונדערלעך־געראָטענע קינדער; איר געטרייען, בכבודיקן מאַן וועמען די דייטשישע רוצחים האָבן לעבעדיקערהייט פֿאַרברענט...

אירע גרויסע, ברוינע קאַשטאַן־אויגן זענען פול געוואָרן מיט פּינקלדיקע טרערן, וואָס האָבן אַראָפּגעפּערלט איבערן צאַרטן, לענגלעך־איינגעפאַלן פּנים...

איבער איר קאָפּ האָבן זיך ווינטיק צעוויגט די אַראָפּהענגענדיקע

צווייגן פונעם גרינעם פלפל־בוים, ווי די וויינענדיקע ביעראָזע, וועלגדיק לעשן איר ברענענדיקע וווּנד...

אַ געמיש פון פאַרבן און רייץ האָט זיך געטראָגן פון די קליידער פון די מאַראָקאַנער, רומענער, אונגאַרן, טשעכן און סלאָוואַקן. די פרויען, אין פאַרשידענעם עלטער, האָבן צווישן זיך געשמועסט וועגן זייערע היימישע מאכלים און מנהגים.

די קראַנקנשוועסטער פּ. אַ באַלאָדענע מיט שפּראַכן־קענטעניש, כאַפּט זיך, פון צייט צו צייט, אַראָפּ אין די פרייע שעהן און פאַרפירט אַ שמועס מיט די יונגע מיידלעך אָדער מיט אַן עלטערער פרוי פון ווין. ס׳טרעפט אויך, אַז עמיצער סודעט זיך מיט איר פאַרטרוילעך...

דערווייל זענען אָנגעקומען געסט און צוזאַמען מיט די מיטגעבראַכטע קינדער, האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיט די אָרטיקע.

אַ גערויש פון פרייד, איבערראַשונג און שטילן כליפּען האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן. מ׳קושט זיך, מ׳אָרעמט זיך, מ׳גלעט זיך אין ליבשאַפט די הענט, דאָס פּנים און אַפילו די מלבושים. מ׳וואַרפט בליקן אין אַלע זייטן. צום סוף שליסט מען זיך איין אין ענגע קרייזן פון אייגענע משפחות.

דאָס קליינוואַרג צעשפּרייט זיך איבערן גאַנצן שטח, פאַרחברן זיך מיט די אַרומיקע, נעמען זיך אַרום, באַרען זיך, קייקלען זיך איבערן גראָז, שפּרינגען ווי זשאַבקעס, מאַכן נאָך קולות פון קעץ, הינט, שאַקאַלן, פויגלען און אייזלען. פּלוצלינג פּלאָנטערט זיך אַריין צווישן זיי אַ ווייס קעצעלע, ווערט די פרייד פאַרוואַנדלט אין אַ לוסטיקער שטיפעריי.

פריער שפּילן זיי זיך מיט איר אין אַלערליי שפּרינגערייען; צו אירע לאַפּקעלעך שטעלן זיי אונטער אַ פוס, אַ האַנט, וואָס רעגט און רייצט עס. דערנאָך כאַפּן זיי עס אויף אין אַ צערטלעכן עקסטאַז, ביז דאָס קעצעלע ווערט מיד און אַנטלויפט צו דער מאַמען...

די קינדער פולינקע באַגאַבע־קערפּערלעך, ראָזע בעקעלעך, ווי עפּעלעך, צעפּינקלטע אויגעלעך און שוואַרצע גלאַנציקע קעפּעלעך, ווי לופּטיקע זומער־פלאַטערלעך, זענען זיך פאַרגאַנגען אין אַ טאַנצנדיקן קאַראַהאָד:

— הבה נגילה, הבה נגילה! ונשמחה!

אַלע זינגען דאָס ליד פון ח. נ. ביאַליק:

אונטער די גריניקע בוימעלעך,
שפּילן זיך משהלעך, שלמהלעך!

עס קומען אָן צוויי טעקסיס. איינע האָט געבראַכט אַ קראַנקע פרוי, פון דער צווייטער שטייגט אויס אַ משפּחה מיט שיינענדיקע פּנימער, דערפרייטע נעמען זיי אָפּ פון דאַנען זייער געזונט־געוואָרענער פרוי און מוטער...

דער ווייסער פליגל־באַלקאָן

נאָכן מיטאָג־אָפּרו הויבט מען זיך אָן ציען אַהין, צו מעריב, צו שאָטן און קילונג.

דער גרויסער, ווייסער פליגל־באַלקאָן, וואָס באָדט זיך פון באַגינען אָן אין זון־ליכט לעשט זיך איצט. שטיקער שאָטן רוקן זיך אָן, ווי הילף־טרעגער צו אַ שריפה. זיי וואַרפן אָן זייער קילן אָטעם, ווי שטראָמען קאַלט וואַסער צו לעשן דעם בראַנד פון פלאַם־פייערדיקן חמסין. איצט פאַלט אַריין דער וואַרטנדיקער עולם אין אַ מהיהדיקער קילקייט...

אין פאַרביקער, לייכטער קליידונג נעמט זיך יעדער צו זיין אַרבעט. נישט ווייט פון אַריינגאַנג, ביי אַ הויכן שמאָלן טישל אין פאָרעם פון אַ שול־שטענדער, זיצט אַן עלטערע פרוי און שרייבט. די באַברילטע אויגן פון בלאַסן, גלאַטן פּנים אירן, וואָס איז געלבלעך, ווי אַ סוף־זומערדיקער בלאַט, זענען אַראָפּגעבויגן איבערן שרייב־טיש. די גרויע האָר גלאַט אַרויפגעקעמט באַבישמעסיק, מיט אַ קובליק, די פיינע ליפּן אירע — פאַרשלאָסן. זי זעט קיינעם נישט, בלויז יענע ליבע און טייערע, וואָס זענען צעשפּרייט ערגעץ איבער דער גרויסער, ווייטער וועלט. געענדיקט איינס, פּילט זי אויס דאָס צווייט בייגעלע פּאַפּיר. ביז עס זאַמלט זיך אָן ביי איר אַ גאַנצער גרויסער אוצר פון געדאַנקען, נערוון און שטיקער האַרץ, וואָס די באַבעשי האָט פון זיך אַרויסגעשטראַלט און פאַרוועבט און פאַרקניפּט איר נשמה־אוצר, מיט זיי, די דאָרטיקע...

— אַ יאָר צוויי און אַכציק איז זי שוין געווען, פאַרמאָגט אַ סך קינדער און גאָר אַ סך אייניקלעך — סודען זיך און שעפּטשען הינטער אירע פּלייצעס די יעניקע, וואָס קענען זי און קוקן אויף איר מיט בליקן פון רעספּעקט און קנאה...

אַ גרופּע עלטערע פרויען האָבן זיך אין אַ האַלב־קרייז באַזעצט אין אַ זייט. זיי דערציילן זיך זכרונות פון אַמאָליקע צייטן און היימען; פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, וואָס זענען שוין נישטאָ מער און פאַר־ענדיקן מיט אַ פּינצטערן קרעכץ...

צום הויכן מאַן מיט די לאַנגע פּיס און שייבעס, אַ ביסל קאַפּריזנעם פּנים, איז געקומען פון תּל־אביב זיין פּופצן־יאָריקע טאָכטער — אַ בילד־שיינהייט. דער פאָטער האָט געשיינט פאַר שמחה. זיי האָבן לאַנג אינטים געשמועסט צווישן זיך וועגן זייער היים. פּלוצלינג טוט זי זיך אַ שטעל אויף אירע שיינע, געטאָקטע פּיס, גלייכט אויס איר שלאַנקן, יאָדערדיקן גוף, וואָס איז פול מיט יוגנט־רייץ, בויגט שטיפעריש אויס דעם שוואַרץ־צעכוואַליעטן לאָקן־קאָפּ און שטעלט אָן אויף אים די פּרעגנדיקע גרויסע אויגן, וואָס שטראַלן מיט וווּנדער און אומשולד:

— אבא! זאָג מיר, פאַר וואָס הייסט דער בית־הבראה „בית דינה"?

— יאָ, מיין קינד, קום, וועל איך דיר דערציילן — ענטפערט איר דער פאָטער.

זי גלייכט אויס איר ברייט זומערדיק, לייכט קליידל און זעצט זיך נעבן פאָטער, אַרומנעמענדיק אים צערטלעך.

— „בית דינה" הייסט דאָס הויז, ווייל עס האָט עס געבויט אַ פרוי מיטן נאָמען דינה. איר גאַנץ לעבן, פון דער פריסטער יוגנט אָן, האָט זי זיך געווידמעט צו העלפן אַנדערע. זי האָט אָוועקגעשענקט איר גאַנצע צייט, ענערגיע און מי פאַר קראַנקע, הילפלאָזע און פאַראָרעמטע, פאַר די, וואָס געפינען זיך אין אַן עת־צרה. אויף לאַנגע יאָרן, חדשים און טעג האָט זי פאַרלאָזט איר אייגן הויז, משפּחה און איז אויסגעוואָקסן אין אַלע הינטער־געסלעך פון דער שטאָט חיפה, געטראָגן ליכט און טרייסט פאַר די אומגליקלעכע. די חברה לינת הצדק, וווּ זי איז געווען יאָרן־לאַנג אַ מיטגלידערין, האָט איר געהאָלפן צו עפענען אַן אַנשטאַלט, וואָס

איז אַזוי פּאָפּולער און באַליבט אין דער עפנטלעכקייט, אין אונדזער יונגער מדינה.

— אבא, איך וויל זי זען! — רופט אויס מיט התפּעלות די טאָכטער.

— זי וווינט נישט דאָ. מיין קינד, הגם זי קומט דאָ זייער אָפט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט פאַרלוירן דעם שיין פון אירע שיינע אויגן. אָבער אויב דו ווילסט קאָנען מיר אַראָפּגיין אונטן אין משרד, בעטן דעם פאַרוואַלטער, וועט ער אונדז ווייזן דעם פּרעכטיקן אַלבאָם, וואָס ער האָט צענויפגעזאַמלט. אַ ווונדערלעכע קאָלעקציע און אויסשניטן פון דער אַלגעמיינער לאַנד־פּרעסע — אָפּרופן וועגן דער וויכטיקייט פון דעם אַנשטאַלט. פאַרשידענע פאָרשטייער פון אינסטי־טוציעס האָבן זי געריִמט און געבענטשט, פאַר איר פּרוכטבאַרער אַרבעט... און אָט דעם אַלבאָם האָט מען איר צוגעטראָגן, ווי אַן אויסצייכענונג צו איר זיבעציק־יאָריקן יובילעאום.

דער יונגער סטודענט, מיטן בלאַסן פּנים און טונקעלע, גליענדיקע אויגן, זיצט דאָרט ביים עק פון דער וועראַנדע. זיינע גיריקע בליקן זענען געווענדעט אַהין — צו די בנינים פון נייעם טכניון. זינט ער איז קראַנק געוואָרן און פאַרלאָזן זיין שטודיום, האָפט ער יעדן טאָג אַהין זיך צוריקצוקערן.

זיין מיידל האָט מיטגעבראַכט אַ חברטע צום באַזוך. ער האָט זיי דערלאַנגט זיין בלאַסע האַנט מיט די לאַנגע פינגער; ווען ער האָט אָנגעקוקט איר וואַרעם פּנים מיט די טיפע אויגן, ווי פולע זאַפטיקע פרוכטן, האָט ער זיך צעשייכנט מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

די חברטע זייערע, אַ גאַסט פון אויסלאַנד, אַ טוריסטין, קוקט זיך נייגעריק אַרום, זי באַטראַכט אַלעמען און וואַרפט אַ בליק אויף יענער זייט דאַך, וווּ עס קלעטערן די ווייסע און ליליע־בלומען — די פלאַשאַנאַ; זיי בילדן אַ פלויט לענג אויס און רינגלען אַרום די פענצטער, ווי מיט אַ קראַנץ פון געשטיקטע מוסטערן, וואָס גיבן אַרויס פון זיך זיסע פאַרפום־ריחות. פון אונטן בערגלט אַרויף פון אַלע זייטן, אַ גרויס שטיק פעלד מיט געלאָקטע נאָדל־ביימעלעך, אַז אָנהויב פון אַ וואַלד אין דער צוקונפט.

— און וואָס איז דאָרטן? — פרעגט די חברטע, ווענדנדיק זיך צו זיי.

אַלע דרייען זיך אויס מיט די פנימער צו מערב. ער, דער אויפ־געלעבטער סטודענט, נעמט אויפקלערן, ווי ער וואָלט געווען אייגער פון אינפאָרמאַציע־ביוראָ:

— איר זעט לינקס פון בית דינה איז נאָך אַלץ דער המשך פון נוה־שאנן. די וווינונגען האַלטן זיך נאָך אַלץ אין צעוואַקסן. אין דער מיט, אַרויפצו, אויף אַן אָפן פעלד, זענען די פּאַוויליאָנען פונעם נייעם טכניון, ווו אונדזערע סטודענטן לערנען און וווינען דאָרט אין זייערע צימערלעך. דאָרט וועל איך האָפנטלעך ענדיקן אויף אינזשיניער. ווייטער, באַרג־אַראָפּ, הויבט זיך אויף דער אויבער־טייל פון דער פאַבריק „דשנים", ווי אַן עדות פון די צענדליקער פאַבריקן פון מפרץ־חיפה, דער פאַבריק־צענטער פון לאַנד, וואָס קאָכט און רוישט, סאָפּעט און זידט, צאַפּלט מיט ענערגיע און קראַפט, מיט מחשבות און ווילן, מיט אידעען און טאַט; די געבענטשטע טויזנטער אַרבעטער־משפחות פון ישראל שאַפן דאָרטן אומדערמידלעך, טאָג און נאַכט, דאָס נייע שעפערישע לעבן פון אונדזער תחית־המתימדיק יידיש פאָלק...

דער כרמל אין שקיעה

דער ריז, דער כרמל־באַרג, וואָס אָטעמט מיט גבורה און גרויסקייט, שפּרייט אויס זיין מעכטיקייט, באַהעפט הימל און ערד אין אייביקער אחדות און אַליין בייט ער דורכן טאָג זיינע פאַרבן און געשטאַלטן.

ווען דער העלער באַגינען נעמט זייען זיין ליכט, טרעפט ער אים אַ שווער־דרימלענדיקן, פאַרשפּונען אין נאַכטיקע חלומות פון אור־אור־אַלטע צייטן...

אָבער ווען די יונגע זונען־שטראַלן, ווי פינגער פון אייניקלעך, נעמען אים וועקן — כאַפּט ער זיך אויף, דער אַלטער כמורבער זיידע, וואַרפט אַראָפּ פון זיך די שוואַרצע נאַכט־דעקעס, און הילט זיך איין אין זילבער־העלן טוי־מאַנטל, לכבוד דעם ניי־דערוואַכטן טאָג.

דאָס רוב שטייט דער כרמל, ווי אַ שומר אויף דער וואַך: ערנסט,

ווירדיק, שטאָלץ. ער היט די גרענעצן פון זיין פאָלק בייטנדיק זייער אָפּט זיינע אוניפאָרמען: אַ מאָל אין טונקל־גרין, אַ מאָל אין העל־ברוין, סעלעדין, געמישטע פּאַסן, געלאָקט מיט גאָלד־געלבע בלומען־קעפּלעך אין גראָזיקע, שעמערירנדיקע, שטיקער פעלד־פּאַשע, ווו לעמער פּיטערן זיך אויף זיין באַרג־רוקן. אַ מאָל זעט ער אויס, ווי אַ מעכטיקער לייבן־קאָפּ, וואָס קעניגט איבער אַלץ אַרום... צייטנווייז זעען זיינע שפּיציקע קאָנטורן אַזוי ווונדערלעך שיין, ווי די לאַכנדיקע, ליכטיקע ציין פון אַ גרויס צעוואָקסן ווונדער־קינד...

בייטאָג, ווען דאָס אַרומיקע לעבן צאַפּלט מיט טואונג, פרייד און ליכט, רוט ער, דער כרמל, מיט דער שכינה פון באַרגיקן רייץ, אין שאָטן און ליכט, און מיט זיינע טויזנט אויגן פון אַ געטרייען פּאַסטוך בליקט ער און באַטראַכט די יונגע בליענדיקע ישובים, וואָס קניען אַרום זיינע פיס אין מזרח און מערב. צעשמייכלט ער זיך רחבותדיק מיטן נחת פון אַ בכבודיק, געמיטלעכן פּאַטריאַרך, איבער דעם צוקום פון זיינע קינדס קינדער, וועלכע וואָקסן און מערן זיך אין שיינקייט און פּראַכט...

די זון, אַ מידע פון איר אַרומקרייזן, לייכט און בריט אין לאַנגן יולי־טאָג פון ישראל. זי בלייבט אַ ווײַלע שטיין אַ בלאַסע, אַ צוריק־געצויגענע און אַ בצמצומדיק־קאַרגע מיט אַ הילפסלאָז געמיט. ווערט דער גאַנצער רוים מעלאַנכאָליש פּאַרטראַכט און באַהערשט פון אַ מין אַפּאַטיע, פון אַ שווער פּאָרגעפיל... אַ צערודערונג און אַ דיסהאַרמאָניע פילט זיך אין אַלע זייטן, ווי אַן איבערקערעניש. די מאַכט בייט זיך — טאָג אויף נאַכט. מוטנע, קילע ווינטלעך רייסן זיך אַריין, ווי מרגלים מיט אַ האַרבער בשורה: די נאַכט קומט אָן! די נאַכט קומט אָן!...

דער כרמל ציט זיך אויס, ווערט פאַרשטייפט, קנייטשט טונקל זיין גראַנדיעזן שטערן...

ביז וואָס־ווען הויבט זיך אָן דער פייערלעכער אַקט פון זון־אונטער־גאַנג. איבער די פאַרענדערטע הימלען שוועבט אַדורך אַ קילע זעונג פון אַ גרוי־פאַרב, וואָס פאַרשטייפט די אַטמאָספערע מיט גלייכגילט און דערוואַרטונג צוגלייך... די זון מינערט זיך, שפּאַרט זיך אָן אין דעם פעסטן רוקן פון כרמל און צעשטראַלט זיך צום לעצטן מאָל מיט וווּנ־

דערלעך גינגאָלדענע שטראַלן, ווי דינע פינגער וואָלטן רופן נאָך הילף, נאָך רעטונג, אָבער אין אַזאַ צעזונגענער פאַרבנרייכער עלעגישער קאָמ־פּאָזיציע, ווי אין אַ פייערלעכער פּראָצעסיע.

איצט האָט די זון אַ פאַרבלוטיקטע געחלשט און אַראָפּגעפאַלן הינטערן כרמל, ווו אין פּראָטעסט האָבן זיך אַרום צעצונדן די האָריזאָנטן מיט פייערדיקע פלאַמען — ווי אין אַ העלישער שריפה...

אַ טרויעריקע בענקשאַפט האָט אָנגעפילט דעם לעבעדיקן רוים. דער גאַנצער גרויסער פאַרזאַמלטער עולם, וועלכער האָט אָנגעפילט דעם גרעסטן באַלקאָן פון בית דינה, מיט אַ כאַאָס פון טומל, פרייד און געלעכטער, האָט זיך פּלוצלינג איינגעשטילט. מען האָט זיך פייערלעך אויפגעשטעלט און מיט פאַרשלאָסענע ליפּן שטום זיך צוגעקוקט צו דער נאַטורס ווונדערלעכער סימפאָניע אין אַ טיף מיסטעריעזער פאַרטראַכט־קייט...

דער יונגער קינסטלער, וואָס זיצט אונטן, אויפן גראָז גאַנצע טעג, ווי אַ רואה ואינו נראה, צייכנט און שרייבט, שרייבט און מאָלט, שטייט איצט דאָרט אין אַ ווינקל און גליט פון אַנטציקונג. אָנגעצויגן אויף די שפּיץ־פינגער פון זיינע פיס, מיט דער רעכטער האַנט אָנגעשפּאַרט אָן פאָרענטש, איז ער אין גאַנצן אַריינגעזויגן אין דעם געראַנגל פון אָפּ־שטאַרבנדיקן טאָג... מיט דער שטומער גרויסקייט איז פול געוואָרן זיין געמיט, זיין האַרץ און אינטואיציע, ער האָט מאַגנעטיש אַריינגעצויגן אין זיך די ווונדערלעכע פאַרטיפונג פון דער אייביקייט... און די אויגן פון קינסטלער־פאָעט האָבן געפינקלט מיט טרערן און עקסטאַז...

די קילע, נעפּלדיקע ווינטלעך האָבן אַריינגעבראַכט שטיקער טונקעלע שאָטנס און אָפּגעווישט דעם לעצטן שפּור פון טאָגיקן ליכט.

נאַכט. אַלע סאָרטן פייגל פון צעשטיפטן טאָג האָבן זיך שוין צוריק־געקערט צו זייערע נעסטן. בית דינה האָט שוין צענויפגעזאַמלט אַלע אירע קינדער אין שויס פון נאַכטיקער רו. די זשאַסמינען און אַלע נאַכטיק־לעבעדיקע בלומען האָבן פאַרשפּרייט קעגן די צעעפנטע פענצטער אַלע בשמימדיקע קוואַלן פון זייערע זיסע אַראָמאַטן.

אַ שטילע, זומערדיקע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער בית

דינה און אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אירן אַ קרוין פון בלויען געוועב מיט גאָלדענע שטערן... דער כרמל האָט אין נאַכטיקער שמירה זיך איינגעהילט אין אַ דורכזיכטיקן בלויען וואָלקן און גענומען וועבן מעשיות און לעגענדעס, ווי אַ זיידע פון אור־אַלטע דורות...

נעגערינס ענדיקן
דעם חיפהער הסתדרות־סעמינאַר

אין חיפה איז געפייערט געוואָרן איינער פון די שענסטע יום־טובים. פון אַלע אַרומיקע ישובים, פון קרית חיים, קרית מוצקין, גבע־ים, קרית ים, קרית בנימין, טבעון און עכו שטראָמען די אַרבעטער־פרויען, שילערינס פון די פאַרשידענע סעמינאַרן, צו זייער קולטור־היים — ביתנו.

אָנגעטאָענע אין העלע, באַשיידענע קליידער און אין ווייסע בלוזקעס מיט יופּקעס, האָבן אָנגעפילט מיטעלע, יונגע און עלטערע אַרבעטער־מוטערס די זאַלן, מיט געדעקטע, ווייסע טישן.

שמייכלענדיק, רואיק, מיט טאַקט אין זייער באַנעמונג, פאַרנעמען זיי די ערטער — פילנדיק זיך, ווי אין וואַרעמע משפחה.

פאַר זיי אַלע האָט די וואַכזאַמע אַרבעטער־מוטער, די הסתדרות, אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון פאַרשידענע סעמינאַרן און באַזאָרגט זיי מיט לערע און וויסן.

באַזונדערס איז די שטימונג אַ געהויבענע, ווייל די הונדערטער שי־לערינס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די עדות־המזרח און אַלע צוזאַמען האָבן אַרומגערינגלט די סעמינאַר־שילערינס צו זייער פאַרענדיקטן קורס אין ישראל, פון די צוועלף באַפרייטע אַפריקאַנער מדינות; לכבוד זיי איז דאָס היינט די אימפּרעזע; ווי די נאָענטסטע מחותנים זיצן זיי איצט מיט די פנימער צו דער בינע.

אונטערן פאָרזיץ פון ס. י. צינור, ווערט פייערלעך געעפנט דער קולטור־אָוונט. די ערשטע שילערין, אַ לערערין פון פאַך, איז ווי די אַנדערע פון דרום־אַפריקע; זי איז געקומען דאָ פאַרענדיקן אַ קורס און דאָ פּראַקטיצירן. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַ שיינע, אין אירע נאַציאָ־

נאַלע, פֿאַרביקע קליידער, מיט אַ טונקל־ברוין יונג פּנים, לייענט זי אין ענגליש אירע געשריבענע אַרבעטן, וואָס זענען, ווי אַ לויטער געזאַנג. דאָס זענען איינדרוקן, באַגייסטערונגען פֿון אַלץ, וואָס זי האָט דאָ געזען און געהערט אין קעגנזאַץ צו איר אָפּגעשטאַנענער, נישט לאַנג־באַפֿרייטער היים.

אַזוי לייענען און רעדן אויך אַנדערע. ווער פֿון מאַלאַיזיע, ווער פֿון טיילאַנד און ווער פֿון ציילאָן. דאָס, וואָס זיי האָבן דאָ דערלערנט — זאָגן זיי, — וועלן זיי מיט פֿרייד איבערגעבן און איבערטראָגן דאָרט, אין יענע מקומות, וואָס שטייען ערשט אויף, ווי פֿון שלאָף. אויך מיר האָבן, זאָגן זיי, פּרוּוען־אָרגאַניזאַציעס, אָבער ווייט נישט צו פֿאַרגלייכן צו אייערע...

באַזונדערס איז אינטערעסאַנט געווען די אַרויסטרעטונג פֿון אַן אַפֿריקאַנער שילערין אין אַ ראָזן שאַל. זי און איר מאַן — עלטערן פֿון דריי קינדער, מאַכן דורך אין ישראל פֿאַרשידענע קורסן.

זי דערציילט:

— איך האָב שטענדיק געוווּסט, אַז ירושלים איז אַ הייליקע שטאָט און געמיינט, אַז דאָרטן גייען אַרום בלויז מלאכים. איצט האָב איך מיט מיינע אויגן געזען מענטשן, געוויינלעכע מענטשן. אין אונדזער אומוויסנהייט, פֿלעגן מיר וויכטיקע זאַכן אַרויסוואַרפֿן. דאָ ווערט אַלץ פֿאַרברויכט. קומענדיק אַהיים וועל איך וויסן צו לערנען יעדן צו שאַפֿן אין לעבן.

אייניקע הברטעס האָבן באַגריסט די געסט. ד. כ. האָט געלייענט אירס אַ געדיכט, געווידמעט די פֿריינדשאַפֿט ישראל־אַפֿריקע.

נאָכן צובייסן איז דער עולם אַרויס אין אַ פֿייערלעכן הרה־טאַנץ. ווייסע און שוואַרצע הענט האָבן זיך פֿאַרפֿלאָכטן און אַרויס אין אַ צעשטראַלטן טאַנץ.

דער אָוונט וועט בלייבן לאַנג אין זכרון פֿאַר ביידע ראַסן.
אַזוי דאַרף געזייט ווערן פֿעלקער־פֿריינדשאַפֿט.

פורים אין ישראל

חיפה, די אַלטע פּאָרט־שטאָט, וואָס הויבט זיך אויף, ווי אַ דרייעקיקע פּיראַמידע איבערן מיטללענדישן, בלויען ים, איז איצט אילומינירט, באַצירט און באַהאָנגען מיט כלערליי פאַרביקע, עלעקטרישע לעמפלעך, מיט לענטעס, געפלאָכטענע קאָלירטע פּאַפּירן, טעפּיכער און פאַנטאַסטישע פיגורן — פורימדיקע סימבאָלן.

די באַרגיק־ווייכע לופט פונעם יונגן מזרח־פרילינג איז היינט אַ צעשמעקטע מיט זיסע המן־טאַשן, מאָן־פלאָדנס, גרויסע, געפלאָכטענע קוילעטשן און שיין־דעקאָרירטע פורימדיקע טאָרטן, וואָס באַצירן די שויפענצטער פון די גרויסע קאָנדיטערייען.

פון די קינדער־גערטנער, שולן, גימנאַזיעס און פּאַרטייאישע קלובן, טראָגן זיך זיסע געזאַנגען פון קינדער־כאָרן אין באַגלייטונג פון מוזיק. עס ווערן געשפּילט, אין טאַנצנדיקע קאַראַהאָדן, אינסצעניזירטע פאָר־שטעלונגען פון מגילת אסתר.

נאָך די טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען שיטן זיך אַרויס די קינדערלעך, צוזאַמען מיט דער יוגנט, אין די גאַסן אַריין מיטן חן און רייץ פון די פאַרמאַסקירטע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע קאָסטיומען.

די גאַס ווערט ביסלעכווייז אָנגעפילט מיטן פאַרביקן פאָלק.

זיידעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס גייען אָנגעטאָן יום־טובדיק אין שול אַריין הערן די מגילה, ווי אין דער אַלטער היים, ווי אין שטעטל... און באַלד צעטראָגן די הילכערס פאַר די פריילעכע שפּאַצירער דעם אַלטן היסטאָרישן נוסח:

„ויהי בימי החשורוש!"... קוקט מען זיך איבער און מען קוועלט.

די הערצל־גאַס איז שוין פול געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס שטראָמען פון אַלע זייטן צום צענטער שטאָט. די געשעפטן זענען אָפן. זיי רופן,

לאָקן און ווינקען צו קונים. עס איז יום־טוב אין מיטן וואָך, אָבער די מיטנוואָך איז אַ פּריילעך יום־טובדיקע... נצחונדיקע... ארור המן וברוך מרדכי!...

דורך די צעעפנטע פענצטער און באַלקאָנען, פון די אויבערשטע שטאָקן, קלינגען מוזיקאַלישע טענער צום טאַקט, לכבוד די איינגעלאַדענע צו דער פורימדיקער סעודה געסט, וואָס טאַנצן אונטער די מוזיק־קלאַנגען: מיט קלאַפּ! קלאַפּ! קלאַפּ! בקמה אין המנס פון אַלע דורות און תקופות, אין אַלע פייניקער און אומברענגער...

אין המנס פון היינט, נעכטן און פון תמיד...

עס קומען אַלערליי פאַרשטעלטע פורים־שפּילער פון מגילת אסתר, וואָס טאַנצן און שיטן מיט כל מיני מגילה־גראַמען... און קינדערלעך — אסתר המלכהלעך אין לאַנגע, ווייסע טיולענע קליידער, מיט גאָלדענע ראַמען אויף די שייכע, שוואַרצע און בלאָנדע קעפּעלעך, באַצירטע מיט מלכה־קרוינען, צעשטראַלטע, ענטוזיאַסטישע קינדער פון מלכה ישראל... אַ שטראָם פון פאַרביק־צעהוליעטער חברה האָט זיי איינגעשלונגען אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַרמישעניש. אָט איז דבורה הנביאה מיט דער פויק, אַ טאַנצנדיקע. הינטער איר, די יידישע העלדין — יהודית, מיט דער שווערד אין האַנט, איבערן פיינט קאַליפאַרנע... אָט איז דער פּאָגראָמ־שטשיק פּעטליוראַ, וואָס אַ יידישער העלד האָט זיך מיט אים אָפּגערעכנט אין דער וועלט...

אַ סאָוויעטישער דיפּלאָמאַט טראָגט אין איין האַנט געווער פאַר די אַראַבער און מיט דער צווייטער זוכט ער גאַפט... אָט איז אַ פראַנצויזי־שער גענעראַל. אַ גרופּע ציגיינער טאַנצן פלאַמיק מיט יונגע, שלאַנקע ציגיינערינס און אַ הפקרדיקער פעלד־ריח פאַרשפּרייט זיך אַרום. אָט איז דער רמב״ם און אָט איז דער סטאָלינער רבי, ר׳ ישראלקע, מיט זיין קלוגן שמייכלענדיקן פּנים, חסידים — טאַנצן. דאָרט גייט אַ בייַ־כיקער פאַבריקאַנט צוזאַמען מיט אַן אויסגעדאַרטן טובערקוליאָזן אַר־בעטער...

אָט באַווייזט זיך אַן אינדיאַנערין מיט פעדערן אויף איר מאַסקע. דאָרטן איז גאַנדי מיט סטאַלינען, נאָצער מיט כוסייגען טעלעפאָנירן זיך

איבער וועגן ישראל... און אָט פלאַטערן יונגע טויבן־פּאָרן און אַ מעכ־טיקער אָדלער־רויבער צעשפּרייט זיינע פליגל און באַווייזט זיינע שאַרפע נעגל... פּלוצלינג — דער קלוגער זיידע מענדעלע, מיטן סאַטירישן פּנים, טראָגט אויף זיך אַלע יידישע שרייבער פון זיין צייט און נאָך זיין צייט...

אַפּלאָדיסמענטן פון אַלע זייטן ברעכן אויס מיט יידישער באַגייסטע־רונג... און אָט איז מנחם מענדל, מיט זיינע אַקציעס, חלומות, זוכנדיק דעם ווינט... אַן אוזבעקישע פרוי, פאַרהאָנגען מיט אַ שוואַרצער פאַראַנ־דזשאַ, טראָגט איר קינד אויף די הענט. אַ רב פון מאה שערים אין ווייסע זאָקן, לאַנגער, שוואַרצער קאַפּאָטע און מיט אַ שטריימל, גייט געאָרעמט מיט אַן אַראַבישן שייך. אַן אויסגעדאַרטער געטאָ־ייד פאַרמעסט זיך מיט אַ מעסער איבער אַ היטלער־נאַצי...

פון דער גאַנצער משונהדיקער געפאַקטקייט האָט זיך אויפגעהויבן איבער אַלעמען דער קאָפּ פון דער שיינער, שטאָלצער זשיראַפע; ווי מיט חכמה האָט זי געדרייט דעם געהויבענעם קאָפּ און באַטראַכט די מיניאַ־טורן פון דער גרויסער צעקריגטער און צעטיילטער וועלט אין ראַסן, פעלקער און פּאַרטייען, וואָס באַוועגן זיך דאָ צוזאַמען; דער מענטש און די חיה אין פרידן, אונטער די מאַרשן פון די באַגלייטנדיקע אָרקעס־טערס, וואָס אַקאָמפּאַנירן דאָס ברומען פון חיות און דאָס געזאַנג פון צעטאַנצטן פּורים־ווירוואַר.

אַלע זענען דאָ אַנדערש. קיינער איז נישט דאָס, וואָס ער איז. אַלע אַנדערש, ווי די ווירקלעכקייט אַליין...

דער הונט טאָמי

געווען איז עס אין גבעת עליה, האַרט ביים ברעג ים. אַ פּאַרלאָזן הויז, וואָס זיינע גרויסע צימערן זענען אָנגעפּילט געוואָרן מיט בייע עולים פון ערשטן שטראָם, נאָך דער אָנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

איך האָב אָנגעהויבן אַרויפגיין אין דער הויך, צו מיין ערשטן, אייגן בוידעם־שטיבל. אין מיטן דעם טרעפּ־אַרויפגאַנג, איז פון אויבן אַראָפּ־געלאָפן אַ גרויסער וואָלף־הונט. ער האָט מיך פאַרהאַלטן און זיינעביידע פאָדערשטע לאַפּעס האָט ער בליץ־שנעל אַוועקגעשטעלט אויף מיינע אַקסלען און דערנענטערנדיק זיין מאָרדע צו מיין פּנים, האָט ער מיך שאַרף אַריינגעקוקט אין די אויגן. בין איך פון פּחד פאַרגליווערט געוואָרן. געדוכט האָט זיך מיר, אַז ער שלינגט מיך באַלד איין...

ער, דער הונט, אויף „זיין" דערצויגענעם אופן האָט שטום, פּאַמעלעך אָפּגעווענדט זיין מאָרדע פון מיר, צו דער טיר פון זיין בעל־הבית, און האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע שאַרפע האַווקע־רופן, וואָס האָבן מיך צע־מישט. די טיר האָט זיך געעפנט און ס'האָט זיך באַוויזן אַ יונגער, שלאַנקער מאַן, וואָס האָט מיך פאַרשעריש אָנגעקוקט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום הונט און אַ רוף געטאָן:

— טאָמי!

דער הונט האָט מיך אָפּגעלאָזט, אָבער נאָכגעגאַנגען מיר פוס־טריט און אָבסערווירט מיין יעדע באַוועגונג. איך בין אַרויף אויבן. ער נאָך מיר.

איך בין שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט:

אַ פרעמדע, אומבאַקאַנטע געגנט מיט שמאָלע קורצע געסעלעך האָט זיך געשלענגלט אַרום אָנגעהויפטע אַלטע, איינשטאָקיקע הייזער אינעם אַלטן, אַראַבישן סטיל. דער פלאַכער בוידעם־דאַך, אויף וועלכן איך

מיטן הונט זענען געשטאַנען, האָט אין זיין קוואַדראַטנער פּאָרעם צוגע־דעקט די פאָדערשטע האַלבע שטוב מיטן פּאַראַדנעם שיינעם אַריינגאַנג, וואָס אויף זיינע הענערע שטיגן האָבן זיך אויפגעהויבן מאַרמאָרנע סטאַטוען־האַלטערס צו נאַכטיקע גלעזערנע לאָמפּן, וואָס האָט דערמאָנט, אַז דאָס הויז האָט געהערט צו אַ מער רייכערן עפּענדי־אייגנטימער...

פון ביידע זייטן דאָך האָבן זיך אויפגעהויבן צוויי קליינע שטיבלעך, וואָס האָבן אַ מאָל געניצט די איינוווינער פאַר דער וואַש־ווירטשאַפט. (היינט — פאַר איינזאַמע פּליטים) ; ווייטער אויף אַ צען אָדער פופצן מעטער, האָט זיך געשפּרייט דער אומענדלעכער ים, וואָס האָט, ווי אַ שטילער שפּיגל זיך געטובלט אין צעשפּילטן ראָזן זומער־פאַרנאַכט ביי זון־אונטערגאַנג ; אַ גרויסע בענקשאַפט האָט פאַרכאַפּט מיין גאַנץ געמיט...

איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר און גענומען זי אויפשליסן, איז דער הונט אויף מיר אָנגעפאַלן מיט אַזאַ געבילעריי, אַז אַ שוידער איז אַדורך מיין לייב... כ׳האָב זיך קוים אַריינגעכאַפּט אינעווייניק און פאַר־שלאָסן הינטער זיך די טיר. דער הונט איז אָבער געלאָפן איבערן גאַנצן דאַך, געהאַווקעט און ווילד פּראָטעסטירט קעגן מיר, דער פרעמדער...

איך בין אַ פאַל געטאָן אויף דעם שמאָלן אייזערנעם בעטל און זיך אין גאַנצן פאַרלוירן... אַליין אין דעם גרויסן, פרעמדן אַרום. מיין פאַרמעג : אַ חדרל פון פיר איילן אויף צוויי, ווי אויסגעמאָסטן. עס האָט זיך קוים אַריינגעשטעלט אַ שאַפקע פאַר וועש און זאַכן, אַ ביכער־עטאַזשערקע, אַ ווייס קוואַדראַט־טישל, צוויי קליינע טאַבורעטקעס און דאָס בעטל, אויף וועלכן איך בין איצט געלעגן, ווי אַ געשוואָלענער באַרג...

מיט אַ ליידיקער קעשענע, אָן איין פּרוטה, אָן אַ געזיכערטן פאַך, נאָר מיט אַ פול האַרץ בענקשאַפט נאָך מיינע פאַרלוירענע משפחות, צעשיידטע לעבעדיקע קינדער און מיט איינדרוקן פון די פרעמדע, בלוט־טיקע וועגן אין דער וועלט... און איצט איז צוגעקומען נאָך אַ שונא — אַ פרעמדער הונט... האָב איך גענומען זוכן אַן עצה, ווי צו געווינען דעם הונטס צוטרוי. פלעג איך אים ברענגען יעדן טאָג אַ פּאָר ביינער פון די יאַטקעס. איך פלעג אים אָבסערווירן : ווען ער פלעגט אויף מיר

אָנפּאַלן און איך פלעג אים צוװאַרפן זײַנס, האָט ער זיך אינטענסיװ פאַר־נומען מיט דעם אויף אַ הינטישן שטייגער. ער פלעגט זיך אָװעקלייגן, צונייגן דעם קאָפּ, אַרײַננעמען דעם ביין אין די הינטישע לאַפּעס, אַרײַנ־נעמען אים אין צעעפנטן מויל און באַלד פלעגט זיך דערהערן אַ קנאַ־קעריי פון זײַנע לאַנגע, שאַרף־שפּיציקע ציין. און אַזוי האַלטנדיק דעם ביין, פלעגט ער זיך אויפשטעלן און מיך אָנקוקן מיט אַ מין פאַר־לעגנהייט... אָבער װען איך פלעג נעמען אַרײַנגיין אין צימער, פלעגט ער אַרויסװאַרפן דעם ביין, מיר נאָכלויפן און אַ קלײנעם ברום טאָן ביי מיין טיר. אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך אָן עפן געטאָן די טיר און געזען, אַז ער שפּילט זיך מיט דעם ביין, װי מיט אַ באַל: געהויבן אים, געװאָרפן אים פון זיך, אויסגעצויגן זיך, װי צום רוען און הנאה האָבן פון עפּעס לופטיקס... װען איך פלעג פאַרלאָזן דאָס צימער, פלעגט ער בליק־שנעל אַ בורטשע טאָן און מיך באַגלייטן ביזן סאַמע דרויסן אָן שום תרעומת...

אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ שטיקל צייט. װען איך האָב שוין אָנגעהויבן עפּעס פאַרדינען, האָב איך מיר אַרײַנגענומען אַ גאַנץ ברויט און פאַר אים, האָב איך געקויפט אַ שטיק פלייש, געמיינט מיט דעם אים צו באַרואיקן. מיט נאַטירלעכן, שטאַרקן אַפּעטיט האָט ער זיך געװאָרפן אויפן פלייש און מיר אָנגעקוקט צום ערשטן מאָל מיט אַ װאַרעמלעכן בליק, װאָס האָט געפאָדערט נאָך! האָב איך אָפּגעריסן אַ שטיק ברויט און אים עס צוגעװאָרפן. ער האָט עס אַ שמעק געטאָן, אַרײַנגענומען אין מויל, אָן אַפּעטיט. װען איך האָב אָן עפן געטאָן די טיר, האָט ער פאַרלאָזן די ברעקלעך ברויט און אַ לויף געטאָן צו מיר אין געאייל, װי נישט װעלנדיק פאַרשפּעטיקן. ער האָט דאָס מאָל נישט געבילט, נאָר אָװעקגעשטעלט זיך צווישן מיר און דער טיר, װי איינער זאָגט:

— אויב דו װילסט נישט כאַפּן פון מיר קיין פּאַרציע, טאָ טראָג זיך אָפּ!...

אַזוי זענען צווישן אונדז אָנגעגאַנגען די באַציאונגען אַ לאַנגע צייט.

איך האָב זיך שוין אָנגעהויבן צוצוגעוווינען צו דער שרעקעוודיקער אומהיימלעכקייט...

איין מאָל האָב איך איבערן דאַך אויסגעצויגן שטריק און אָנגעהויבן פונאַנדערלייגן די זאַכן צו לופטערן. די טיר איז געבליבן אָפן. איך בין געגאַנגען אַהין און צוריק. טאָמי האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן דאַך מעשה בעל־הבית און געשוויגן. אויך איך האָב זיך אַ ביסל באַרואיקט. ווען איך האָב געענדיקט מיט די זאַכן און אַריין צו זיך אין צימערל, האָב איך דורך דער אָפענער טיר פלוצלונג דערזען אַ וווּנדער: טאָמי האָט זיך אַוועקגעלייגט האַרט ביי מיין שוועל, מיט די לאַפּעס אונטער זיך, אין אַ פרידלעכער פּאָזיציע, ווי ביי זיך אין דער היים, אויף אַ נאַכטירלעכער שמירה. איך האָב טיף אָפּגעאָטעמט און באַטראַכט די חיה מיט אירע פּאָר מיר אומבאַקאַנטע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס האָבן מיך פריער פיינטלעך גראָב אָפּגעשטויסן, און איצט?...

איבערן דאַך האָט זיך צעשטראַלט אַ וואַרעמער ליכטיקער טאָג. ים־ווינטלעך האָבן צעוויגט די הענגענדיקע, פאַרביקע זאַכן, וואָס האָבן זיך געהוידעט מיט דינע איידעלע שאָטנס, ווי פויזנדיקע שרצים... פון אונטן האָבן זיך געהערט עכאָ־קלאַנגען פונעם אַרבעטער־פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין די אָרעמע קוואַרטאַלן און זענען געווען געדיכט פאַרזייט מיט האַנטווערקער־שטעלן און קליינע קרעמלעך. דער ים האָט שטיל גערוישט און אַריינגעטראָגן דורך מיין איינציק ווייס פענצטערל אַ פייכטן פליסטער, ווי אַ פרידלעך געזאַנג פון אַ ווייטן ליכטיקן עבר, וואָס האָט מיך דערפרישט און אויפגעמונטערט.

פלוצלינג האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן אַ רוף: טאָמי! טאָמי איז געלעגן אַ פאַרטראַכטער ביי דער טיר. די לאַנגע, אַ ביסל פאַרבויגענע ווייכע אויערן האָבן געציטערט מיט דער וואַכזאַמקייט פון זיין אינערלעכער, שטומער באַרואיקונג. אויף מיין רוף האָט ער אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו מיר און האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס.

אַן אויסגעוואַרעמטער פון דער זון האָט זיין ברוינער, גרויסער קערפּער זיך עלאַסטיש געצויגן צו מיר. זיינע גרויסע טונקל־ברוינע אויגן האָבן מיך, ווי מיט מענטשלעכער ווייכקייט אָנגעקוקט און צום

ערשטן מאָל איז מיין קליין צימערל פול געוואָרן מיט וואַרעמער גע־מיטלעכקייט...

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר, נאָכגעפּאָרשט מיין יעדע באַוועגונג און באַטראַכט דעם אַרום פון צימערל. ער איז רואיק צוריק אַרויס, זיך ווידער אויסגעצויגן פאַר דער שוועל און שטיל איינגעדרימלט. עפּעס אַ גערויש אויף די טרעפּ האָט אים אויפגעוועקט. מיט בליציקער שנעלקייט איז ער אַראָפּגעשפּרונגען און איך האָב דערהערט זיין היניטישן האַווקע־רוף, ווי אַ מאָל — אויף מיר מיט מיין חברטע, וואָס איז געקומען מיך באַזוכן. ער האָט געטאָן דאָס זעלבע, אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין מיין זייט און מיך גערופן...

ווען איך פלעג ערגעץ אַוועקגיין, פלעגט ער מיך באַגלייטן אַ שטיק גאַס, ביז כ׳האָב אים געבעטן צוריקגיין. אין אָוונט פלעגט ער אָפּוואַרטן מיין צוריקקומען. כ׳האָב אויפגעהערט צו פילן, אַז איך בין אַליין... ס׳איז עמיצער פאַראַן, וואָס היט מיך, וואָס טראַכט וועגן מיר און מיין זיכערקייט...

און פונקט, ווי ביי מענטשן, אַזוי האָבן זיך ביי טאָמין געביטן די שטימונגען. אין די שיינע, וואַרעמע זומער־טעג, ווען דער ים האָט געאָטעמט מיט זיין מעכטיקער שיינקייט, ווען זיינע צעבלויטע זילבער־כוואַליעס האָבן זיך שטיפעריש געיאָגט פון די האָריזאָנט־מרחקים, געטראָגן אויף זיך פלאַטערנדיקע ווייסע פישער־שיפלעך מיט פולע צאַפּלדיקע פישער־נעצן, און די באָדנדיקע יונגע ברוינע קערפּערס פון דער פלאַמיקער יוגנט האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ימיקער קיל־קייט און די כוואַליעס האָבן זיי אויפגעהויבן און צוגעדעקט און זיי האָבן ווידער אַ מאָל אויפגעטויכט מיט ברויזנדיקן געלעכטער און שפּיל — ווען אַ פריידיקער עכאָ פון די ים־ברעגעס האָט זיך דערטראָגן צום דאַך אַרויף, שטייט טאָמי, דער העל־געפּלעקטער האָלדז עלאַסטיש אַרי־בערגעבויגן, די גרויס־מענטשלעכע אויגן צעפּינקלט מיט שטומער אַנט־ציקונג, און ברומט צו זיך אַליין, ווי מיטזינגענדיק מיט דער אַלגע־מיינער נאַטור־סימפאָניע... אָדער ער שפּרינגט אַראָפּ, לויפט צום ים, מישט זיך אויס מיט דער מענטשן־מאַסע און שפּרינגט אַליין אַריין צווישן

די באָדנדיקע; ער שווימט, טראָגט זיך אַרויפצו צו די געדיכטע כוואַליעס, דעם קאָפּ שטאָלץ געהויבן, פאַרחברט זיך מיט אַלעמען, מאַכט קרייזן, באַטראַכט יעדן און קערט זיך צוריק אַן אָפּגעפרישטער, אַן אויסגעבאָדענער און ווי אַ קינד, וואָס בענקט נאָך צערטלעכקייט, לייגט ער זיין קאָפּ אויף מיינע קני, איך זאָל אים גלעטן, גלעטן און גלעטן...

געווען טעג ווען דער ים האָט געביטן זיין צורה, די אייביק־שטילע שטראָמענדיקע כוואַליעס, ווי רואיקע, פרידלעכע געדאַנקען, האָבן גענומען אַ ביסל פאַרשנעלערן זייער גאַנג, בייטנדיק זייער הימל־בלוי אויף בלאַס־גרויען קאָליר און די זילבער־שוימען זענען דערטרונקען געוואָרן אין אַן אומרו... ווינטלעך קילערע האָבן זיך אָנגעהויבן יאָגן און טרייבן נאָך די העלע זעגלען פון די שווימענדיקע, לייכטע פישער־שיפלעך, טרייבנדיק זיי אין אַ פאַרקערטער ריכטונג... איבער די נידעריקע הימלען האָבן זיך באַוויזן וואַנדערנדיקע ווייס־גרויע וואָלקנדלעך, ווי פלאַטערנדיקע מעוועס. די ווינטן האָבן זיך געשטאַרקט. אין דער אומרואיקער אַטמאָספער, איז געוואָרן קאַלט. די באָדנדיקע זענען אַרויס פון ים. געאײַלט זיך אַהיים. די האַלב־נאַקעטע בחורים און מיידלעך זענען געבליבן אין די באָד־קאָסטיומען אויפן זאַמד צו שפּילן אין טעניס, צי פוטבאָל.

טאָמי איז געזעסן ווי שטענדיק, ווען איך האָב געשריבן, ביי מיין בעט און צערטלעך מיך אָנגעקוקט, ווי זיינע שטומע געפילן וואָלטן זיך פאַרחברט מיט דער פעדער, וואָס איז געווען ענג פאַרבונדן מיט מיין האַרץ...

אַ ווינטל האָט זיך אַריינגעגנבעט און אָנגערירט די שפּיצן פון טאָמיס וואַכזאַמע אויערן. ער האָט זיך פאַרטראַכט... אויסגעדרייט זיין שיין, גלאַט מאָרדע־פּנים אין מיין זייט און מיט זאָרג מיך אָנגעקוקט. ער האָט זיך אַ בויג געטאָן און אַרויסגעלאָפן אויף דעם אָפענעם פּאַלובּדאַך; אַוועקגעשטעלט זיך אויף זיינע הויכע הינטישע פיס און אַרויסגעקוקט צום אָפענעם אַרום. אַן אומהיימלעכע קעלט האָט אַריינגעבלאָזן דורך מיין פענצטערל און מיך ווי אַרויסגעטריבן מיט אַ טריבן פאַרגעפיל...

אונטער אַ טונקל גרוי־בלייענעם הימל האָט געגלאַנצט אַ צעבושעוועטע שוואַרצע מאַסע, וואָס איז דוכט זיך, געווען באַהאַפטן מיט

תהומען און האָט נאָר געשפּריצט ווי פון נידעריקע פאָנטאַנען אַרויס... פון ווייט האָט געצויגן אַ ריזיקע ווייסע פּאַסאַזשיר־שיף לאַזנדיק נאָך זיך אַ לאַנגן העלן וואַנדער־שליאַך. ביי די ווייטע האָריזאָנטן האָט געטאָן וואַיען דער אָנקומענדיקער שטורעם; האָט אַראָפּגעריסן די זוניקע שטראַלן און זיי געשליידערט אין ים אַריין; האָט זיך דאָס טאָג־ליכט געגומען ראַנגלען ביי דער האָריזאָנט־נידעריקונג, ווו ים און הימל באַגעגענען זיך; האָבן די שווימענדיקע שטראַלן באַלויכטן די שוואַרצע וואַסערן, וואָס האָבן זיך געריסן פון די טיפענישן אין ווילדע געשטאַלטן און דער שטורעם האָט צעריסן די רויט־צעצונדענע זון און פאַרוואַנדלט זי אין עטלעכע רויטע באַכט־לאָמפּן איבער אַ שוואַרצן געראַנגל פון פייער און וואַסער...

טאָמי איז געשטאַנען אויפן דאַך און מיט קיילעכדיק־צעשראָקענע אויגן באַנומען ווייט און טיף דאָס אָנקומענדיקע. פון צייט צו צייט האָט ער אַרויסגעלאָזט פון זיך פאַרצווייפלטע קולות לויפנדיק צו מיר אַלע ווײַלע, ווי אָנזאָגנדיק וועגן דאָס דערנעענטערנדיקע זיך...

מיר זענען געשטאַנען איינס נעבן אַנדערן. ער האָט שווער געאָטעמט. זיין טונקל־ברוינלעכע פעל האָט האָריק געשווידערט. ער האָט צעעפנט דאָס מויל, אַרויסגעשטעקט די צונג, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט אין זיין שטומקייט. דערנאָך אויסגעצויגן דעם האַלדז, ווידער אַריינגעצויגן טיף דעם אָטעם, פאַרמאַכט דאָס מויל און געזוכט אין די הימלישע הויכן שפּורן פון הילף... ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געדרייט מיטן עק און זיך פאַרגאַנגען אין אַ לאַנגן, ספּאַזמאַטישן האַוו. האַוו!...

און אַן אימהדיקער עכאָ האָט אָפּגעקלונגען, אויסגעמישט זיך מיט די סיגנאַלן פון די שווער־שווימענדיקע שיפן, וואָס האָבן געבויגן, געקרעכצט און זיך געוויגט איבער די פינצטערע אויפשוימענדיקע כוואַליעס מיט ליאַרעם און שטורעמדיקער פייפעריי...

אַן איינגעקלאַמערטע אין ווילדער קעלט זענען פאַר מיינע אויגן אויפגעגאַנגען כוואַליעס — לייבן, העלפאַנדן, שלאַנגען, געווירבלטע בערג,

טורעמס; כוואַליעס איינזאַמע און אין גאַנצע סטאַדעס... אָט האָט זיך אין דער פינצטערניש אַ הויב אויף געטאָן, אַ שפרונג געטאָן אין חושך־דיקער לופט אַ מעכטיקער זילבער־קאָפּ פון אַ פיש, וואָס האָט אַ ווײַלע דערמאָנט אין אַן אַנדערער, לעגענדאַרער ווײַטער וועלט, ווו עס לעבן און פּרוכפּערן זיך כל מיני באַשעפענישן אין די טיפע ים־אָפּגרונטן...

אָפּרייסנדיק זיך פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט, האָבן זיך אויף־געוועקט אין מיר זכרונות און בילדער... אָט טראָגט זיך אַ גרוי־סע, שוואַרץ־פאַרברענטע וואַנט — די געטאָ־וואַנט. הינטער דער וואַנט ווערן געטריבן איינצלנע געשטאַלטן, פאַרפייניקטע, אויסגעפינצטערטע. אַ סך, אַ סך, זענען זיי, אַ גאַנצע גאַס, אַ גאַנצע שטאָט יידן! און הינטער זיי — נאָך און נאָך געטריבענע צום פינצטערן טויט...

אָט איז דאָרט דער טאַטע, אַן איינגעהויקערטער, מיט זיין טלית און תפילין. אָט איז די מאַמע, מיט עפּעס אַ בייעם קנייטש אויף איר שיינעם, ליכטיקן פּנים, און ווו זענען מיינע ברידער זיידל און יצחק־מאיר און מיין שוועסטער? אָט דאָרטן אויפן הויכן מתים־באַרג וואַלגערן זיך זייערע סקעלעטן, די הייליקע סקעלעטן פון אונדזערע אַלעמענס יידישע משפחות!... און פון אַרום און אַרום — פון דעם שוואַרצן, צעשטורעמטן ים הער איך זייערע קולות, זייערע געוויינען, וואָס ווערן איינגעשלונגען אין שוואַרצע תהומען...

אַ פינצטערן, הינטיש־מענטשלעכן געוויין האָט טאָמי אַרויסגעלאָזט, אַזאַ טיף־מענטשלעכע איכה פון אַ שטומער חיה, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע פליינען אַרום: אויף יבשה און ים... געדוכט האָט זיך, אַז אַלץ וויינט און קלאָגט...

דערנאָך האָט טאָמי אויפגעהויבן זיין שטאָלצן קאָפּ צום הימל און אַרויסגעלאָזט אַזעלכע ריזן־קולות, וואָס זענען צוריקגעקומען פון אַלע זייטן מיט אַ מעכטיקן עכאָ, ווי דער גאַנצער אַרום וואָלט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי די שווייגנדיקע, גלייכגילטיקע וועלט וואָלט זיך אויפגעכאַפּט און אַנגענומען זיינע געוואַלדיקע פּראָטעסטן...

ווען איך בין אַ פאַל געטאָן מיט מיין צעוויייטיקט געמיט אויף מיין

איינזאַמען בעט, האָט זיך טאָמי געשטעלט אויף זיינע פיס, אונטערברו־מענדיק ווייך, ווי מיט טרייסט־ווערטער.

זיין וואַרעמע צונג האָט ער געפירט איבער מיין פנים, אויסגע־ווישט מיינע בלוטיקע טרערן האָט ער, מיין גרויסער פריינד — דער הונט טאָמי.

אין אַ פרידלעכער וועלט

(אין זאָאָלאָגישן גאָרטן פון רמת־גן)

אונדזערע אויטאָס זענען אַריינגעפאָרן אין טיף פון פאַרק. געדיכט און צעצווייגט זענען די שליאַכן און סטעזשקעס, וואָס אַנטפּלעקן די וווּנדער פון זיינע טויזנט אַכט הונדערט קוואַדראַט־דונאַם שטח; די צענד־ליקער ספּאָרט־אַרענעס, און קינדערישע שפּיל־פּלעצער, די פאַרשידנאַר־טיקע ביימער־גרופּעס, אַנטציקנדיקע בלומען־קוסטן מיט זייערע פאַרלאָקנ־דיקע אַראָמאַטן און זיסע ריחות, וואָס פאַרשיכורן דעם גאַנצן אַרומיקן ישוב.

מיר דערנענטערן זיך צום זאָאָלאָגישן גאָרטן — דעם המשך פון פאַרק.

די עלטערן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון די אויטאָס, מיטנעמענדיק מיט זיך פעקלעך שפּייז. זיי האָבן זיך צעזייט איבערן אָפענעם פעלד. ווער עס האָט זיך אַוועקגעזעצט, ווער עס איז געשטאַנען, צי פאַמעלעך שפּאַצירט. אָפּפרישנדיק זיך מיט געטראַנקען און איבערוואַרפנדיק זיך מיט ווערטלעך און פריילעכע שפּאַסן האָבן זיי גענומען זיך אַרומקוקן.

איבער אַ געהעכערטן, גרויסן באַרג־שטח מיט לאַנגע דראָט־פּאַרצוי־מונגען, שפּרייט זיך אויס אַ לאַנגער, גרינער פּלאַך. אַנטקעגן שפּיגלט אַ שטילע, שטראַלנדיקע סאַזשלקע און רונד אַרום פּיטערן זיך, פלאַטערן און שווימען פאַרשידענע העל־צעלויכטענע עופות: ווילדע גענדז און קאַטשקעס, פּילפאַרביקע פויגל, טשובאַטע, הויכע און קורץ־פיסיקע שליור־מערן, זשומען, גראַגערן און פליעסקען זיך אין וואַסער און פּיקן אין גראָז.

נישט ווייט פון זיי הויערן נידעריקע, פּולע, רונדיקע אַפריקאַנער פערדלעך אין פאַרביקער געשטרייפּטקייט. שעפּסעלעך פּול־האָריקע, וואָל־געקרייזלטע און ציגעלעך מיט אומשולדיקע, גלאַנצנדיקע אויגן שפּרינגען און מעקען מע־מע־מע! אָט איז גאָר אַ גרויסער מאַסיוו־שווערער העל־

פאַנד מיט זיין משפּחה, וואָס פּירט מיט זיין לאַנגער נאָז, שמעקנדיק צווישן גראָז...

און נאָך כל מיני חיהלעך, ווי הינטלעך און מאַלפּעס, שאַקאַלן און וועלפלעך, אַלע צוזאַמען פּיטערן זיך, קוקן צום אָפענעם אַרום מיט משׂ־פּחהשער נאָענטקייט, ווי נישט זיי מיינט מען...

די עלטערן אין פאַרשידנפאַרביקע הלבשה האָבן זיך בייגעריקע געדראַפּעט אַרום די דראָטן מיט זייערע שוואַכע טריט און מורמלענדיק מיט התפּעלות געזאָגט ווי צו זיך אַליין: רבונו של עולם! חיות... און צווישן זיך — בשלום?!...

פון דער ווייטן, צווישן הילצערנע שטייגן האָבן זיך באַוויזן קעפּ פון הויכע חיות, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון אַ ווינקל. און אָט האָט זיך אַנטפּלעקט אַ וווּנדערלעכע דערשיינונג: מיט זיכערע שטילע טריט אין אַ מאַיעסטעטישער שיינקייט, האָט זיך צו אונדז דערנענטערט אַ זשיראַפע, אין גאַנצן אַ באַצויגענע מיט אַ ברוינער פעל, באַשפּריצט מיט העלע פלעקעלעך, ווי בלומען אין אַ קאָרן־פעלד, און געבליבן שטיין אויף די פיר געטאָקטע הויכע פיס, ווי זיכערע מאַרמאָר־פונדאַמענטן. אַ וווּנדערלעך זויבערער, גלאַטער גוף מיט אַ שלאַנק־הויכן האַלדז פון עפּעס אַ היסטאָרישער שיינהייט און אויף איר אַ שטאָלצער פירשטלעכער קאָפּ פון דערהויבונג. געדוכט האָט זיך, אַז זי רייסט זיך צו הימליש־שטראַלנדיקער הויכקייט...

זי איז געשטאַנען נאָענט צו די נידעריקע דראָטן. מיט איין קורצער באַוועגונג, האָט זי געקענט אַריבער די פאַרצוימונג. אָבער אויף איר גיגאַנטישער שיינקייט איז געלעגן אַ שפּאָטישע איראָניע צו מענטשלעכע פאַרצוימונגס־גרענעצן....

אירע טונקעלע אויגן, ווי די אויגן פון קירגיזישע פרויען, האָבן געבליקט צו די האָריזאָנטן, צו דער רחבותדיקער ווייטקייט, צום סוד פון קאָסמישן אויפשוווּנג און דערנענטערונג...

זי האָט צוויי מאָל באַוועגט איר קלוגן פאַרשערישן קאָפּ פון מזרח צו מערב, זיך אָפּגעשטעלט אין דער מיט און געלאָזט רוען אירע בליקן

אויף אונדז. מיר האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער טיפער שטילער רו, וואָס זיצט אין דעם מענטש־חיה, אין דעם שטילן ציטער פון איר אַטעמדיקער הויט און אין דער שטומער גרויסקייט, וואָס שפּיגלט זיך אין אירע וואַרעמע טיפע אויגן.

אונדז האָט זיך געדוכט, אַז זי רופט פריינדלעך צום מענטש:

— שלום, פרידן, שלום, שלום!

גאָרטן פון קולטור־הויז אין קרית מוצקין

דער נייער בית־התרבות אין קרית מוצקין, געהערט, בלי ספק, צו די שענסטע קולטור־ווינקלען אין לאַנד.

די שיינקייט זיינע באַשטייט אין די דערהויבענע צילן און אויפגאַבן — צו פאַרשפּרייטן גייסטיקן וויסן פאַר אַלעמען, אָן אונטערשיד פון עלטער און אויך פאַר נאָענטע און ווייטע געסט. זיינע שיינע סאַלאָנען נעמען אויף מיט פרייד לעקטאָרן און געסט, וויסנשאַפטלער און מעדיקער, קינסט־לער, פּאָעטן און מוזיקער — די אַלע פאַרשידענע אינטעלעקטואַלן און פריינד, וועלכע זענען גרייט צו געבן ליכט און וויסן, זיך טיילן מיט זייערע דערגרייכונגען, יעדער אין זיין געביט.

און וואָס איז שענער און הייליקער, ווי פאַרשפּרייטן פרייע, גייסטיקע דערציאונג פאַרן פאָלק, וואָס גייט אויף אַלץ העכער און העכער...

*

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דער פּלאַץ, אויף וועלכן דער שיינער קולטור־בנין איז אויפגעשטעלט געוואָרן — דער גאָרטן.

דער גאָרטן ליגט אין סאַמע האַרץ פון ישוב און פאַרשפּרייט זיך ביז צו די סאַמע באַלעבטע וווינונגס־קוואַרטאַלן.

אַלע שטעגן פון גאָרטן פירן אַרויס צו באַזונדערע גאַסן און פאַרבינדן אים מיט דעם ישוב. דאָך מאַכט דער שטאָטישער פּאַרק דעם איינדרוק פון אַ סעפּאַראַטן, אָפּגעשלאָסענעם אַפּרו־הויז. אַ פּלאַץ פון אַ שטילער, אָנגענעמער געמיטלעכקייט. ער איז אויך פאַרזען מיט אַ ספּאָרט־פּלאַץ פאַר דער יוגנט. די שורות ביימער בויגן זייערע געדיכט־פאַרפלאָנטערטע

צווייגן צום דרויסן צו און בילדן אַ שוץ־וואַנט קעגן דעם גאַסן־שטויב און גאַזיקע ריחות פון די פאַרקער־אויטאָס.

אין די פרימאָרגן־שעהן איז דער גאָרטן אַ פייכט־זויבערער, אַ טוי־איק־צעבליטער. ער צעעפנט די בלומיקע קעפלעך און גיסט אַריין אין זוניקער לופט די זיסע אַראָמאַטן פון דעם אויפגייענדיקן טאָג.

לויפן מחנות קינדערלעך פון דער שול און קרייצן דורך די בלומיקע סטעזשקעס, איבערלאָזנדיק זייער הילכיק געלעכטער.

אַ גאַנצן טאָג, ווען די זון בריט און בראָט און די לופט איז געדיכט און שטיקנדיק, ציען זיך אַהער פון דער גאַנצער שטאָט די יונגע מאַמעס מיט זייערע פיצעלעך קינדער. ווערט דער גאָרטן אָנגעפילט מיט אַ צאַפּל־דיקע און פריילעכע זשומעריי.

די קינדערלעך, פולינקע, פוכינקע, ווי פרישע רויזן, סאַברעלעך אויסגעפּאַשעטע אויף באַנאַנטשיקלעך, וואָס גייען שוין אַליין, קריכן אַרום ווי מוראַשקעלעך, שפּילן זיך אויפן גרינעם גראָז און פּילן אָן דעם בלויען אַרום מיט געלעכטער און פרייד. זיצן יונגע ראָז־צעבליטע מאַמע־לעך, היטן די שורות קינדער־וועגעלעך און צעשמייכלטע שטריקן זיי פאַר די קינדערלעך מלבושימלעך...

פאַרנאַכט, ווען די זון לעשט זיך אין שקיעהדיקער קילקייט, ווערן די בענק אָנגעפילט מיט אַלטע לייט — זיידעס־באָבעס.

זיצן זיי זיך געמיטלעך אויפגעראַמט, לופטערן זיך און דערציילן, איינע די אַנדערע, די זכרונות פון ווייטער פאַרגאַנגענהייט...

אין די שבתים און יום־טובים דערגרייכן פונעם גאָרטן הורה־טענץ, די קלאַנגען פון אָרקעסטער און מוזיק.

דערפאַר אָבער איז אין די אָוונטן דאָ שטענדיק געוועזן ליידיק. בלויז אַ ראָמאַנטיש פּאָרל אין אַ טונקעלער אלייע, סודעט זיך...

איצט אָבער, אַ דאַנק דעם בית־התרבות, איז דער גאָרטן אויפגעלעבט געוואָרן מיט קלאַנג, מוזיק און בילד. אונטער די צעלויכטענע עלעקטרישע לאָמפּן, ציען זיך אַהער באַזוכער פון אַלע שטעט צו דער קונסט־אויסשטע־

לונג פון בילדער און סטאַטוען, געשאַפענע פון די פאַרשידענע קינסטלער פון לאַנד. אַהער קומען די צושויער הערן רעפעראַטן און זען אימפּרעזעס.

דער וואַרעמער זומער־אָוונט איז פאַרגאָסן מיט ליכט און פאַרב. רייכע אַראָמאַטן פון שמעקעדיקע בלומען פילן אָן די נשמה און שפּרייטן זיך איבערן זומער־גאָרטן, ווי אין וואַרעמע אָרעמס און פאַרוועבן די שפּאַצירנדיקע אין איין האַרמאָנישער משפּחה, וואָס געניסט פון נאַטור און קולטור. אַ שפּייז פאַרן גוף און נשמה.

חנוכה־פייערונגען
אין מועדון ההורים (עלטערן־קלוב)

גן הגבורים. אין בית התרבות, ביי לאַנגע שיין סערווירטע טישן זיצן עלטערן פון מוצקין שיינענדיקע און יום־טובדיק דערהויבענע.

צוליב דעם געבוירן־טאָג פון עטלעכע זקנים, איז דער זאַל איבער־פולט מיט קינדער און אייניקלעך, וועלכע זענען געקומען בענטשן די זיידעס און באָבעס און ווינטשן זיי אַריכות יומים. ה׳ האַלפּערין צינדט אָן די חנוכה־ליכט און זינגט מיטן עולם מעוז צור.

מר פעפער, פאָרשטייער פון מועדון ההורים, עפנט די מסיבה און אין נאָמען פון דער מועצה באַגריסט ער די עלטערן, צוזאָגנדיק, אַז בקרוב וועלן מיר פייערן דעם חנוכת־הבית פון דעם נייעם בנין — די היים פון די עלטערן. ער גיט דערביי אָן איבערבליק וועגן דעם פאַרנעם פון צו־קונפטיקן מועדון: וויפל ער קאָסט, די ברייט פון זיינע זאַלן און דער עיקר — וועגן דעם, וואָס די אַלטע לייט וועט געגעבן ווערן די מעג־לעכקייט קוואַליפיצירן זיך ביי פאַרשידענע פאַכן: ווי שטריקן, נייען, וועבן און צייכענען א. א. וו. דער איבערבליק ווערט פון פאַרזאַמלטן עולם אויפגענומען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

די הערן גערטנער און שטיין וויקלען פאַנאַנדער די העראָישע גע־שיכטע פון די חשמונאים און די קאַמפן קעגן זייערע באַדריקער.

מיט אַ האַרציקער באַגריסונג טרעט אַרויס פרוי מאַנדעלברויט, די אומדערמידלעכע געזעלשאַפטלעכע טוערין, פאָרשטייערין פון דער מועצה און מאַמע פון עלטערן־קלוב. זי זאָגט צו, אַז דאָרט, אין דער נייער היים, וועלן זיך די עלטערן פילן גוט.

די לעצטע באַגריסט פרוי מנוחה אַלפּערין. דערמיט פאַרענדיקט זיך דער ערשטער חנוכה־טייל.

אין קינסטלערישן פּראָגראַם נעמען אָנטייל: יאַשקע מיט זיין אַקאָר־דעאָן, דער טענצער גאָטעסמאַן מיט זיין פרוי, דער קונסט־מאָלערין.

*

דער גרויסער וויצ"א־זאַל איז אילומינירט מיט פאַנטאַסטיש־קאָליר־פולע לעמפּלעך. די ווענט זענען באַצירט מיט קריגלעך אייל און חנוכה־לעמפּלעך איבער זיי. עס קוקן אַראָפּ די פּאָרטרעטן פון מדינה־פּרעזידענט, ז. שזר און ד"ר הערצל ז"ל.

אַרום לאַנגע, סערווירטע טישן, זיצן אויסגעזעצט די געסט פון פאַר־שידענעם עלטער. די פרוי כ. עפנט די מסיבה. נאָכן אָנצינדן די חנוכה־ליכט, זינגט מר הל. מיטן עולם „מעוז צור". אַן אינהאַלטסרייכן רעפעראַט וועגן דער באַדייטונג פון חנוכה, האַלט ה' גערטנער, וועלכער פאַרבינדט דעם יום־טוב מיט דער היינטיקער ווירקלעכקייט.

עס טרעט אויף אַ יונגער סאַברע, וועלכער שפּילט אויף אַן אַקאָר־דעאָן פאַרשידענע פאָלקס־ניגונים, דערנאָך גייט ער איבער צו אנדערע אינסטרומענטן: מעלאָדיקא, חליל, פאנדזא און האַרמאָשקע. די טענער צעגיסן זיך איבערן זאַל אין אַ צעשטורעמטער כוואַליע פון באַגייסטערונג, אין איין האַרמאָניע מיטן צעשפּילטן און צעזונגענעם פובליקום.

*

די אַרבעטנדיקע יידישע פרויען־מוטערס, וועלכע זענען גלייכצייטיק מיטגלידערינס פון דער הסתדרות, פייערן אַ דאָפּלטן יום־טוב — חנוכה און פיר און פערציקסטן יובל פון דער הסתדרות.

אין זאַל פון בית־התרבות הערשט אַ חברישע שטימונג. דאָ זענען פאַרטראָטן פאַרשידענע פּראָדוקטיווע צווייגן. מען באַגריסט זיך אויף אַ היימישן שטייגער, ווי עס פּאַסט פאַר איין משפּחה.

די סצענע איז דעקאָרירט מיט פרישע גרינע צווייגן. די סעקרעטאַרין ל. אַלעקסאַנדראָוויטש פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג, עפנט די מסיבה. זי באַגריסט וואַרעם אַלע חברים צוליבן דאָפּלטן יום־טוב און גיט יעדן פאַרשטייער אַ וואָרט.

דער ערשטער רעדט מר גושן. אין נאָמען פון הסתדרות באַגריסט י. שלו.

ס. דינור, די פאָרשטייערין פון חיפהער ראַיאָן, באַגריסט אין נאָמען פון פינף און צוואַנציק אָפּטיילונגען פון אַלע אַרומיקע פּראָווינצן און גיט דערביי אַפּ מזל־טוב אַ ניי־געעפנטן סניף. די זינגערין ר. סאַמסאָנאָוו זינגט העברעאישע און יידישע פאָלקס־לידער.

דער אויסגעצייכנטער אָרקעסטער שפּילט פאַרשידענע אָפּערעטקעס און אַריעס פון באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן.

בעת דער עולם ווילט זיך ביי די סערווירטע טישן, לאָזן זיך פאָרלעך אַוועק איבערן זאַל אין ריטמישע טענץ ביז די שפּעטע נאַכט־שעהן.

*

אין צענטער פון מוצקין, ביי דער זייט פון ככר הגבורים, האַרט ביי דער אַלייע השופטים, אַריינגערוקט צניעותדיק אין אַ גרין באַוואָקסענעם הויף, אַרומגערינגלט מיט גרינעביימער, ווי שומרים, הויבט זיך אויף דער העלער, צוויי־שטאָקיקער בנין מיט דער זיבן־רערנדיקער מנורה אויפן דאַך.

דאָ געפינט זיך די שול.

די ברייטע פאַראַדנע טרעפּ אונטן פירן אַריין צו די מענער. די זייטיקע טרעפּן, דאָרט אַהין אויבן — צום עזרת נשים — די ווייבער.

אויבן, אין דער ווייבערישער שול, פאַנאַנדערגעטיילט אין צוויי באַזונדערע מחנות, מענער און פרויען, זיצט אַ פאַרשידנאַרטיקער עולם: מענער, פרויען, יונגע, מיטעלע און זקנים.

אויף אַן איינגעאָרדנטער בינע זיצן די קינדער מיט זייערע אינסטרומענטן: פידל, גיטאַרע און אַקאָרדעאָן. אין אָרקעסטער האָבן זיך באַטייליקט דער שטאָט־חזן סאַלאָמאָן, זיין פרוי, די מוזיק־לערערין און זייער זון — אַ שילער אין דער קאָנסערוואַטאָריע און זייער טאָכטער. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אויפגענומען די קינסטלער, און באַזונדער דעם קינדער־אָרקעסטער, מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

פייערלעכע דערעפענונג
פון עלטערן־הויז אין קרית מוצקין

דעם אַכצנטן פעברואַר 1965, איז פייערלעך דערעפנט געוואָרן דער הערלעכער עלטערן־היכל אין צענטער פון ישוב, אין גן־הגבורים. מ'האָט אים פּאַראייניקט מיטן ערשטן, פיל־קלענערן בית־אבות, און איצט שטייט אַרויס אַ גראַנדיעזער בנין, וואָס קוקט אַרויס מיט זיין מאָדערנעם פּאַסאַד צו דער אַרומיקער געגנט. פון פרימאָרגן אָן איז דער טאָג געווען אויסגעפילט מיט אימפּרעזעס פאַר די עלטערע — זיידעס און באָבעס.

אַלע שולן: ווייצמאַן, קאַרטשאַק, אחדות, האָבן אונטער דער לייטונג פון זייערע לערער, געגעבן פאַרשטעלונגען, אינסצעניזירונגען לכבוד די זיידעס־באָבעס אין טעאַטער אורות־מוצקין.

די פּרעכטיקע אויפנאַם־זאַלן, סערווירט מיט געשמאַק, זענען חוץ די אייגענע מיטגלידער, געווען געדיכט באַזעצט מיט הונדערטער איינגעלאַדענע געסט און פאַרשטייער פון פאַרשידענע אינסטאַנצן און ריכטונגען.

דער גאַנצער אָפענער פּלאַץ, ככר השופטים, איז געווען פאַרשטעלט מיט טעקסיס פון די אָנגעפאַרענע געסט. מיט איבערשנײַדן די לענטע ביים עפענען דעם הויפּט־איינגאַנג, האָט מען מכבד געווען די פרוי פון ד״ר סילווערסטאַן, פאַרשטייער פון אינערן־מיניסטעריום, און פרוי מאַנדעלבאום. דער אָרטיקער רב, ד״ר פאַגעלמאַן. האָט באַזאָרגט דעם היכל מיט אַ מזוזה.

אויבן אָן, אַרום טיש, האָבן זיך געפונען די רעדנער און אַקטיוויסטן. די גרויסע יום־טובדיק־שטראַלנדיקע עלטערן־משפּחה האָט געשיינט פון נחת רוח און אַלע טישן האָבן באַלויכטן צענדליקער עלעק־

טרישע לאָמפּן, וועלכע האָבן אַראָפּגעקוקט פון אויבן מיט נייקייט און מאָדערנעם סטיל.

מיטן אָוונט האָט אָנגעפירט דער פאָרשטייער פון עלטערן־קלוב, ה׳ פעפער. ער עפנט דעם אָוונט מיט וואַרעמע ברכות און גיט איבער דאָס וואָרט דעם ראש־המועצה, מר גושן, וועלכער וויקלט פאַנאַנדער די געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג פון דעם עלטערן־היים, זיין באַדייטונג און די ווייטערדיקע אויפגאַבעס פון זיינע טעכנישע און קולטורעלע פאַרצווייגונגען.

עס רעדט הרב ד״ר פאָגעלמאַן, ווי שטענדיק מיט אַ ברכה און מיט היסטאָרישע באַלייכטונגען, דערמאָנענדיק דאָס פאַרשוווּנדענע, אומגעבראַכטע מיליאָנען־יידנטום דורך די נאַציס; ווי אַ רעליגיעזער מנהיג רופט ער די עלטערן צו דערציען יידישע דורות...

ד״ר סילווערסטאָן לייענט זייער אַן אינטערעסאַנטן רעפעראַט וועגן דער אידעע פון עלטערן־באַשטאַנד.

עס רעדט מר פעדער פון „דזשאָינט״ און מר שאַפּיראָ פון ראַסקאָ.

צו לעצט באַגריסט די שרייבערין פון די שורות, לייטערין פון דער ביבליאָטעק.

— אין נאָמען פון די חברים עלטערן האָב איך דעם גרויסן כבוד און די פרייד צו באַגריסן אַלע געהויבענע געסט, וועלכע האָבן באַוויליקט און געקומען זיך פרייען מיט אונדזער גרויסן יום־טוב פון חנוכת־הבית פון אונדזער שיינער, אויפגעריכטער היים — מועדון ההורים.

ס׳איז נישט אָפּצושאַצן דעם גרויסן אויפטו פון אויפשטעלן אונדזער בנין מיט אַלע זיינע פאַרצווייגונגען. ס׳איז כמעט שווער צו באַגרייפן, וואָס עס באַדייט די היים, אין וועלכער מיר האָבן זיך אַזוי שטאַרק געבויטיקט, פאַר אונדז, עלטערע מענטשן.

אַ לאַנגן וועג, פול מיט שטרויכלונגען, האָבן מיר דורכגעמאַכט. פאַר אונדזערע קינדער האָבן מיר מקריב געווען אַלץ, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט: מיר האָבן זיי אָוועקגעשענקט אונדזערע לאַנגע, שווער־פאַרפּראַצעוועטע טעג און שלאָפלאָזע נעכט; מיר האָבן זיי אָוועקגעשענקט אונדזער האַרץ און מוח, אונדזער בלוט און אונדזערע לעבנס־זאַפטן;

מיט טרערן האָבן מיר אונדזערע קינדער באַשיצט און זיי אויסגעלייזט פון אַלע סכנות; מיט ציטערדיקער וואַכזאַמקייט האָבן מיר זיי געלערנט און געוויזן דעם וועג צו אַרבעטן, בויען און שאַפן, ווי מיר, זייערע עלטערן, האָבן דאָס געטאָן, כדי צו זיין ערלעכע בירגער און געטרייע זין און טעכטער דעם פאָלק און לאַנד.

מיר גלויבן, אַז מיר האָבן דאָס דערגרייכט, זיי האָבן איבערגענומען אונדזערע ווירדיקע פּאָסטנס און זענען אַוועק ווייטער, צו נייע פּער־ספּעקטיוון.

פאַר אונדז, די איצט פאַרעלטערטע און אָפּגעשוואַכטע, ווו איז היינט אונדזער אָרט? ווו זאָלן מיר זיך אַהינטאָן, ווען די מערהייט פון אונדז איז שוין קראַנק, שוואַך און פאַראייינזאַמט...

דערפאַר ווערן מיר אין אונדזער קלוב מער נישט זיין פאַראייינזאַמט און עלנט. מיר וועלן זיך געפינען ווידער אין אַ געזעלשאַפט פון גלייכע מיט גלייכע!...

מיר דריקן אויס אונדזערע טיפסטע דאַנקבאַרקייט־געפילן אַלע די, וואָס האָבן אונדז נישט פאַרגעסן און האָבן אונדז אויסגעשטרעקט זייער ברידערלעכע האַנט. געבענטשט זאָל זיין יעדע האַנט, וואָס האָט צוגעלייגט אַ ציגל צו אונדזער הייליקן בנין!...

מיר, די עלטערן פון מוצקין, דאַנקען אונדזער זייער ענערגישן ראש המועצה, דעם חשובן פאָרשטייער פון אינערן־מיניסטעריום, מר סילווער־סטאָן, אויך די פאָרשטייער פון „דזשאָינט", מר פעדער פון „ראַסקאָ", מר שאַפּיראָ, צוזאַמען מיט אַלע חשובע געסט, וועלכע זענען דער שטאָלץ פון דער מדינה. מיר בעטן אייך: פאַרלאָזט אונדז נישט אויך אויף להבא! זייט מיט אונדז, תמיד מיט אונדז!!!

די ביבליאָטעק

די זייטיקע, שטילע גאַס אין מוצקין, וואָס טראָגט דעם נאָמען נאָך די פינף טראַגיש־אומגעקומענע קינדער — רחוב הילדים, האָט אָנגעהויבן אויפלעבן מיטן טאָג פון דער דערעפענונג פון מועדון ההורים.

אָט געדענק איך נאָך יענע טריט פון די ערשטע עלטערן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויַיזן שטיל, דרך־ארצדיק, איינציקוויַיז, נאָכפאָרשעריש, פרעמדלעך, ווי וועלנדיק באַטראַכטן וואָס קומט דאָ פאָר...

אַזוי פּאַמעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען פון אַלע גאַסן און געסלעך, פון אַלע זייטן גערנווילליק, נישט נאָר צענדליקער, נאָר הונדערטער — כן ירבו! הייַנט צו טאָג באַטראַכטן די עלטערן זייער קלוב פאַר אַ היים, אַ גייסטיק־קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע היים.

דאָ געניסן די עלטערן פון פאַרשידענע קולטורעלע און פאַרוויילונגס אימפּרעזן: פאָרלעזונגען וועגן ליטעראַטור, תנ״ך, און אַקטועלע פּראָב־לעמען. פון צייט צו צייט אויך פון אייַנגעאָרדנטע מסיבות און קאָנצערטן.

אַ באַזונדער וויכטיק אָרט פאַרנעמט די ביבליאָטעק, די הערלעכע געשענקטע מתנה אויפן נאָמען פון צבי ריכטער ז״ל. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט ביכער אין פאַלגנדיקע שפּראַכן: יידיש, עברית, פויליש, רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. און ווייל דער עולם איז דאָ אַ געמישטער, ותיקים און נייע עולים, איז עס במילא אַן אַלגעמיינע סאַטיספאַקציע צו קענען זיך באַזאָרגן מיט ביכער לויטן געשמאַק און פאַראינטערעסירונג.

די חברים פון מועדון האָבן אַ באַזונדערע פּריווילעגיע צו לייענען אויף אַ פּרייער קאָנטאָ פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, און די ביבליאָ־טעקאַרין, — שרייבערין מ. אַלפּערין, אין פאַרערונג צו די עלטערן און ליבשאַפט צו דער ליטעראַטור, האָט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן צו בייטן די ביכער און שמועסן מיט די לייענער.

דער לאָקאַל איז שוין פון לאַנג צו קליין, ווי אַ מלבוש פון אַן אויסגעוואָקסן קינד.

אויף שפּאַציר

דער טייערער שרה מאַדאָוויטש

דער עלטערן־קלוב באַשטייט פון אַ געמישטער משפּחה, פון פאַר־שידענע קהילות און וועלט־טעריטאָריעס — ותיקים און נייע עולים, עלטערע, מיטעלע און יינגערע — במילא אַ שלל פון פאַרשידענע טיפּן, אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע גייסטיקע וועלטן. דאָך נעמט אַרום, כמעט אַלעמען, דער זעלבער גורל, אַלע זענען געוויקלט אין דעם בכבודיקן לבוש פון זקנה. די זקנה, וואָס האָט געבויגן זייערע שטאָלצע פּלייצעס, וואָס האָט זייערע ראָזע, געזונטע, פרישע פּנימער, צעקאָרבט און געגעבן דער הויט אַ געלבלעכן פּאַרמעט־קאָליר; די צעעפנטע לעבנס־לוסטיקע אויגן, וואָס האָבן געשטראַלט מיט פרייד זענען איצט אויסגעלאָשן, פאַררוקט טיף אין קאָפּ אַריין, זענען פול מיט אומעט און בענקשאַפט. רעזיגנאַציע נאָכן שיינעם, רייכן, רווישיקן עבר... אָבער דער שטילער ווייכער גלאַנץ פון זייער הייליקער עלטערן־ליבע דערהויבט און פאַראיידלט זייערע געפילן צו פּאָעזיע, צו שיינקייט פון דער אומשטערבלעכקייט...

אונדזערע אויטאָס טראָגן זיך איבער דער ערד פון קרן־קימת, איבערן עמק יזרעאל, איבער גרינע פעלדער, ווי וווּנדערלעכע טעפּיכער. מיר פאָרן אַריין אין באַלפור־וואַלד, וואָס האָט מיט זיינע געדיכטע צווייגן־אַלייען אָפּגעלאָשן די היץ פון דער צעברענטער זון. איבער אונדז, דורך די צווייגן, ווינקען צו אונדז די פאַרביק־רייצנדיקע כאַטקעלעך פון די אַרו־מיקע דאָרפישע ווירטשאַפטן, ווי קינדער־שפּילערייען...

מיר זענען שוין ווידער אויף דער פרייער לופט, ביים ראַנד פון די מנשה־בערג. אָט איז דער קיבוץ גניגר, אינעם גבעת־המורה־טאָל און אַנטקעגן אים — דער ריזן־באַרג תבור. איבערן טאָל און באַרג שוועבט אָט די דאָזיקע לעגענדע, אַז מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, אין אַ מלחמה

מיט די פלישתים, וואָס דבורה הנביאה האָט אָנגעפירט, זענען געווען אַ סך דעזערטירן, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דעם באַרג הרועה. ווען זי האָט געוווּנען די מלחמה און מנצח געווען דעם גענעראַל סיסרא, האָט דבורה פאַרשאָלטן דעם באַרג הרועה מיט די מענטשן אויף אים. איז דער באַרג איינגעזונקען געוואָרן. דעריבער איז דאָרט הײַנט אַ טאָל...

מיר שפּאַרן שוין אָן בײַ דער מושבה תל־עדשים און קיבוץ מרחביה, וואָס איז פון די ערשטע. דער כפר גדעון האָט זיך נישט אַנטוויקלט און איז געבליבן אײַנגעשרומפּן.

לינקס ווײַזט מען אונדז עפולה התחתית און דעם מושב בלפוריה. עפולה איז געגרינדעט געוואָרן מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק אַמאָליקע יאָרן האָט עס געהייסן עפל. הײַנט איז די אַלטע און נײַע שטאָט אין אַ גרויסן פאַרנעם. דאָ איז אויך די צווייטע צוקער־פאַבריק אין לאַנד. די ערשטע איז אין קרית גת.

די היסטאָריע דערציילט, אַז דאָ בײַם קיבוץ שולא איז אַמאָל געשטאַנען דער פּאַלאַץ פון קעניג אחאב. ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם קוואַל וואַסער. נישט ווײַט פון אים איז געווען נאָך אַ קוואַל, וואָס האָט געהערט צו אַ יידישן תושב — נבון. האָט אחאבס ווײַב געוואָלט האָבן דעם פּלאַץ אויף זייען ווייץ און קאָרן, האָבן זיי געהרגעט נבונען, איז דער קוואַל פאַרשווונדן...

אַרום דעם כפר יחזקאל גלאַנצן זוניקע פיש־באַסיינען. מיר פאָרן דורך עמק חרוד און טרעפן זיך פון ווײַטן מיטן שײַנעם הר גלבוע, וואָס אויף זײַן נאָמען טרעפן מיר אין לאַנד אַ סך העלדישע יידישע בחורים. דער עמק חרוד איז אַנטשטאַנען אין אונטערשטן גליל, ווײַל דאָ איז אַמאָל געווען אַן ערד־ציטערניש.

פון דער רעכטער זײַט עבר הירדן, ליגט דער פייערדיקער מדבר — גל באר. דאָ איז מען געווען געצוווּנגען צו זוכן וואַסער. מיט אַ גרויסן אָנשטרענג האָט מען לאַנג געגראָבן אין דער טיף, ביז ס'האָט זיך באַוויזן וואַסער. אָבער אַ טייל פון וואַסער איז געווען געזאַלצן, האָט מען אַנט־וויקלט פיש־באַסייען.

עין־חרוד, בית חיים שטורמאַן

דאָ טרעפן מיר זיך אויג אויף אויג מיט דער העראָישער און טיילווייז אויך וויסנשאַפטלעכער געשיכטע פון אונדזער היינט: אַ מוזעאום — אַ זכר פאַר דער אייביקייט...

אונדזערע דריי אויטאָס בלייבן שטיין אויפן פעלד. און מיר אַלע גייען אַריין אין אַ גרויסן לעבעדיק־באַגרינטן הויף. פון אונטער די העלע בלומען אַרום הויבט זיך אויף אַ שיינער צוויי־שטאָקיקער בנין אויפן נאָמען פון פּיאָנער־בויער: ח. שטורמאַן.

געווען איז עס נאָך מיט פופציק יאָר צוריק, ווען עס זענען אָנגעקומען אין לאַנד די היסטאָרישע זין און טעכטער, די קעמפער: יוסף טרומפעלדאָר, י. חנקין און אַנדערע, וואָס האָבן געבויט און געשאַפן עין־חרוד, תל־יוסף און זענען דאָ אויסגעשטאַנען איובס יסורים. הונגער, מאַלאַריע און אַראַבישע איבערפאַלן. אויך די העלדישע הגנה־מיטגלידער האָבן אין דער מלחמת השחרור דאָ אַריינגעשריבן זייער גלאָררייכע, בלוטיקע געשיכטע...

שטייט טאַקע אין מיטן הויף אַ לעבעדיקער עדות — דער האַרמאַטדודקע מיטן נאָמען פון זיין קעמפער, וואָס האָט דער לעצטער מיט אים מנצח געווען דעם שונא.

דער מוזעאום.

אין מוסטערהאַפטער אָרדענונג איז די רייכע זאַמלונג איינגעשטעלט קאָלעקציעסווייז. אין שורות אויף די ווענט, טישן און אין גלעזערנע שאַפעס. דער מוזעאום אין עין־חרוד איז אין אַלע זיינע פאַזן, אַ היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכער. די זאָאָלאָגישע אָפּטיילונג, אין אַלע אירע עמבריאָלאָגישע סטאַדיעס, איז אַן אַנאַטאָמישע שול פאַר טעאָרעטישער פאָרשונג, דאָרט געפינט איר נישט נאָר די סקעלעטן פון חיות און אַלערליי מינים שרצים, נאָר די רייכע וועלט פון כלערליי פאַרשידנאַרטיקע פייגל אין וואונדערלעכע מזרח־פאַרבן; דאָ זענען אויך פאַראַן

שיס־אינסטרומענטן פון עבר און פון היינט; מטבעות און שניצערייען; מאַנוסקריפּטן און בילדער פון פאַרדינסטפולע פּערזענלעכקייטן.

מיר לאָזן זיך אַוועק פון דער עין־חרודער מוזעאום־אויסשטעלונג צו דער אַרומיקער נאַטור זען אַלץ, וואָס לעבט אַרום. מיר געפינען זיך נאָך אין דער אַרומרינגלונג פון די גלבוע־בערג, נאָר דער טייל הייסט: הר שאול, דאָ איז דאָך געפאַלן שאול המלך. דער אַנדערער הייסט יונתן — אויפן נאָמען פון זיין זון, וואָס איז אויך געפאַלן. אַ וואַרעם־הייליק געפיל נעמט אונדז אַרום, ווען מען איז אונדז מודיע, אַז דאָ אין גלעד יבש, איז געבוירן געוואָרן דער גוטער אַלטיטשקער — דער לעגענדאַרער אליהו הנביא. מיר לאָזן זיך פאַרביי דעם וואַלד ווינג קיין חפצי־בה.

ביים שכנותדיקן קיבוץ בית־אלפא דערוואַרט אונדז אַ סיורפּריז: נאָכן אָפּפרישן זיך מיט אַ געשמאַקן טרונק אין חפצי־בה, פירט מען אונדז אַריין אין דער אַרכעאָלאָגישער אָפּטיילונג.

מיר בלייבן שטיין ביי אַ גרויסער אַרומגעצוימטער באַריערע און קוקן פון אויבן אַראָפּ אין אַ טיפער, אָפענער אויסגראָבונג, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט האַלבע, נישט גלייכע, צעקרישלטע ווענט פון אַלטע ציגל, וואָס רינגלען געדיכט אַרום דעם וואונדערלעכן דיל. דאָס איז אַן אַלטע שול, וואָס איז געבויט געוואָרן צוריק מיט טויזנט פינף הונדערט יאָר, דורך אַ יידישער קהילה, וואָס האָט אַהער צוגעוואַנדערט און איצט האָבן עס אונדזערע אַרכעאָלאָגן אַנטדעקט.

די מאָזאַאיק, געמאַלן פון אַן אומבאַוווסטן קינסטלער, שטעלט מיט זיך פאָר אין לעבעדיקע האַרמאָנישע פאַרבן די זון, לבנה און שטערן אין מיטן. אַרום זיי, דער יידישער סימבאָל — די צוועלף שבטים — די מזלות. פון איין זייט: עקדת יצחק, מיטן פסוק: „אל תשלח ידך אל הנער ואל תעשה לו מאומה״.

פון דער צווייטער זייט — אליעזר און רבקה ביים ברונעם, אַרום זיי מלאכים, שרפים, לייבן, דער לויתן און נאָך אַנדערע יידישע סימבאָלן. עס מישט זיך דאָ פאַר אונדזערע אויגן: יידישע געשיכטע, נאַציאָנאַלע

ווערטן פון דורות, וואָס טראַדיציע און פאָלקס־זכרון האָבן אויסגעטראָגן אין שויס פון זייערע פאַנטאַסטישע בענגשאַפטן. אַ שטילע פרייד כאַפּט אונדז אַרום זעענדיק די הייבטיקע ווירקלעכקייט, וואָס שאַפט זיך און גיסט זיך צוזאַמען מיט דעם געוועזענעם אַמאָל אין איינע און די זעלבע נאַטור־אייביקע שיינקייטן...

אויספלוגן איבערן לאַנד

ס'איז שבועות־צייט. פרילינג. ישראל אין יום־טוב פון חג הבכורים. האָט די שטראַלנדיקע מאַמע נאַטור צעעפנט אַלע אירע קוואַלן פון חסד און געבענטשט די וועלט מיט אויפגאַנג און געבורט. גרינט עס אומעטום. בלומיקע קנאָספּן האָבן צעעפנט דאָס ליכט פון זייערע הערלעכע פאַרבן, זיך צעקושט מיטן צאַרטן געמיט פון שבועותדיקן באַגינען און אַוועקגעשענקט זייערע פאַרפומען־ריחות דער בלויער לופט. די צווייגן פון דעם ווייסן פּרעכטיקן מאַנדל־בוים, ווי די בריסטן פון שוואַנגערע, יונגע פרויען, צויבערן אין דעם היינטיקן פרילינג מיט זייער בלומיקער פּראַכט.

די גאַסן און שפּאַציר־פּלעצער זענען באַלעבט מיט יום־טובדיקע, העל־געקליידטע, גוטמוטיקע שפּאַצירער.

קינדערלעך פּוציק־לייכטינקע, מיט ראָז־צעבליטע פּנימלעך, און קראַנצן בלומען אויף די קעפּ, טראָגן קאָשיקלעך בכורים־גרינס — די יונגע, סימבאָלישע שלוחים, פון דער יידישער געשיכטע; און אין דער מוזיק פון די צעפלאַטערטע פויגל־כאָרן טראָגט זיך פון דער גרויסער שול די שירה: אקדמות ושרות שותא, און ווי אַ הימן צו דער נאַטור:

ווען אַלע וועלדער זאָלן זיין פּעדערס,
און אַלע טייכן טינט,
וואָלט איך נאָך אַלץ נישט געקענט,
באַשרייבן דיין שיינקייט!...

אויפן גרויסן אָפענעם שטח פון די נייע גראַנדיעזע בנינים, ביי דער מועצה המקומית פון מוצקין, איז אַ באַזונדערס הייטערע שטימונג. דאָ זאַמלען זיך די עלטערן פון ניי און אַלט מוצקין. כמעט אַלע, אַלע, אונטער

דער פאַן זקנה! אָבער ווי רייך און פאַרשידן עס איז די גאַלעריע טיפּן! ממש אַ שפע! ווי פאַרשידנאַרטיק עס איז זייער אויסערלעכער אויסזען. סיי די ותיקים און סיי די צוגעקומענע נאָכן חורבן פון אייראָפּע, אָנגעקומענע פון באַזונדערע וועלט־טעריטאָריעס, מיטן שפּראַכן־מישמאַש, בילדן זיי איין פרידלעכע, גרויסע משפחה.

איצט גייען זיי איינציקווייז אַריין אין די אויטאָס און פאַרנעמען זייערע פּלעצער. די חברי המועצה באַוועגן זיך זאָרגפעליק אַרום די עלטערן. דער ראש המועצה גייט אַריין אין יעדן אויטאָ באַזונדער און בענטשט זיי מיט אַ גליקלעכער רייזע און צוריקקערן זיך געזונט. פּאַרשטייערינס און מעד־שוועסטער פאַרנעמען זייערע פּלעצער. די דריי, פול געפּאַקטע אויטאָס, הויבן זיך לאַנגזאַם אָן צו שאַרן ביי די זייטן פון דער גרינער אַלייע, אָן אָנגעלאָדענע פון דעם יונגן פרילינג, אַ צופרידענע פונעם נחת, אַז זי האָט די זכיה צו זיין די באַגלייטערין פון אירע עלטערן לענגאויס דעם אויפגעלעבטן קרית מוצקין.

מיר שליסן זיך אָן אין דעם צערוישטן כביש עכו — חיפה און מיידן אויס, פון ביידע זייטן, די ליגנדיקע ישובים: קרית חיים און קרית ביאַליק און צוזאַמען מיט צענדליקער אויטאָס, טאַקסיס און מאָטאָציקלען, טראָגן מיר זיך אַנטקעגן דעם גרויסן אַרבעטס־צענטער, — מפרץ.

מפרץ, דער גראַנדיעזער אַרבעטס־פּלאַץ פון דער ישראל־פּראָדוקציע. דאָ באַזירן צענדליקער פאַבריקן: די גלאָז פאַבריק — פעניציע, די רור־טעננבערג־עלעקטריק, פאַבריקן פון שיך, געשיר, באַלאָטן, רערן, שוועבל, שיפלעך, לאָמפּן, אייז, מעטאַל, שאָקאָלאַד און וואָס נישט? עס באַגלייט אונדז דער עכאָ פון טויזנטער אַרבעטער־הענט; עס קלאַפּן די האַמערס, עס רוישן די מאַשינען און עס זעגן די זעגן. עס טראָגט זיך דאָס געזאַנג פון געבענטשטן, אַרבעטנדיקן פאָלק...

מיר ציען זיך ווייטער. אונדזער באַגלייטער, יעקב סאַנין, דערציילט אונדז: דאָ זענען געווען אינטערנאַציאָנאַלע וועגן קיין עבר הירדן, לבנון און איראַק. מיר געפינען זיך ביי דער בריק נשר. דאָ, פון דעם ישוב, פירט אַ וועג צו דער פאַבריק „נשר", וואָס ברענגט פון דער ווולקאַן־פאַבריק שטיינער, כדי אויסצואַרבעטן צעמענט. דאָ ליגט דער עמק

זבולון, אויפן נאָמען פון שבט זבולון. לענגאויס דעם כרמל, רעכטס, שפּרייט זיך אויס דער אַלטער קיבוץ יגור. דער גרויסער קיבוץ יגור פאַר־מאָגט זיין אייגענע פּראָדוקציע: אַ פאַבריק פון קאָנסערוון־פּושקעס. לינקס גייט אויף כּפר חסידים.

מיר זענען שוין אַרומגערינגלט מיט די בערג פון גליל התחתון ביז עכו — צפת, דרך הים, דאָס באַוווסטע בערגל, ווי אַ סטראַטעגישער פּונקט, וואָס האָט אין דער מלחמת השחרור געשפּילט אַ גרויסע ראָל. רעכטס — די פאָלגנדיקע פּונקטן: שער עמקים, זבולון און עמק יזרעאל.

ביים אַראָפּשטייגן פון באַרג קרית עמל, ציט זיך לענגאויס אַ דאָרף מיטן נאָמען פון זיינעם אַ העלד אלרואי. קעגן איבער, איז דער באַוווסטער קוראָרט טבעון. עמל און טבעון זענען היינט צו טאָג פאַראייניקט אונטער איין נאָמען: קרית טבעון און האָט, אגב, נישט לאַנג געפייערט דעם פערציק יעריקן יובילעאום. מחמת די אַראָפּשטראָמיקע בערגיקע וואַסער־אָדערן, איז דאָ דער גאַנצער אַרומיקער באָדן זייער פּרוכטבאַר.

נאָך כפר יהושע, וואָס קעגן אים איז דער ישוב אלוני פון עלית הנוער, שפּרייט זיך אויס אַ גרויס פלאַכלאַנד פון גרינע, זאַפטיקע פעלדער אָבער זייערע נאָענטע האָריזאָנטן זענען אויך אָנגעפּילט מיט פאַרשידענע ישובים: בית לחם, נוה היער, אָדער רמת ישי פון דער וויטנס — פיל טעקסטיל־פאַבריקן.

ענדלעך שטראַלט אויף פאַר אונדז דער עמק יזרעאל מיט זיין פולן פּראַכט: פעלדער ווייטע אוןברייטע מיט דער ברכה פון בליענדיקע גערשטן, ווייץ און גרינס, פאַשע; סטאַדעס שעפּסן און בהימות פאַר־שפּרייטן אַרום דעם אָפּקלאַנג פון אַ געזונט דאָרפיש פּויערים־פאָלק, וואָס אַקערט, זייט און שניידט זיין ברויט פון אייגענער ערד.

מיר שניידן זיך אַריין טיפער אין טאָל, פון די אַרומיקע צעבליטע פּרוכט־גערטנער ציען זיך צו אונדז פאַרשיכורנדיקע אַראָמאַטן פון מאַ־ראַנצן, פלוימען, מאַנדלען, עפּל און באַנאַנעס, וואָס פאַרוועבן אונדז אין אַ כּישוף־מעשהלע פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

אַרום און אַרום שפּרייטן זיך, איינגעזונקען אין גרעזער און בלומען, מושבות און קיבוצים, ווי אויף אַ מאַפּע פון אַ וווּנדערלעכער אויסשטעלונג.

אָט איז דער מושב נהלל. אַמאָל איז אויף דעם אָרט געשטאַנען אַן אַראַביש דאָרף מיטן נאָמען מכלול. היינט הייסט נהלל — דער טאַטע פון עמק. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשטעלט די ערשטע דרייסטע טריט אויף דעם זומפּיקן באָדן. איצט האָט ער שוין געפייערט זיין 40־יאָריקן יובל. דאָרט, אויפן בערגל, זעען מיר דעם מגדל העמק, יוקנעם, רמת־דוד און דעם פּינסקער קיבוץ גבת.

גבת איז די וויג פון דער יידישער אַרבעטער־אינטעליגענץ. דאָ האָט געלעבט און געשאַפן די העברעאישע דיכטערין פאַניע בערגשטיין ז״ל. דאָ זינגט דער פּאָעט י. ראַבינאָוו, דער שרייבער ארקע ווינער־ישראלי. דאָ עלטערט זיך אין כבוד דער חכם מיכאל גאָלדהאָר, דער זיידע פון ליכטיקע, קיבוצישע אור־אייניקלעך. אָט די אַלע היינטיקע זיידעס, באָ־בעס, זענען די נעכטיקע פּיאָנערן, דער נעכטיקער אַוואַנגאַרד, וואָס איז אויף די פליגלען פון אהבת ציון אָנגעפלויגן אַהער און מיטן ברען פון חלוצישן התלהבות האָבן זיי דאָ אַוועקגעשענקט זייער יוגנט, ענערגיע און שווייס, זייער גלויבן און האַרטנעקיקן ווילן, זייער מסירת־נפשדיקע פּראַצע, ביז זייער געבענטשטע פּרוכט איז אויפגעגאַנגען אין אָט דער נייער, שיינער וועלט, יידישער וועלט, וואָס מיר זעען דאָ און וואָס רינגלט אונדז אַרום — אָט די שטראַלנדיקע, באַגייסטערטע יוגנט זייערע, וואָס לערנט, אַרבעט, קעמפט און גייט אויף אין אַ נייעם מאָדערנעם מענטש אויף אייגענער ערד, אין אייגענעם לאַנד.

באַגלייט האָט אונדז דער עמק יזראעל מיט זיינע שטאָלצע פּאַלמעס, שלאַנקע גלאַדיאָלן, אַנטציקנדיקע דאַליעס און יונגע קאַקטישע רויזן און ליליעס.

דאָס געזאַנג פון די קינדער־אַנשטאַלטן, האָבן זיך דורכגעטראָגן דורך דעם גרינעם סאָסנע־וועלדל און זיך צעגויפגעמישט מיט דער האַרמאָניע פונעם צעזונגענעם עמק, מיט דער שירה פון קאָלעקטיווער שפּערישקייט. און מיט אָט דער שירה זעגען מיר צעלויכטענע אַוועק וויי‌טער.

בית־שאן

בית שאַן איז אַ גאַנץ אַלטע שטאָט. די ריזיקע צעוואָרפענע שוואַרץ־צעשרפהטע שטיינער זאָגן עדות וועגן די אַמאָליקע ווולקאַן־אויסברוכן, פון וועלכע דער ישוב האָט דאָ געליטן.

מיט פינף טויזנט יאָר צוריק האָבן דאָרט געוווינט טויזנטער יידן. ביים גראָבן דעם באַרג איז אַנטדעקט געוואָרן אַ חרוב־געוואָרענער, ריזי־קער שטח, פון אַכצן שטעט. בית שאַן ליגט צוויי הונדערטער מעטער אונטערן ים־פלאַך, דעריבער איז דאָ הייס.

אין דעם זעלבן אַלטן בית שאַן, מיט זיינע קליינע, אָפּגעבראָכענע הייזלעך, קלאַפּט שוין דער אימפּולסיווער אָטעם פון דער נייער יידישער וועלט, וואָס איז אויפגעגאַנגען מיט טויזנטער נייע עולים און מאָדערנע גרויסע בנינים, ווי דער אויפגאַנג אין גאַנצן לאַנד.

ענדלעך בלייבן מיר שטיין פאַר דעם וווּנדער־ווערק פון אונדזערע אַרכעאָלאָגן, אונטער דער לייטונג פון פּראָפעסאָר יגאל ידין. פאַר אונ־דזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך אַ גרויס פעלד מיט אַנגעוואָרפענע שוואַרצע שטיינער; אויף אים שטייען צעבויפגעשטעלטע ווענט אָן אַ דאַך, אין פאָרעם פון אַן אַמפיטעאַטער. פון אַרום און אַרום, אין לכנה־רונדיקייט איז אויסגעהאַקט און עס זענען אויך אויסגעלייגט העלע ציגל אין קוואַד־ראַטן; פון אויבן ביז סאַמע אונטן — שורותווייז זיץ־פּלעצער. אין אַלע ווינקלען פון די ווענט, ווייסע מאַרמאָרנע זיילן מיט האַלבע, איינצלנע אַקוסטישע קאַבינעס פאַר די אַרטיסטן, כדי די זינגענדיקע שטים זאָל דערגיין גלייך צום פּובליקום. דער דיל איז פון רייכן מאָזאַאיק.

אין דער עפּאָכע פון דער דעמאָלטדיקער, מעכטיקער רוימישער מאַכט האָט מען שטאַרק געזאָרגט פאַר דעם אדל־שטאַנד, פאַר די רייכע. דריי מאָזונדערע טרעפּן־פּלעצער זענען געווען באַשטימט פאַרן אדל. די ווענט זענען פאַרזען מיט ניין איינגענגג.

מיר האָבן זיך אַלע איבערגעקוקט מיט פאַרקלערטע בליקן און פאַרלאָזט דעם אַלטן עדות פון דער רוימישער קונסט.

ביים גדעון־קוואַל

דאָ, ביי דעם גדעון־קוואַל, האָבן מיר גערוט. די פּאַסאַזשירן פון אַלע דריי אויטאָס זענען אויסגעשטיגן און מיט זייערע קלומיקעס, ווי די פרייע פייגל פונאַנדערגעפלויגן איבערן פרייען שטח; גרופּנווייז, אויך איינצלנע, זיך אויסגעזעצט, צעעפנט דעם צידה־לדרך און זיך גענומען חבריש טיילן מיטן היימישן, געבראַכטן שפּייז. ס׳האָט דערוואַכט אַ לע־בעדיקער גערודער, אַ געטומל, אַ שטיפעריש געלעכטער, אַפילו אַ היל־כיקער. מ׳טרינקט אויך לחיים איבער אַ פלאַש טיי. די שטימונג איז אַ געהויבענע, מען חכמהט זיך און מען דערציילט וויצן. עס קייקלט זיך דאָס געלעכטער און אַ גרינער עכאָ צעקלינגט זיך פון דער אַרומיקייט, פון באַרג און טאָל, פון קוואַל און טייך און פון די אַרומיקע קיבוצים: ניר און ב. סאָקאָלאָוו.

דאָס אויג איז נישט זאַט געוואָרן פון התפעלות, פון די פּאַרביי־טאַנצנדיקע פעלדער און גערטנער מיט צעבליטע זיתים, באַנאַנען, מאַנד־לען און פלוימען, פון דעם ברוינעם צעזונגענעם אַרבעטער־פאָלק איבער די קיבוצישע יוגנט־מחנות, איבער די פעלדער פון עמק יזרעאל. אויך פון די באַבערדיקטע יידן, די נעכטיקע בטלגים פון דאָרט, וואָס פלאַנצן דאָ און זייען זייערע אייגענע פעלדער, באַאַרבעטן זיי מיט פלייס — די יידן פון כפר חסידים.

נאָך אַ טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען פון נוה שאנן און קרית רמז. פריינד מיט פריינד האָבן זיך באַגריסט. מען איז געבליבן רוען אויפן גראָז, ביים גדעון־קוואַל, וואָס ריזלט און שטראָמט מיט נאַטירלעך־וואַרעם וואַסער, וואָס איז קלאָר און דורכזיכטיק.

די יונגע מאַמעס שפּיגלען זיך אין קוואַל, בויגן זיך קאָקעטיש לאַכנ־דיק, שעפּנדיק וואַסער מיט ווייסע הענטלעך.

— מען דאַרף נעמען אַ ביסל וואַסער אַהיים. דאָס איז דאָך מינעראַל־וואַסער!

— אויב אַזוי, — רופט זיך אָפּ אַן אַלטע באָבינקע — וויל איך נעמען

אַ ביסל וואַסער פאַר מיינע קראַנקע קריזשעס, וואָס לאָזן מיר גאַנצע נעכט נישט שלאָפן...

דערווייל איז געוואָרן אַ פליעסקעריי. מען נעמט אָן פלעשער וואַסער, בויגנדיק זיך איבערן קוואַל, דעם תנ״כישן גדעון־קוואַל, וואָס פלאַטערט מיט לעגענדעס, רוישט זיך שטיל זיין וועג, שטראַלט ליבלעך קעגן דער זון און שליסט זיך מיט די שכנותדיקע אָדערן פון זיינע אור־פּאַטערס...

עס זענען פאַראַן מאַמעס אָפּגעזונדערטע אין זייער איינזאַמקייט, וואָס קוקן פרעמד און פאַרטראַכט אַרום. יענע אומגליקלעכע מוטערס, וואָס האָבן זייערע משפחות פאַרלוירן דאָרט, אין נאַצישן גיהנום, זיי געפינען אין ערגעץ נישט קיין טרייסט... אָבער די מערהייט עלטערן, די ותיקים, וואָס וואָרצלען דאָ אין לאַנד, זיי האָבן דאָ געפּאַקט און געמאָזלט, מיטגעמאַכט אַלע שווערע חבלי לידה און צוזאַמען מיט זייערע דורות, אין פרוכטבאַרער שאַפונג, דערזען דעם אויפגאַנג פון דער יידישער מדינה. אין דער גרויסער, דערהויבענער שטילקייט, וואָס לויערט דאָ אויף דער גרינער לאָנקע, ביי דער רוענדיקער מחנה, קוקן אַראָפּ די זומערדיקע טיף, צעבלויטע הימלען, וואָס נעמען אַרום מיט מילדע ווינט־לעך זייערע קעפּ, גלעטן זייערע איינגעפאַלענע, איידעלע באַקן, פון וואַנען עס בלישטשען אַרויס די שיינע, שוואַרצע יידישע אויגן מיט פרייד און טרויער... און די גלעטנדיקע האַנט מיטן וואַרעמען אָטעם פון דער מאַמע־נאַטור אַזוי ווי זי וואָלט גערעדט:

— פאַר אייך, פאַר אייך, יידישע מאַמעס! פאַר אייער שווערן לעבנס־וועג, פאַר אייערע שלאָפלאָזע נעכט, פאַר אייער צער און פאַרגאָסענע טרערן, פאַר אייער אייביקער קרבנות־גרייטקייט און גרויסער ליבע, וואָס איר שענקט אייערע־אונדזערע קינדער, די בויער און יידישע שעפער, די גרינדער און קעמפער, פאַר אונדזער נייער יידישער היים, פאַר מדינת ישראל!

קיסריה

ווי צו אַ געמיינזאַמער שמחה פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג זענען פון אַלע זייטן אָנגעלאָפן פּרייוויליק טאַקסיס און אויטאָבוסן, מיט זייערע

עלטערן — זקנים. אייִנזאַמע און משפחות, גאַנץ אַלטע און מיטל־יעריקע און אויך ייִנגערע. אַרטיקע און נייע עולים. אָנגעטאָנענע רייזע־פּאַרטיק, מיט רענצלעך — צידה לדרך.

דער פייכטער, טויאיקער באַגינען האָט אויפגעוויקלט צעהעלטע ליכט און באַלייכט דעם אַלץ וואַקסנדיקן עולם. דוכט זיך, אַז יעדער אייִנוווינער פון „בית ההורים" האָט, כמעט, דעם זעלבן גורל; אַלע זענען געוויקלט אינעם בכבודיקן לבוש פון זקנה! די זקנה, וואָס האָט געבויגן זייערע שטאָלצע פּלייצעס, וואָס האָט זייערע ראָזע, געזונטע פּנימער צעקאָרבט מיט אַ הויט פון געלבלעכן פּאַרמעט; די צעעפנטע לעבנס־פריידיקע אויגן, וואָס האָבן געשטראַלט מיט יוגנט, זענען איצט אויסגעלאָשן און טיף אַריין אין קאָפּ; זענען זיי פול מיט אומעט, רעזיגנאַציע און בענקשאַפט נאָך דעם שיינעם פאַרגאַנגענעם עבר...

אָבער פון זייער שטילן אומעט שטראָמט אויך דער גלאַנץ פון זייער הייליקער עלטערן־ליבע, וואָס דערהויבט זייערע איידעלע געפילן צו דער אייביקער, פּאַטעטישער שיינקייט.

דערווייל ווימלען שוין אין אויפגעלעבטע, פאַרשידנאַרטיקע רעדלעך ייִדן: זיידישע, שיינע, ווייסע, קורץ, אָדער לאַנג־געשוירענע בערד, אָדער גלאַט־ראַזירטע פּנימער, משכילים אָדער סתם אינטעליגענץ. אַ גרויסע טייל זענען דאָ ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר — פאָלקס־מענטשן מיט גוטע, שטילע, ערלעכע פּנימער. אַ קרענצל ווייבער רעדן, געסטיקולירנדיק מיט די הענט און קייכן שטיל פון געלעכטער. עס זענען אויך דאָ ייִנגערע פרויען, שלאַנקע מיט בויגזאַמע גלידער, מיט אַריסטאָקראַטישע געזיכטס־שטריכן און פאַר־גרויטע קעפּ האָר, מיט אויגן, וואָס רעדן און דערציילן... פאַראַן אויך פּנימער מיט קלוגע, קריטישע בליקן, וואָס אָבסערווירן און קוקן אַריין טיף אין דער נשמה... בכלל זענען אין דעם דאָזיקן גרויסן קאָלעקטיוו פאַראַן וווּנדערבאַרע טיפּן און געשטאַלטן, וואָס אַ יעדער פון זיי שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַזונדערע וועלט — זיין אָפּשטאַם, זיין היים, זיין טראַדי־ציאָנעלע געוווינהייט. פּונקט, ווי ס'איז אַנדערש יעדערנס אויסשפּראַך און באַנעמונג אין דער געזעלשאַפט. אָט שטייט דאָרט אַ גרופּע ווייבער צוגעטוליעטע היימישלעך, ייִדיש שטעטלדיק; קליין־וווקסיקע, קיילעכיק־

בייכיקע מיט איינגעפאַלענע בריסט און מילד פאַרדאגהט מיט טיף טונקעלע יידישע אויגן...

אַ שטילער גערויש. ווו נישט ווו טויכט אויף אַ קלוגער שמייכל ביי אַ מיטל־יעריקער פּרוי מיט סימנים פון געוועזענער שיינקייט. פאַראַן פּנימער לייכטנדיקע מיט אינטעליגענץ, פאַרשטאַנד און באַאָבאַכטונג. עס זענען אויך פאַראַן קורצע בליקן און נערוועזע מאַניערן.

דערווייל זענען אָנגעקומען די מיטגלידער פון דער מועצה און גענר־מען איינאָרדענען דעם גרויסן עולם אויף זייערע זיץ־פּלעצער. צוזאַמען מיטן ראש המועצה האָבן זיי אונדז באַגלייט, ווי עלטערן זייערע קינדער. זיי האָבן אונדז באַזאָרגט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן: אַ מעד־שוועסטער, רעם־קול, און פּאָליציי־שמירה.

ענדלעך ריירן מיר פון אָרט. דער אומגעהויערער צוג פון אַכצן טאַקסיס און צוויי פול־געפּאַקטע אויטאָבוסן פאַרנעמט דעם גראַנדיעזן פּלאַץ פון די גאַסן הילדים — אוסישקין. טראָגט זיך אַ לאַנגע שורה מיט צעלויכטענע פלאַקאַטן: „והדרת פני הזקן". און ווי אַ פייערלעכע פּראָ־צעסיע, ציט זיך אונדזער אימפּאָזאַנטער צוג לענגאויס דער פּרעכטיקער אַלעע, וואָס שלענגלט זיך דורך רחוב השופטים — דער צענטראַלער רוקן־נערוו פון דעם שטילן פאַרחלומטן מוצקין. צעשיינען זיך פּנימער דורך פענצטער, טירן און באַלקאָנען, מיט איבערראַשונג און התפעלות.

מיר טראָגן זיך אַנטקעגן דער ווייטקייט, וואָס רופט און לאָקט מיט זיסע, געמישטע ריחות פון געשניטענע סוף־זומער פעלדער און סוף־סעזאָניקע, צייטיק־געוואָרענע פרוכטן קלעמענטינעס, גראַנאַטן, באַנאַנעס און מאַראַנצן. איבער אונדז אַ פרידלעכער טיף־צעבלויטער הימל, ביי דער זייט, דער מעכטיקער כרמל, ווי אַ טרייער העלדישער שומר, וואָס גייט אונדז נאָך פוס־טריט...

די גוטמוטיקע זיידעס און באָבעס ווערן אויפגעלעבט, הויבן מוטי־קער אויף זייערע גרויע קעפּ, באַטראַכטן דעם געמישטן עולם און קוקן אַרויס דורך די אויטאָ־פענצטער. דער טראַנזיסטאָר שפּילט און אונדזער צוג שניידט זיך אַריין אין די געדרייטע כבישים, אין אַ האַלב־קרייז, ווי אַ שלאַנג.

אַט דאַכט זיך, ווערט דער קאָפּ זיינער פאַרפאַלן אין אַ טאָל, נאָר דער פאַרביקער גוף ציט זיך אויס און קאַרטשעט זיך איין; און אַט איז דער גוף ערגעץ פאַרשוווּנדן, נאָר דער קאָפּ הויבט זיך אויף, ווי אַ בערגל אין דער הויך...

מיר פאָרן פאַרביי דעם קיבוץ יגור. אַט דאָ איז געזעסן אין אַרעסט דער מערדער פון אונדזער פאָלק, דער רוצח — אייכמאַן, ימח שמו!

אַ פייער פון שנאה צעצינדט זיך אין אַלעמענס אויגן. די פאַראייני־זאַמטע לאָזן אַרויס אַן עלנטן קרעכץ און טרערן פאַלן אויף די איינ־געפאַלענע באַקן...

מיר פאָרן אַריין אין משמר העמק. פון ביידע זייטן כביש שפּרייטן זיך גרינע פעלדער, ווי פּרעכטיקע טעפּיכער. יונגע וועלדלעך טאַנצן אונדז אַנטקעגן, ווי יונגטלעכע קאָקעטקעס געוויקלט אין זיידענע קרינאָ־לינעס.

פון אַלע זייטן טראָגן זיך מושבות און קיבוצים. שעפּסן, קי און ציגן פּאַשען זיך אויף פרידלעכער, אייגענער פּאַשע־פעלד. אַט איז טבעון, דער טרוקענער, זוניקער בית־הבראה, ווו טויזנטער מידע אַרבעטער געפינען דאָ זייער אָפּרו און דערהאָלונג. קעגנאיבער הויבט זיך אויף דער באַרגיקער קרית עמל, מיט זיינע הויך־שוועבנדיקע שטיבער, ווי אַ פּלאַ־טערנדיקע לעגענדע, קרייזלענדיק אַרום די גרינע יאָדלעס אויפן שפּיץ באַרג.

*

מיר פאָרן אַריין אין אַ געדיכטער אַלעע ביימער, וואָס ציט זיך לאַנג און מיר ווערן באַשאָטנט פון אַ טיפער קילקייט. מיר פאָרן צו קיסריה און מאַכן אַן אומקרייז דורך אַ זייטיקן וועג, אויסמיידנדיק די ישובים יוקנעם, דליה, עין השופט און בת שלמה. די לופט אַרום, אַ וואַרעמע, אַ זויבער־דורכזיכטיקע, וואָס פרישט און מאַכט אַפּעטיט.

ווי אַ דערגענצונג צו דער אַלגעמיינער פּאַנאָראַמע, האָבן די געסט

אַרטיסטקעס, די שוועסטער בטרי, וועלכע ווילן היינט אין לאַנד, געגעבן דורך ראַדיאָ זייער קאָנצערט.

ענדלעך פאָרן מיר אַריין אין קיסריה. קיסריה, ביים ברעג פון מיטל־לענדישן ים, אין שרון, ביים כביש תל־אביב — חיפה, צווישן חדרה און דואר, אויף דער ערד פון „פיקא".

אין די צייטן, ווען די רוימער האָבן דאָ געהערשט, איז קיסריה געווען צווישן די אָנגעזעענסטע שטעט. געבויט האָט זי הורדוס אין צוואַנציקסטן יאָר נאָך קריסטוסעס געבורט. דעם נאָמען קיסריה האָט מען איר געגעבן לכבוד דעם רוימישן קיסר אוגוסטוס. דאָ האָט געלעבט אַ יידישע קהילה, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן די רוימער.

דער אַריינפאָר זעט אויס, ווי אַן אָנפאַנג פון אַ מושב מיט אַ ביסל גרינס און לאַנגע הילצערנע צריפים. פון דער אַנדערער זייט, הויבן זיך שוין אויף נייע שיכונים. דאָ געפינען זיך אויך אַ גומי־פאַבריק. קיסריה איז אויך באַרימט מיטן גאָלף־פּלאַץ.

מיר שטעלן זיך אָפּ און שיטן זיך ביסלעכווייז אַרויס פון די אויטאָס. אַ טייל מוז מען פירן ביי די הענט, צוליב זייערע שוואַכע פיס. אַנדערע פאַרטראָגן בישט דאָס צו שטאַרקע ליכט, פירט מען זיך מיט זיי, ווי מיט שוואַכע קינדער.

מיר קומען צו די חורבות פון קיסריה. דאָרט, ביים ים, זעען מיר האַלבע ווענט פון אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע שטיינער, וועלכע זענען אַמאָל געווען רויטע און איצט קרישלען זיי זיך אין שטויביקן זאַמד־קאַליר. דאָרט שטייט אַ גרויסער בנין פון הויכע ווענט אָן פענצטער און טירן, בלויז צוויי אָפענע איינגענג, מיט אַ געדעקטן משופּעדיקן דאַך. ביי דער חורבה ציט זיך אַ לאַנגע וואַנט.

דאָ, דערקלערט מען אונדז, איז געווען דער פּאָרט פון שלמה המלך. אַהער זענען געקומען שיפן און פון דאַנען זענען אָוועקגעגאַנגען שיפן. דער אָפענער בנין מיטן שפּיציקן דאַך איז געווען דער דורכגאַנג צום פּאָרט און די וואַנט — אַ שוץ קעגן שונא...

אויף אַ צווייטער חורבה האָבן מיר געזען צוויי סטאַטועס, אַ מאַן און אַ פרוי, ביידע אָן קעפּ, עס קען זיין הורדוס, אָדער איינער פון די

עשרות הרוגי מלכות. און היות, ווי דאָס מאַטעריאַל פון וועלכן עס זענען געמאַכט געוואָרן די קעפּ איז געווען זייער אַ טייערס, האָלט מען, אַז רויבער האָבן אַראָפּגעגנבעט די קעפּ.

אויפן דריטן פּלאַץ האָבן מיר געזען אַ גראַנדיעזן בנין מיט אַ צווייטן שטאָק און זייטיקע צעפּאַלונגען פון שטיינער ביזן סאַמע ים אַריין, וועלכע זענען שוין פאַרוואַקסן מיט צעפוילטן מאָך. ביי דער זייט זענען נאָך פאַראַן גאַנצע טרעפּלעך, וואָס פירן אַראָפּ אונטן. אונטן, אויף דער צעעפנטער אַרענע זענען פאַראַן אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען פון פאַרשידענע פיגורן. אַלע פון ווייסן מאַרמאָר. ערטערווייז זענען פאַרריכט די צעלעכערטע ווענט, מיט ווייסן מאַרמאָר־שטיין. מען רעכנט, אַז די קונסט־אויסאַרבעטונגען און דער צווייטער שטאָק געהערן צו דער ביזאַנ־טישער עפּאָכע. אין יעדערן פון זיי זענען פאַראַן עטלעכע אַריינגאַנגס־טויערן.

מיר קומען אָן צו אַן אָפענער רונדער חורבה, מיט אַן אויפשריפט: „החברה הארכיאלאגית, האיטלקית, משלחת מלני אמפיתיאטרון”. דער אַמפיטעאַטער פון די רוימישע צייטן, וואָס איז נישט לאַנג צוריק אויס־געגראָבן געוואָרן, איז באמת אַ וווּנדערלעכע דערשיינונג מיט זיין גראַנדיעזער וואַנט־באַריערע. אויבן, אויפן העכערן באַרג־שטח, שטייען מיר ביי דער זייט און קוקן אַראָפּ מיט התפעלות, כאָטש עס ווייזן זיך אָן אַ שיעור ברוכן און גאָר גרויסע באַשעדיקונגען, ווי דער טיפער גרוב מיט דעם צעקרישעלטן דיל, וואָס זאָגן עדות, אַז די שפּעטערדיקע מאַכט האָט דעם בנין באַנוצט צו ווירטשאַפטלעכע איינריכטונגען. אָבער דער גראַנד־יעזער שטח צום אַריינגעמען דריי, פיר טויזנט באַזוכער, אויסגעהאַקט אין באַרג־שטיין איז צום באַוווּנדערן: די קינסטלעכע סימעטריש־גלייכע טרעפּ, וואָס פירן פון אונטן אַרויף, און די מייסטעריש־אויסגעפאַרעמטע זיץ־פּלעצער. כאָטש פון מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, קענען זיי נאָך היינט נוצן פאַר אַן אַמפיטעאַטער. אַפילו פאַרן גאַסט פון ישראל, דעם וועלט־באַרימטן קינסטלער — פּאַבלאָ קאַזאַלעס, וואָס האָט שוין באַוויזן אין דעם אָריגינעלן, אַלטערטימלעכן בנין, צו געבן זיינע הערלעכע קאָנ־צערטן...

קיסריה איז געווען אַ גרויסע שטאָט. אַ שטאָט פון בערך פופציק טויזנט איינוווינער, צווישן זיי, פינף און צוואַנציק טויזנט איינוווינער — יידן. און אָט וואָס ס'איז געבליבן פון אַ ברויזנדיקן לעבן אויף דער ערד...

שטייען מיר אַלע, זיידעס און באָבעס, אומעטיק פאַרטראַכטע און פילן, ווי חורבות ווינקען זיך איבער מיט דער עלטער... פאַרטראַכטערהייט דערגייט צו אונדזער געהער דער שטילער ים־געריש. געדוכט האָט זיך, אַז די נאַטור אַליין סודעט זיך מיטן עבר; די אייביקייט מיט דער איבער־שיכטונג פון עפּאָכעס און דורותדיקער געשיכטע...

מיר שטייען נאָך אַלץ, ווי אין פאַרכישופטן קרייז מיט ברייט־צעעפנטע בליקן צו דער ווייטקייט. הערשעריש מעכטיק איז דער ים. ווו איז זיין אָנהייב און ווו איז זיין סוף? ערגעץ דאָרט אין דער אומענדלעכקייט פאַראייניקט ער זיך מיט די זוניק־צעבלויטע הימלען און וואַרפט ליכט־רעפלעקטאָרן מיט אַ שפע פון פאַרבן פון איבער דעם רואיקן זילבער־שפיגל פון דעם ים — העל־בלויע, טונקל־גרינע, מינענדיק מיט זילבער־גרוי, צינדט ער זיך אָן מיט זוניקן גאָלד פון שקיעה, רייסט ער מיט דאָס געמיט און די בענקשאַפט צו דעם אור־קראַפט פון באַשאַף...

בית שערים

מיר ציען זיך ווייטער צום עמק לעבנאויס דעם וואַלד פון קרן־קימת, וואָס אַ דאַנק אונדזערע שומרים, איז ער אָפּגעהיט געוואָרן. מיר הויבן זיך אויף אַלץ העכער באַרג־אַרויף צו קרית עמל. אַ שטאַרקע דורכ־זיכטיקע, באַרגיקע לופט נעמט אונדז אַרום מיט אַ קרעפטיקער אייג־אָטעמונג. גלייכע ציפּרוסן און גרינע יאָדלע־ביימער טראָגן זיך אונדז אַנטקעגן מיט גרוסן פון געוואַגטע בערג־איינוווינער.

די הייזער שטייען מיוחסדיק, שיטער צעוואָרפן איבער די שיפּועים פון באַרג־שטחים — די לעגענדאַרע ערשטע טריט פון זייער אָנהייב, פון זייער אַרויפדראַפּען זיך צו דער הויכקייט, האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קליין שטיבעלע, ווי אַ לעגענדאַרע מעשהלע. יעדעס מאָל איז צוגעקומען אַ הינער־שטיבעלע, אַ שטעלכעלע, אַ קינדעלע, אַ חדרל... און אַזוי פּאַמעלעך, האָבן זיך זייערע בנינים און פרוכט־גערטנער צעוואַקסן אין דער ברייט, ווי אָדלער־פליגל, שוועבדיקע אין געזונטער באַרגיקער לופט.

מיר טראָגן זיך כסדר באַרג־אַרויף. מיר שלענגלען זיך שוין אין די זויבערע גאַסן פון קרית עמל, ווו די בלויע הויכקייטן וועבן זיך נידעריק, אויף די שפּיצן אַלייען און שעמערירן אין אַ רייצנדיקן פאַרבן־געמיש. אָט פאָרן מיר פאַרביי דעם לערער־סעמינאַר און טראָגן זיך אַוועק אין אַ זייט, נידעריקער, אויף אַ לאַנגן שליאַך, ווי אַ לאַנגער שמאָלער טאָל.

פון ביידע זייטן הויבט זיך אויף דער באַרג מיט אַלייען־ביימער און הויכע גראָז־קוסטן. פון דער לינקער זייט — די בראָנזענע סטאַטוע פון אַלעקסאַנדער זייד, דעם העלדישן, אומדערשראָקענעם העלד — יידישן פּאַטריאָט, וואָס איז דאָ געשטאַנען אויף שמירה אַרומגערינגלט מיט אַראַבער. (אין דער באַפרייאונגס־מלחמה האָבן זיי אין אים נקמה גענו־מען און ער איז געפאַלן). און אָט קומען מיר צו אַ צעעפנטן גראַנדיעזן פּלאַץ. רעכטס שטייט אַ קליינער בנין — אַ קאַפע־רעסטאָראַן, וואָס באַ־דינט טוריסטן און אַלערליי באַזוכער: סטודענטן, פּראָפעסאָרן, וויסנ־שאַפטלער, היסטאָריקער און סתם פאָלקס־מענטשן.

פון דער צווייטער זייט באַרג־אַרויף — גרויסע פּאַראַדנע טרעפּ, ווי דער צוגאַנג צו אַ רוימישן טעמפּל, פירן אונדז צו צו אַן אַלטן, אָפּגעבליאַקעוועטן, געגאָסענעם פון שטיין מויער, וואָס זיין דאַך וואַקסט אַרויס פון באַרג מיט אַן עפענונג. אַ טונקעלע, קיל־פייכטע לופט קומט אונדז אַנטקעגן און שמעקט מיט אומהיימלעכקייט. אַ טונקל ליימיק־קאַליריקע הייל מיט שטיינערנע נאַקעטע ווענט; אין ערשטן צימער, גאָר אַ גרויסן, איז אַרומגעשטעלט מיט פאַרשידן־געשטאַלטיקע, זאַמד־קאָלירטע פעלדזן. אַן עלעקטריש לעמפּל אויף דער וואַנט באַלויכט אונדז דעם ווייטערן איינגאַנג.

דער צווייטער הייל־זאַל איז נאָך אַ גרעסערער און אַ צוזאַמענשטעל פון שטיינערנע אַנטהילטע קעסטלעך, ווי קלענערע און גרעסערע קברים־געלעגערס. אַרום און אַרום זענען זיי איינגעמויערט אין די ווענט און אויך באַזונדערע אין מיטן דער הייל. אין רעכטן ווינקל שטייט אַ לאַנגער מאַרמאָר־ווייסער פאַרבויטער דאָפּלט־קאַסטן, אַן אויסגעליידיקטער און אָן צודעקן, אַזוי ווי אַלע. דאָ איז מיט אותיות אָנגעשריבן: „ר׳ יהודה

מיט זיין פרוי״. אין צווייטן זאָל האָבן מיר געפונען די קברים פון זיינע זין: ר׳ שמעון און ר׳ גמליאל.

ר׳ יהודה האָט געשאַפן די משנה. נישט ווייט פון דאַנען איז געשטאַנען זיין הויז. זיין גאַנץ לעבן האָט ער דאָ פאַרבראַכט. נאָר די לעצטע זיבעצן יאָר איז ער אַריבער אין דער שטאָט צפורי. אָבער צו קבורה איז ער געבראַכט געוואָרן דאָ, אין זיין וווין־אָרט — בית־שערים. נאָך אים האָבן זיינע זין ממשיך געווען די גאָלדענע קייט און פאַרנומען זיין אָרט.

בית שערים איז אַ פּלאַץ פון טויזנט קברים. אַהער זענען צו קבורה געבראַכט געוואָרן די פּני פון דער געזעלשאַפט, אַפילו פון די ווייטסטע שטעט און פּראָווינצן, אַהער אויפן אַריסטאָקראַטישן בית־עולם.

די גוטמוטיקע זיידעס און באָבעס, מיט פּאַמעלעכע שווערע טריט, האָבן מיט יראת הכבודיקע, פאַרטראַכטע פּנימער געבלאָנקעט אַרום די קברים און זיך געגראַבלט אַרום די ווענט, וואָס האָבן געווייעט מיט בית־עולמדיקער קעלט. אַ ווײַלע איז אַנטשטאַנען אַ שווערערער פּיינ־לעכער אומעט, אַ שטילקייט אַזאַ גרויליקע, וואָס איז פול מיט פּחד און אומהיימלעכקייט, ווי לעבעדיקע זקנה וואָלט זיך געסודעט מיטן אין סוף...

אַ געפיל פון יידיש־נאַציאָנאַלן שטאָלץ האָט אונדז דאָ אַרומגענומען מיט אַ וויזיאָנערישער דערהויבונג צוגלייך — מיר שטייען ביים עבר פון פאָלק, ביי זיינע געוועזענע חכמים און גאונים. אומגלויבלעך! לעגענדע ציווירקלעכקייט, וואָס שטראַלט אויף פּאַר אונדז, די אור־אור־אור־אייניקלעך, אין פולן היסטאָרישן גלאַנץ?...

צוריקוועגס האָט אונדז אַרומגעכאַפּט אַ ליבע, געמיטלעכע, זוניקע וואַרעמקייט, ווי אַ מאַמע איר וויינענדיק קינד. מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

דער דערבייאיקער מוזעאום, וואָס געפינט זיך אין דער זעלבער שורה, שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַרשידנאַרטיקע זאַמלונג פון כלערליי קאָלעקציעס, וואָס זענען דאָ געפונען געוואָרן: מטבעות, צירונג, הילצערנע און גלעזערנע כלים, קריגלעך, בוקעטניקעס, כלי־זין, אויסקריצונגען פון פאַרשידענע צייטן. אויך קאָסטנס מיט פאַרשידענע אַרכעאָ־

לאָגישע אינסטרומענטן. אַ באַזונדער ווייס מאַרמאָר־טירל, אַ צודעק פון איינעם פון די קברים, מיט אַן אויפשריפט: „מנוחת שלום״.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט אַרויסגערופן אַ ווייסער מאַרמאָר־טאָוול מיט אַ קללה פאַר גנבים, וואָס וועלן וואגן אַרונטער־צונעמען עפּעס וואָס פון די קברים.

די קללה איז געשריבן אויף תדבוריש, אַראַביש, גריכיש און עברית. און איבער דער אויפשריפט — א מנורה.

דער וועג צו תל־מונד

די ברייטע ישראל־פעלדער שניידט דורך אַ צערוישטער כביש, אַ פּאַרמיטלער צווישן די צוויי גרעסטע שטעט: חיפה — תל־אביב.

איבער דעם שטיינערנעם רוקן פונעם כביש מיטן שאַרפן, גרויען גלאַנץ אַנטקעגן דעם העל־צעלויכטענעם טאָג, טראָגט זיך דער אימפּעט, דער הור־האַ פון דער באַוועגונג. עס קאַכט און רוישט, עס זשומעט און קלינגט מיט דער טראַסקעריי פון פאַרשידענע אויטאָס, וואָס פירן פּראָ־דוקטן. עס פליען אויך פאַרביי אין גאַלאָפּ מחנות צעזונגענע שול־יוגנט, עלטערע און יינגערע פאַרער. פון אַלע שיכטן פון לאַנד און אויסלאַנד.

דער צעהילכטער עכאָ, ווי פון אַן אָרקעסטער, צעוואַרפט און צע־שפּרייט זיך איבערן רייכן, אומענדלעכן אַרום מיטן אָנזאָג: מיר זענען דאָ!

דערוואַכן קלענערע און גרעסערע ישובים, וואָס קרייזן אַרום די שאָסיי־וואַנדערער, בייגן זיך מיט האַרציקע גרוסן פונעם ישראלדיקן אַרבעטער־פאָלק.

לענגאויס דער נסיעה שווינדלען פאַרביי שוועבנדיקע נעמען פון קיבוצים, מושבות און קלענערע אויפגייענדיקע שטעט, וואָס הויבן זיך אויף מיט נייקייט, פאַרנעם און ברייטערע השגות, ווי חדרה, הרצליה, און בעיקר — נתניה,ביים בלויען מיטללענדישן ים מיט איר נייעם סטיל־גלאַנץ.

צווישן די דורכשווינדלדיקע סטאַציעס שיינט אויף דער אויפשריפט תל־מונד, ווי אַ רמזדיקער פינגער ביים ראַנד פון פרדסים. טוט עס שטיל אַ ווונק: דאָרטן, דאָרטן הינטער גערטנער, פעלדער און פאַלמעס, אין אַ וואַלד פון נאַטור־אוצרות, ווי אַ באַהאַלטענע צנועה געוויקלט אין שלייערן, געפינט זיך תל־מונד.

דער אויטאָ פירט אונדז אַריין אין אַ גרינער אַלעע פון דריי־פיר

קילאָמעטער די לענג, געדיכט באַוואַקסן מיט ציפּרוסן און עוקאַליפּטוס־ביימער פון ביידע זייטן. ערטערווייז שטרעקן זיי זיך צו הויכע, בלויע הימלען, ציטערנדיק אין ווינטיקע אַראָמאַטן, אַנגעטראָגענע פון די אַרו־מיקע גרינע פעלדער, וואָס שפּרייטן זיך אין רחבותדיקע ווייטקייטן ביז די גרענעצן פון אַנדערע מושבות.

נאָר אָט האָט זיך פון ביידע זייטן די אַלע געבויגן עלאַסטיש, פאַר־שטעלנדיק דאָס ליכט. בוים אין בוים געשלאָסן, ווי אין סודותדיקער באַהעפטונג, און אַרום אונדז איז געוואָרן אַ טונקעלע, וואַרעמע, גע־שלאָסענע אַטמאָספער. אַ ווײַלע האָט זיך געדאַכט, אַז מען געפינט זיך אין דער אַלטער היים, אין פּאָליעסיער שטעטל. יאַנקל דער בעל־עגלה, פירט אונדז מיט זיין ווייסן פערד ביינאַכט און חלומט אַריין אין זיין טיפער בויד, אַז באַלד, באַלד, וועלן מיר קומען אין שטעטל אויף פּסח און אַריינפאַלן אין די אָרעמס פון טאַטע־מאַמע — — —

נאָר אָט האָט זיך פּלוצים אָפּגעדעקט אַ ווינקל־צווייג און אַ ליכט־שטראַל האָט זיך אַריינגעגנבעט, מיטשלעפּנדיק מיט זיך אַ גאַנצן סנאָפּ ליכט, וואָס האָט באַלויכטן דעם אַרום, צוזאַמען מיט די אויפלויכטנדיקע פּנימער. די געדיכטע קוסטעס האָבן אָפּגעאָטעמט, באַפרייט זיך פון ענגער פאַרדעקונג. גרינע פעלדער, פאַרזייטע מיט כלערליי גרינוואַרג, האָבן צו אונדז אַרויסגעקוקט מיט טויזנט בלישטשענדיקע אויגן פון אַ פאַרביקן רעגנבויגן, וואָס האָט גערייצט, געשמייכלט מיט דער שפע פון זאַטקייט און אחדותדיקער פרידלעכער שלוה.

ביי דער אַנדערער זייט פון פעלד האָבן די פּרוכט־גערטנער פון מאַראַנצן, אשכוליות און קלימענטינעס געוויגט זיך אין גאָלד, ווי די פרילינגדיקע בריסטלעך ביי יונגע, טאַנצנדיקע מיידלעך. און דאָרט אַרויף־צו האָבן זיך געבויגן רוקנס פון אַרבעטנדיקע מחנות אין קורצע, כאַקי־הייזלעך. טראַקטאָרן האָבן געפּייפט, שטיקער שוואַרצע ערד האָבן געאָטעמט מיט יאָדערדיק־זאַפטיקער פייכטקייט, מיט שווייס פון די צע־ברוינטע אַרבעטער־לייבער, די תושבים פון תל־מונד.

אַ צויבער האָט באַגאָסן די גרינע פעלדער, ווי מיט גאָטס־אָטעם. דער גאָט, וואָס רוט ביים אַרבעטנדיקן יידישן פויערים־פאָלק, וואָס קושט

זיינע מידע מאָזאָליעדיקע הענט און בענטשט זיין ברויט און זיין פעלד, זיין קינד און זיין פאָלק אויף דער אייגן־פאַרפּראַצעוועטער ערד, אין זיין היימלאַנד, אין מדינת ישראל.

יידן בויען

איבער אַ בלומיקן גאָרטן אין מרכז הויבט זיך אויף אַ שטיינערנע סטאַטוע פון אַ מאַן, מיט הענט געהויבן צום הימל, מיט אויגן פול מיט תפילה צו די אָפענע ווייטן פון די עבר־הירדן בערג.

איינגעוואָקסן איז די שלאַנקע סטאַטוע אין אַ רונדער פיינער באַר־יערע, וואָס פירט אַראָפּ אין גאָרטן אַריין מיט טרעפּלעך פון אַלע פיר זייטן.

דאָס קונסט־ווערק האָט געשאַפן די סקולפּטאָרין פון ארץ־ישראל, בתיה גלישאנסקי. דערמיט האָט זי פאַראייביקט דעם בראשית פון תל־מונד, דעם ציוניסט־פּיאָנער פון ענגלאַנד — סער אלפרעד מאָנד (לאָרד מעלטשעט), וואָס סימבאָליזירט די געשיכטלעכע אַנטשטייונג פון דעם ישוב.

אין יאָר 1929 האָט דער לאָרד, טרוימענדיק וועגן דער התישבות, געזאַמלט געלט אין אויסלאַנד, אויסגעקויפט ביי די אַרומיקע אַראַבער די ערד און געשאַפן די ערשטע געזעלשאַפט „מטעי ארץ־ישראל”, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פלאַנצן פּרוכט־גערטנער — פרדסים און אויפשטעלן ישובים.

צו דער חברה האָט אויך געהערט די משפחה זיוו, מיט איר פּראָמי־נענטער פאָרשטייערין, רבקה זיוו.

די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט פון אומעטום ווערבירט אַרבעטער און די זעלבע פּועלים, מיט אַ סך אַנדערע יידן, האָבן אויסגעקויפט די ערד. נאָך פיר־פינף יאָרצענדליקער, האָבן חלוצישע שוויס, געשאַפן אָט דעם פיל־פאַרצווייגטן, וווּנדערלעכן ישוב, וואָס טראָגט היינט דעם נאָמען תל־מונד.

ווי אַ מאַמע מיט קינדער, האָט זיך משפחיש איינגעטיילט און זיך צעוואָקסן דער צענטער מיט די אַרומיקע דערפער.

האָט טאַקע דער ישוב צוויי פאַרוואַלטונגען: המועצה המקומית — תל־מונד און המועצה האיזורית — הדר השרון.

די באַפעלקערונג דאָ איז אַ געמישטע: ותיקים פון דער דריטער עליה, צוריקגעקערטע נאָכן לעצטן חורבן פון אונדזער פאָלק און עדות המזרח, וואָס שטאַמען פון צוועלף לענדער און אַרבעטן ביי אַגריקולטור און זענען געשיקט געוואָרן פון שירות התעסוקה אין די פאַרצווייגונגען פון אַרומיקע שטאָטישע פאַבריקן. אָט די אַלע זענען די איינוווינער פון מושבה תל־מונד.

די מושבניקעס פון די אַרומיקע דערפער זענען איינגעפונדעוועטע בעלי־הבתים מיט אייגענע פרדסים, וואָס רינגלען דאָ אַרום מיט דער שפע פון הונדערטער דונאַם פרוכטבאַרן באָדן. זיי אַרבעטן אַליין טאָג און נאַכט און באַשעפטיקן אויך געדונגענע אַרבעטער.

דאָרט, אינעם פאַרכישופטן ווינקל פון לאַנד, געפינען זיך, ווי פאַר־שטעקטע ליכטיקע פערל, צווישן די אַלטע און נייע באַזיצער, געמישטע משפחות פון דער אַלטער היים — פון פוילן, ליטע, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן געשפּרודלט מיט דער פרייד פון צוואָקסענע טויזנטער יידישע קהילות, צעזונגענע מיט זכרונות פון חריפות, התמדה און עשירות, מיט יחוס און טראַדיציע, מיט רעוואָלט און אויפגאַנג, מיט חלוציזם, שטאָלצן, געזעלשאַפטלעכן חוש, מיט גרויס־מענטשלעכער דערהויבונג צו קולטור, צו ליכט און צו וויסן...

אָט די קדושה האָבן די נאַצישע רוצחים נישט געקענט צונעמען פון די מיליאָנען קדושים, די ירושהדיקע קדושה, וואָס באַקרוינט זיי און שטראַלט אַרויס פון אָט די אַרבעטזאַמע ישובניקעס, וואָס זענען ווי קינדער איינגעזויגן אין דער מאַמע־ערד, יידישער ערד, באַהויכט מיטן יידישן ניגון און וואַרעמער ליבשאַפט.

דאָ באַגעגנט מען זיי, די יידישע אינטעליגענץ פון די גרויסע יידישע ישובים, יידישע קולטור־צענטערספּ, וואַרשע, ווילנע, פונעם געבילדעטן

אַרבעטנדיקן ביאַליסטאָק און פון דעם חסידישן, רעוואָלוציאָנערן פּינסק.

מיט צער קוקט מען אויף זייערע, פאַר דער צייט גרוי־געוואָרענע קעפּ, און אויף דער טיפער בענקשאַפט אין זייערע נאָך־חורבנדיקע געמיטער. זיי, וואָס באַדינען דאָ דעם דערציונגס־וועזן, אַרבעטן אין די משרדים, אין די בענק און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. מען זעט זיי אַלע, ווי זיי זאַמלען זיך פרידלעך, חבריש, ביי פאַמיליע יום־טובים און ווי וואַרעמע כוואַליעס שטראָמען היימישע פאָלקס־לידער און זכרונות; עס פלייצט פון זייערע פאַריתומטע הערצער בענקשאַפט צום פאַרגאַנגענעם און פּראָטעסט פאַרן באַגאַנגענעם, אָבער צוזאַמען מיט דעם שטראַלט אַרויס אַ גרויסע האָפענונג, אַז צוזאַמען מיט זייערע נייע משפחות, דאָ, אויף דער אייגענער ערד, גייט און ווערט דערצויגן אַ נייע פּראָדוקטיווע; יידישע געזעלשאַפט.

יידישע פויערים פון שרון

אינעם ווייסן, זויבערן, קולטור־הויז פון כפר הס פייערן די עלטערן, אין זייער אייגענעם לאָקאַל, דעם גרויסן דערלעבטן יום־טוב פון זייער איינבירגערן זיך אין אייגענעם דאָרף פון מדינת ישראל.

דאָס מאָל געהערט דער יום־טוב, אויסשליסלעך, די אַזוי גערופענע זיידעס און באָבעס, די זקנים פון דאָרף.

כפר הס איז אַ דאָרף פון דעם עלף דערפער־קרייז, וואָס רינגלט אַרום דעם בלאָק תל־מונד און זיי, אַלע צוזאַמען, געהערן צום געבענטשטן שרון, וואָס זיין גאַנצע לענג און ברייט פון הונדערטער דונאַם באַדן באַפרוכפּערטע, איז באַאַרבעט דורך די אייגענע מושבניקעס, די דאָרפס־איינוווינער...

מוראדיק, טיף־טראַגיש און העראָיש איז די אַלגעמיינע סאָציאַלע און קולטור־געשיכטע פון די יידישע שרון־פויערים. דאָך האָט יעדעס דאָרף זיין אייגנאַרטיקע פאַרגאַנגענהייט און זיינע לעבנס־פּראָצעסן...

ביי די סערווירטע, מיט ישראלדיקע משקאות, טישן, זיצן צוזאַמען די אָרטיקע מיט די איינגעלאַדענע געסט און שמועסן זיך געמיטלעך.

די אויסגעהאָרעוועטע, פאַרגרויטע מאַמעס און באָבעס מיט ציכטיקע קליידער און ענערגישע פּנימער, האַלטן אין איין צוברענגען צו די טישן גוטע שפּייזן, פאַרשידענע פרישע פרוכטן פון די אייגענע פרדסים און שמייכלען צו יעדערן וואָרעם און חבריש...

אַרום און אַרום, ביי די זייטן, האַלטן אין איין אָנקומען די יונגע דורות, קינדער און אייניקלעך: יונגע, געזונטע, שיינענדיקע, ווי געדיכטע זאַפטיקע צווייגן... און די קליינע קינדערלעך, די פּרעכטיק־צעוואָקסענע סאַברעלעך, מיט די ראָזע, יאַדערדיקע פּנימלעך, בליענדיקע בעקעלעך און שטראַלנדיקע שטיפערישע אויגעלעך — קוקן אַלע אַהין, צו די יומטובדיקע זיידעס און באָבעס, מיט די פאַרגרויטע קעפּ און פאַרטראַכטע געזיכטער...

עס הויבן זיך אָן די באַגריסונגען. עס רעדן אָרטיקע און איינגע־לאַדענע געסט. בעיקר פאַרשטייער פון קרן קימת. יעדער אויף זיין אופן.

דער אָרטיקער סעקרעטאַר גיט איבער דעם טעטיקייטס־באַריכט, אין וועלכן ער שטעלט זיך אָפּ אויפן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטורעלן מצב, אָנווייזנדיק אויף דעם אַלגעמיינעם יש פון אַלע פאַרצווייגונגען. אַנדערע חברים האָבן אויספירלעך דערציילט וועגן די חבלי לידה פונעם אָרטיקן אויפבוי־ווערק. צו אַלע אַרויסטרעטונגען האָט מען זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

אַ באַזונדערס רירנדיקן איינדרוק האָט געמאַכט די באַגריסונג פונעם לערער און יוגנט־דערציער, צ. ז. ווייַנבערג, אין וועלכער ער רעדט וועגן די אויפוואָקסנדיקע דורות. מיט שטיקנדיקע טרערן דערמאָנט ער זיינע טייערע תלמידים, וואָס זענען געפאַלן פאַר דער באַפרייונג פון ישראל און אין שוץ פון זייערע דערפער. די עלטערן פון די געפאַלענע העלדן ברעכן אויס מיט אַ געוויין, ווען מען באַערט, מיט אויפשטיין, זייער הייליקן אָנדענק. דוכט זיך, אַז אַלע זענען זיי זיך צענויפגעקומען און זייערע יונגע צאַפּלדיקע נשמות שוועבן דאָ מיט זייער מוט, גבורה און מסירת נפש... אַ הייליקער ציטער האָט אַלעמען אַרומגענומען...

איך קוק אַריין אין די תמימותדיקע, ערלעכע אויגן פון די עלטערן, אין די צעאַקערטע פּנימער, אין די טיפע קנייטשן, ווי שורות פון לעבע־

דיקער געשיכטע, אין די געדיכט־וואַלדיקע ברעמען, ווי מידע חלומות, און איך דערקען זיי, די יידישע פויערים. אומעטום זענען זיי פאַרטראָטן און אין פאַרשידענע פאָרמען, פאַזן און צייטן זעען מיר זיי צעשפּרייט ביים זון־אויפגאַנג איבער די פעלדער פון ישראל, אין זייערע ווייסע גופיות און קורצע כאַקי־הייזלעך, אויף די טראַקטאָרן מיט די ברייטע, שטרויענע קאַפּעליושן, מיט גראַבאייזנס, גלעטשערס און גאָפּלען; זיי בויגן זיך, קניען אין ברענענדיקן חמסין, פאַרזייענדיק זייער שווייס און פראַצע מיט אמונה און ליבשאַפט צו דער יידישער ערד. און בעת דעם קורצן פויזע־אָפּרו, ווען איר זעען דעם יידישן פויער זיך באַ־העפטן מיט ביאַליקס אַ בוך, מיט ביכער פון י. ל. פּרץ, ל. נ. טאָלסטאָי, מאַקסים גאָרקי, צי אַלעקסאַנדער פושקין. דאָס זענען דאָך די געוועזענע סטודענטן פון רוסלאַנד, פון פוילן און פון ליטע, די היינטיקע חלוצישע מושבניקעס, וואָס פאַראייניקן זייער אינטעליגענץ, זייער וויסן מיט דער פיזישער האַרעוואַניע, וואָס גייט אויף מיט דער ברכה פון דער יידישער מאַמע־ערד.

ווען מען זעט זיי פאַרבייפאָרנדיק, אין רעגנס און שניידנדיקע ווינטן, מיט די צעדרייטע אַלטע קאַפּעליושן, אין די אַלטע פעלד־מאַנטלען, ארומגעגאָרטלט מיט שטריקלעך אַרום זייערע לענדן, דוכט זיך, אַז דאָס זענען וואַנדערער פון ערגעץ אַ דזשונגל... דרייען זיי אָבער אויס צו אייך זייער וויכן, גוטמוטיקן פּנים, איז יעדער פון זיי, אַ טוביה דער מילכיקער!...

אַט זעט מען זיי ביי די עונג־שבת־טישן מיט די ווייסע ציכטיקע בלוזעס, מיט נשמה־יתרה פּנימער, מיט דער גאַנצער קדושה פון קולטור און רוח־הקודש...

איר זעט זיי אין שול־אַנשטאַלטן, איר הערט זיי ביי מיטינגען, בעת זייערע אַרויסטרעטונגען אין הסתדרותישע ראטן, איר טרעפט זיי אויף דער בינע, אין פאַרלאַמענט און אין שליחותן אין אויסלאַנד.

גלייך ווי די קיבוצניקעס, פירן די יידישע פויערים זייערע פּרדסים־פּרוכטן און פילן אָן די שטאָטישע מערק מיטן האָב און גוטס פון זייערע

פאַרמעגנס, וואָס זעטיקן די הונדערטער טויזנטער איינוווינער פון די שטעט.

די לוויה פון רבקה זיוו ז״ל

עס ציען זיך פּאַמעלעך לאַנגע שורות אין כל מיני זיגזאַגן: ווייסע, גרינע, געלע, ברוינע און שוואַרצע טעקסיס מיט נומערן און נעמען פון פאַרשידענע געזעלשאַפטן און פירמעס פון לאַנד און פון אויסלאַנד; זיי טראָגן זיך אַהער פון אַלע ווייטע כבישים פון לאַנד מיט דעלעגירטע פרויען־פאַרשטייערינס פון וויצ״א, כדי צו באַגלייטן צו איר אייביקער רו די פאַרשטאָרבענע עלטסטע פירערין פון דער יידישער וועלט־אָרגאַני־זאַציע וויצ״א, רבקה זיוו ז״ל.

גרויסע נעקראָלאָגן אויף אַלע פּלויטן און טעלעפאָן־סלופּעס לענגאויס דעם וועג צום „ארמון זיוור״, וואָס איז באַוואָקסן מיט סאָסנע־וואַלד און אַרומגערינגלט מיט געדיכט־באַפרוכפּערטע הונדערטער דונאַם ציטרוס־פרוכטן.

נאָך די אויטאָס און טעקסיס גייען נאָך און שטראָמען, ביי די זייטיקע וועגן און שטעגן, די איינוווינער פון די אַרומיקע דערפער, וואָס געהערן צו תל־מונד און פון די אַרומיקע מושבים, וואָס זענען צעשפרייט איבער דער אָפּענער רחבות פון דער אַרומיקער געגנט.

די אָנטיילנעמער אין דער לויה זענען פאַרשידענע. יונג און אַלט, פרויען און מענער, מזרח און מערב, פון אַלע אָרטיקע שיכטן. אָבער מערסטנטיילס זענען צווישן זיי ישובניקעס, ערד־אַרבעטער.

אַ שטילער גערויש פון די פאַרערס און אַ דרך־ארצדיקער געמורמל פונעם זייטיקן עולם, וואָס שפּרינגט איבער די שטעגן — מען פרעגט און מען ענטפערט גלייך:

— אַזאַ זכיה! אַזאַ פאַלק!

— זי איז עס אָבער ווערט!

— ווער איז זי דאָס אַזוינס? דער פויפּסט פון די פויפּסטלעכע?!...

— וואָס פרעגט איר? דאָס אַלץ איז דאָך אירס: איר ערד, אירע פרדסים און אירע בנינים!

איינער אַ פּולער, אַ רונדיקער, מיט אַ פרישן פּנים, בלאָנדע האָר און אַ פּאָר צעעפנטע בלויע אויגן, באַטראַכט דעם צווייטן, וואָס איז העכער און מאָגערער פון אים און זיין געזיכט איז אַ בלאַס, אַן איינגעפאַלנס. זיין מאָדנער סאַרקאַסטישער קנייטש אַרום זיין שמאָלן, ענערגישן מויל און די טיף־אַריינגעזעצטע טונקעלע אויגן איבער די פּאַר־שפּיצטע קין־באַקן האָבן זיך פייערדיק צעגליט:

— וואָס באַדייט עס „איר ערד״? די ערד געהערט צו גאָט, גאָט האָט די ערד געשענקט אַלע מענטשן גלייך! בישט נאַר איר, וואָס עפּעס דיינע, מיינע?...

— אָבער — האָט דער צווייטער פּראָטעסטירט און אָנגעשטעלט אויף אים זיינע גלויביקע לויכטנדיקע אויגן — מיט מיליאָנען פונטן האָט דאָך די משפּחה זיוו אָפּגעקויפט ביי די אַראַבער דעם באָדן דאָ!

ס׳איז געוואָרן אַ געדראַנג. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ארמון זיוו.

צווייז האַלבע, אייזערנע טויערן האָבן זיך אויפגעעפנט און פאַר אונדז האָט זיך אַנטפּלעקט די פּראַכט פונעם פּאַלאַץ־גאָרטן.

אַ לאַנגע, געדיכטע וואַלד־אַלעע פון ציפּרוס־ביימער האָט אַריינגעפירט אין טיף פונעם וווּנדערלעך־צעוואָקסענעם פּאַרק. אַ קליינער פאָנטאַן מיט אַ דריי מיילערדיקן פיש־מויל האָט געשפּריצט פּריש וואַסער אין אַ שטיינערנעם בעקן. פון ביידע זייטן פאָנטאַן — פונעם אַריינגאַנג ביז די ברייטע טרעפּ צום צוויי־שטאָקיקן פּאַלאַץ־בנין — איז אויסגעשטעלט אַ קינדער־וואַך פון די אָרטיקע שול־קינדער.

אויף יענער זייט טויער האָבן זיך געצויגן אויף אַ שטח פון אַ פּאָר קילאָמעטער הונדערטער טאַקסיס. אינעווייניק, דורך דער קינדער־וואַך, האָט אַריינגעשטראָמט דאָס גרויסע געמישטע פּובליקום און זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי. דערנאָך פּאַמעלעך זיך גערוקט טיפער אין גאָרטן אַריין, צום פאַסאַד פון בנין. אויף דער הויכער וועראַנדע איז געשטאַנען

דער אָפּענער ארון פון דער נפתרת. נעבן אים, אַן ערן־וואָך פון אירע אידעאיש־נאָענטע הברים.

פון דער ווערא.ּנדע, אַרויף און אַראָפּ, האָבן זיך געצויגן צענדליקער הויכע ענגלענדער אין זייערע גלאַנציקע צילינדערס און קליינע, הכנעהדיקע תימנער; עלעגאַנט־געקליידטע דאַמעס פון דער העכערער געזעלשאַפט ביז פּרימיטיווע, גוטע אַרבעטער־מוטערס פון די עדות המזרח.

מען זעט דאָ פלאַמיקע מזרח־אויגן, סאַברישע שוואַרץ־געלאָקטע קעפּ און שטילע, צניעותדיקע פּנימער פון כשרע יידישע טעכטער... אויך אייראָפּעאישע יידן, אַמאָליקע אינטעליגענץ, און היינטיקע פּולבלוטיקע מושבניקעס, מיט זוניק־פאַרברוינטע פּנימער, ווייכע בליקן און גרויסע האַרעפּאַשנע הענט. די ריי באַוועגט זיך און אַלע זענען שטיל, ווי אַ מוראדיק שטילער סוד וואָלט זיי איינגעהילט אין אַ שטומען, פאַר־פרעסטן אומעט...

נאָר אָט האָט זיך דערנענטערט אַ גרופּע יונגע שפּיטאָל־שוועסטער, אין ווייסע פאַרטוכער און טשיפּיקעס אויף די געלאָקטע חנוודיקע קעפּ. ווי אַ ליכטיקע לעבן־כוואַליע האָט אַ ווייע געטאָן איבער די באַטריבטע געמיטער און מען האָט זיך גענומען אַרומקוקן.

דער גאַנצער בנין איז געווען כמעט געשלאָסן און איינגעהילט אין שוואַרצע טרויער־פענער. אַרום האָט זיך ווייט און ברייט געצויגן דער פאַרבן־רייכער גאָרטן, פול מיט יונגע קוסטעס און אַלטעביימער פּיקוסן און אויך מיט פאַרשידענע וואַזאָנען, וואָס האָבן ווי אויסגעשטרעקטע הענט געריפן פון אַלע ווינקלען. פּרעכטיקע בלומען האָבן צעגאָסן זייערע באַרוישנדיקע אַראָמאַטן. דאָס פּובליקום האָט גרופּנווייז אָבער שטיל, ווי אויף די שפּיץ־פינגער זיך אַוועקגעלאָזט איבער די גרויסאַרטיק געפלאַס־טערטע שטעגן, וואָס האָבן געפירט צווישן די רעגנבויגנדיקע בלומען.

צייטנווייז האָט זיך עמיצער איינגעבויגן פאַכמענעריש און באַוווּנ־דערט יענע האַנט, וואָס האָט געקענט אַזוי קולטיווירן און פלעגן דעם ווונדערלעכן בלומען־היכל, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט פּרוכטיקע פּרדסים.

איצט, אין דער פאַרצערטער שעה, דוכט זיך, אַז די אַלע געצערטלטע

צמחים האָבן זיך ענגער צוזאַמענגענומען און שאָקלען אויס דעם טרויער מיט זייערע בלומיקע קעפלעך, ווי פאַרלאָזטע יתומים... און דער גרע־סערער פאַנטאַן פון גאָרטן טרערט און טרערט...

ביים ארון געזעגענען זיך מיט דער נפטרת, אין איר לעצטן וועג, די נאָענטע משפחה און שפעטער פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פאַר־שטייערשאַפטן. יעדער איינער רעכנט אויס די מעשים־טובים פון רבקה זיוו, די גוואַלדיקע פאַרדינסטן פון דער דאָזיקער טיכטיקער יידישער פרוי, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג געוואַנדערט און איבער פרעמדע לענדער אַגיטירט, געזאַמלט פאָנדן, כדי אויסצולייזן באָדן און צו בויען בנינים און אַנשטאַלטן.

אַ וואַלד מיט בלומען־קרענץ האָט באַגלייט דער נאָבעלער פרוי צו איר אייביקער רו.

אַ גרויסע און הייליקע שליחות
(מגן דוד אדום אין כפר סבא און אין תל־מונד)

אין גרויסן זאַל פון וויצ״א, אויפן נאָמען פון רבקה זיוו, קומען שטענדיק פאָר אַלגעמיינע אימפּרעזעס, רעפעראַטן, ליטעראַרישע אָוונטן און פאָלקס־פייערונגען. חוץ דעם, קומען פאָר פאַרשידענע קורסן פון קאָכן, באַקן, צושניידעריי, ספּאָרט און ענגליש.

פאַרזאַמלען זיך די אָרטיקע פרויען־אָרגאַניזאַציעס: וויצ״אָ און אַרבעטנ־דיקע מוטערס (אמהות עובדות) און הערן זיך פלייסיק צו צו די לעקציעס וועגן ערשטער מעדיצינישער הילף.

דער פאַרזאַמלטער קאָלעקטיוו איז אַ פאַרשידנאַרטיקער: יינגערע און עלטערע מיט שפורן פון פאַרגאַנגענער שיינקייט און מיט צייכנס פון אַ סך שווערע עבר־נסיונות...

די יינגערע פון אַלע אָרטיקע און ווייטערע עדות פון פאַרשידענעם אָפּשטאַם האָבן זיך אויסגעמישט און דערצויגן געוואָרן אין געמיינזאַמען אויפשטייג, ווי דער מיזוג גליות איבערן גאַנצן לאַנד, פיזיש און גייסטיק. די ענערגישע פנימער און ברוינע אַרבעטער־הענט זאָגן עדות וועגן זייער

איינגעוואָרצלטקייט, וועגן זייער מיזאַמער, דאָרפישער פּראַצע, וועגן זייער נישט לייכט לעבן. אָט זיי אַלע האָבן זיך גערן איינגעגלידערט אין די קורסן פון ערשטער מעדיציניששער הילף.

מיט וואָס פּאַר אַ פלייס און געהאָרכזאַמקייט זיי הערן זיך צו צו דער לעקציע! און ווי וויליק זיי רעפּעטירן איינע מיט דער צווייטער! זיי באַמיען זיך אַלץ צו פאַרגעדענקען, כדי עס זאָל זיי נוצן ביי פאַרשידענע אומגליקס־פאַלן, דאַן ווען עס וועט זיין נייטיק זייער הילף...

שטיי איך און איך טראַכט: וועלכע איז די קראַפט, וואָס האָט זיי אַזוי באַאיינפלוסט, כדי צו לויפן אַנטקעגן מיט דער ערשטער הילף?!...

דאָס איז זיכער צו פאַרדאַנקען דער לעקטאָרין פון מגן דוד, דער זייער סימפּאַטישער פרוי, הילדע נצח, וואָס האָט זיך באַליבט געמאַכט מיט איר צוגאַנג צו די דאָזיקע איבערגעגעבענע פרויען, וואָס האָבן דער־פילט דעם רוף פון פאָלק, וואָס פאָדערט אויספירן דעם פאַרהייליקטן געבאָט: „ישראל ערבים זה לזה"; שטיין אויף דער וואַך און העלפן איינער דעם אַנדערן.

*

שילערינס זענען געקומען אָפּנעמען די צייגענישן פון די פאַרענדיקטע קורסן. רואיקע, גוט געשטימטע, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אינעם לעק־טאָרן־זאַל, וווּ די ווענט זענען פול מיט פּראַקטישע אילוסטראַציעס און פאַרשידענע אָנווייזונגען פאַר גיכער מעדיציניששער הילף.

ווען אַלע שילערינס האָבן זיך צענויפגעזאַמלט, האָט דער דירעקטאָר פון מגן דוד אדום, משה דנאי, איינגעלאַדן די פאַרזאַמלטע און מיט זיי צוזאַמען געגאַנגען איבערן גרויסן בנין, אָפּגעשטעלט זיך אין יעדער אָפּטיילונג באַזונדער, געגעבן אויפקלערונגען וועגן דער פאַרטיילונג פון די פאַרשידענע פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן. באַזונדערס האָט מען באַוווּנ־דערט די כלערליי מכשירים, וואָס שטייען צו זייער דינסט: עלעקטראָנישע מאַשינען, רערן, גומענע שווים־בויגל, אַמבולאַטאָריע־טישן, עלעקטרישע קישעלעך און אַנדערע מאָדערנע כלים.

דורכגייענדיק דעם הויף, וואָס איז פול מיט אַמבולאַנסן, איז מיר קלאָר געוואָרן, וואָס פּאָר אַ גרויסע און הייליקע שליחות עס טוט דער מגן דוד אדום, וואָס שטייט אומדערמידלעך פאַרבונדן מיטן גורל פון דער באַפעלקערונג, כדי צו קענען געבן איר די ערשטע, מאָמענטאַלע מעדיצינישע הילף אין דעם דרומדיקן שרון.

אַ באַזוך אין שפּיטאָל ,,מאיר״

באַרג־אַרויף פון דער שטאָט כּפר סבא, הויבט זיך אויף אַ ברייטער, העלער, פינף־שטאָקיקער בנין, וואָס קוקט זיך צו צו די געדיכט־פאַרבויטע ישובים אינעם בליענדיקן שרון.

צום פראָנט־איינגאַנג ציען זיך די הויפּט־כּבישים, געפּלאַסטערטע טראָטואַרן אין נעמען אַרום דעם גרין־באַגראָזטן שטח.

ביי דער זייט פון אַלע שטאָקן הענגען לאַנגע טעראַסן, ווי שוועבנ־דיקע פליגלען פון אויסטערלישע פויגלען. דער גאַנצער פּלאַץ אַרום זעט אויס, ווי אַ געפלאָכטענער קראַנץ אַרומגענומען מיט פאַרשידנפאַר־ביקע מאַשינען, טעקסיס, וועספּעס און ראָווערן, וואָס קורסירן אומאויפ־הערלעך אַהין און צוריק.

נאָך די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון מעד־פּערסאָנאַל, וואָס בייטן זיך לויט דער ריי, קומען פּאַציענטן, וואָס ווערן געבראַכט פון מגן דוד אַמבולאַנסן, אָדער מיט טעקסיס אין שפּיטאָל אַריין פון אַלע אַרומיקע שטעט און דערפער מושבים.

איבערן גאַנצן אַרומיקן שטח הערשט אַ פילזייטיקער גערויש. טראַ־געדיעס, אומגליקן, וועג־קאַטאַסטראָפעס און סתם צרות, קאָן מען דאָ זען לרוב. די ווייכע זומער־לופט ציטערט מיט ווײ־געשרייען, מיט קרעכצן, ספּאַזמעס און געוויין, וואָס רייסן זיך מיט געבעט: העלף, ראַטעווע, דאָקטאָר!

אין פאַרצווייפלונג ווערן די אומגליקלעכע אַריינגעפירט דורך די שפּיטאָל־בירדער, אין באַגלייטונג פון זייערע נאָענטע, אויף טראָג־בעט־לעך, אויף וועגעלעך אין קאָנטראָל־צימער.

פון דער צווייטער זייט שפּיטאָל איז גאָר אַן אַנדער אַטמאָספער. דאָ איז לעבעדיק, פריילעך, מיט גליקלעכע פּנימער נעמט מען דאָ אָפּ

די געזונט־געוואָרענע קינדער, עלטערן, כלות, זיידעס, באָבעס און סתם פרייַנד. מ׳קושט זיך, מ׳האַלדזט זיך מיט פרייד־אויסגעשרייען: צוריק געקו־מען פון יענער וועלט! איבערגעבנדיק מיט דאַנקבאַרקייט בוקעטן בלומען די דאָקטוירים און דעם שוועסטער־פּערסאָנאַל.

אָט אַזוי ליידיקן זיך ביסלעכווייז אויס די פיר הונדערט בעטן פון די אָפּטיילונגען: די כירורגישע, אָרטאָפּעדישע און פאַר אינערלעכע קראַנקהייטן. און די פריש־געבראַכטע קראַנקע פאַרנעמען זייערע בעטן.

שטייט דער שפּיטאָל „מאיר" אין אייביקער באַוועגונג. פון ביידע זייטן טוליען זיך צום שפּיטאָל, ווי קינדער צו אַ מוטער, צוויי באַזונ־דערע בנינים. רעכטס די שוועסטער־שול, וווּ שילערינס פון פאַרשידענע פּראָווינצן לערנען דאָ, וווינען אין אינטערנאַט, פּראַקטיצירן און אַרבעטן אין שפּיטאָל. פון דאַנען גייען אַרויס אויך יונגע קאַדרען, פאַר אַנדערע שפּיטעלער אין לאַנד.

פון דער צווייטער זייט ענדיקט זיך אויס אַ בנין פאַר אַ קינדער־אָפּטיילונג. לאַנגע קאָרידאָרן פירן אַריין צו דער אינעווייניקסטער וועלט פון שפּיטאָל. אין דער זייט פון די קאָרידאָרן — ביי יעדן אָפּטייל, עפענען זיך קוואַדראַטנע ווינדעס, וואָס פירן אַרויף און אַראָפּ. אין דער מיט פון די קאָרידאָרן, אַ צעעפנטער עס־זאַל מיט סערווירטע טישן, באַשטעלטע מיט בלומען, פאַר די, וואָס גייען שוין אַרום.

נאָכן עסן בלייבן אַ סך מאָל די פּאַציענטן זיצן ביי די טישן — ווער עס שרייבט אַ בריוו אַהיים, ווער עס לייענט אַ צייטונג, סטודענטן מאַכן זייערע לעקציעס, מאָלער צייכענען עפּעס און שרייבער נאָטירן.

מחלקה פנימית א.

דער פינפטער, דער העכסטער גאָרן, איז דער ערשטער אינערלעכער אָפּטייל. דאָ שוועבט קילע, זויבערע לופט, וואָס שמעקט נאָך מיט נאָכ־טיק־שטערנדיקער פייכטקייט, איבער די בלאַנקנדיקע שורות בעטן פון שווער קראַנקע. פאַרשלאָסענע אָטעמען זיי שווער און טיף מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי פאַרטאָן אין דער וועלט פון זייערע פיזישע יסורים. אַנדערע באַ־

וועגן מיט די הענט גראַבלענדיק זיך בלינד אין דער לופט, ווי זיי וואָלטן זיך געראַנגלט מיט אַ שווערן שטומען קאָשמאַר־חלום.

אַ פאַרשטיקטער כריפ פון אַ האַרץ־קראַנקער, עלטערער פרוי בלאָנ־דזשעט אַרום אין דער טונקלקייט, ווי אַ רוף. קומט צו לויפן די שוועס־טער, בויגט זיך איבער, פאַרריכט די דעקע אַרום איר און גיסט איר אין מויל אַריין עפּעס דערקוויקנדיקס און די קראַנקע דרימלט איין.

פון קאָרידאָר דערגייט אַ שטיל געשעפּטש — דרינגענדיק מוז מען אַרויסרופן דעם דעזשורנעם דאָקטאָר צו אַ שווער־קראַנקן, וואָס ליגט אין ערשטן חדר...

ווייטער אַראָפּ־צו פון יענער זייט פעלדער, האָט זיך אויפגעהויבן דער יונגער פרימאָרגן און באַלויכטן מיט פרישקייט דעם מיד־דרימלענ־דיקן בנין, וואָס האַלט אין זיינע אָרעמס די אומגליקלעכע, פיזיש־צע־בראָכענע מענטשן; זיי מאַטערן זיך אַ גאַנצן מעת־לעת אין זייערע ענגע ד׳ אמות — אין בעט...

די לאַנגע קאָרידאָרן דערוואַכן מיטן גערויש פון באַוועגונג. יעדער פון פערסאָנאַל שפּאַנט זיך ווירדיק איין אין זיינע פליכטן. און פליכטן זענען פאַראַן אָן אַ סוף.

פון די אַרומיקע יונגע שיכונים הויבן זיך אויף צעשמעקטע בלומיקע דופטן. די נידעריקע בלויע זומער־הימלען, האָבן אַריינגעשיקט גאָלדיקע זון־שטראַלן, ווי וואַרעמע מאַמישע הענט און זיך אויסגעשפּרייט איבער די קראַנקע, אַרומגענומען זייערע צעפלאָשעטע קעפּ און צאַרט געגלעט די בלאַסע איינגעפאַלענע פּנימער. דערוואַכן זיי, ווי הילפסלאָז באַוועלטע קינדער מיטן גערויש פון שטילע קרעכצן און פאַמעלעך עפענען זיי די פאַרזונקענע אויגן אין טיפן ווייטיקדיקן יאוש און זוכן דעם ערשטן שפּיטאָל־פריינד — די שוועסטער.

דער קראַנקער, אין וועלכן עלטער ער זאָל נישט זיין, ווערט דאָ זייער בערוועז, די נאָענטע בעטן מיט די ליגנדיקע אומבאַקאַנטע קראַנ־קע, זייערע פאַרשנדיקע בליקן, פאַרשעמען און דענערווירן זיין שווערן געמיט און סטוערט אים עפּעס אומהיימלעך.

קאָמפּליצירט און אַלזייטיק איז די פליכט פון דער קראַנקנשוועסטער.

די שוועסטער, מיטנעמענדיק מיט זיך די שול־טעאָריע, מוז אָבער גלייכ־ צייטיק פאַרמאָגן אין זיך פיל אינטעליגענץ, וואַכזאַמקייט, אינטואיציע, פּסיכאָלאָגישן חוש און אומגעהויערן געדולד פאַר די שווערע קאַפּריזן פון די קראַנקע... ווייל ווי אַנדערש עס איז דער כאַראַקטער און געוויסן פון יעדן, אַזוי קרענקלעך זענען די פאָדערונגען פון זייערע שאַרפע קאַפּריזן...

אָט קומט אָן אַ גרופּע שוועסטער — יונגינקע, בלאָנדע, ליכטיק־ שמייכלענדיקע און אויך שוואַרצינקע, מיט טיפע מזרח־אויגן. אויף די שוואַרצע און בלאָנדע קעפּ זיצן קאָקעטיש די ווייסע מיצן, מיט די ווייסע פאַרטוכער. אין ווייסע גומי־שיך שוועבן זיי אָן אין די קאָרידאָרן ווי טויבן און גייען זיך פונאַנדער יעדע אין איר באַשטימטן צימער מיט קראַנקע.

— בוקר טוב! — צעקלינגט זיך די זיסע שטים פון דער שוועסטער, ווי אַ פרייליכע בשורה און אַ שטראָם פון אויפהייטערונג באַלעבט די קראַנקע. עס ווערט זיי היימלעכער.

נאָך דער פרימאָרגנדיקער פאַרפלעגונג פון דער שוועסטער קומט אין דער מחשבה דער דאָקטאָר. ווייל אין דער פּערזאָן פון דאָקטאָר, זעט דער חולה זיין ישועה. אַלע זיינע חלומות, זיינע חושים, ווערן איין געהער, ווערן באַפליגלט מיט אמונה און האָפענונג... דערפאַר זענען די בליקן פון די קראַנקע, אָן אונטערשיד, פרויען אָדער מענער, געווענדט בלויז צום קאָרידאָר, פון וואַנען אַלץ קומט און גייט.

*

אין די אונטערשטע קאָרידאָרן איז אַ גאַנץ באַזונדערע וועלט, מיט וועלכער אַלע שפּיטאָל־אָפּטיילונגען זענען ענג פאַרבונדן. אין באַזונדערע חדרים זענען דאָ איינגעריכטעט די מאָדערנסטע מכשירים — די העכסטע מעדיצינישע טעכניק.

דער ברודער שמואליק איילט זיך מיט אַ שוועך־קראַנקן. א. ציט ווייטער מיטן עלעקטראָקאַרדיאָגראַם (ע. ק. ג.).

די הויפּט־שוועסטער — די טונקעלע, סימפּאַטישע, קליינע ר. גיט שטילע פאַראָרדענונגען און וואַקסט אומעטום אויס... אין דער דאָזיקער געדיכטער איילעניש פון שוועסטער צוזאַמען מיט די יונגע דאָקטוירים אַקטיוויסטן און אַסיסטענטן, וואָס זענען כסדר אין באַוועגונג, הערט מען נישט די טריט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געשווומען איבער אַ שטילן טייך, ווי זיי וואָלטן זיך כסדר געסודעט.

— דער דאָקטאָר גייט! דער דאָקטאָר גייט! — שושקען זיך די קראַנקע.

לייכט און געשיקט איילט פאַרביי די קראַנקן־פּאַלאַטן אַ מאַן אין מיטעלן וווקס, מיט אַ פיין פאַרקעמטן שוואַרץ־גרויען, געלאָקטן, קורץ־געשאָרענעם קאָפּ. פון אונטער זיינע געדיכטע שוואַרצע ברעמען שטראַלן אַרויס טיף־גרויע פיל־רעדנדיקע אויגן. דאָס איז דער הויפּט־דאָקטאָר, ד״ר יאַנקעלעוויטש. פאַר אים ווערן צוגעגרייט די אויספירלעכע באַריכטן וועגן צושטאַנד פון די קראַנקע.

ד״ר מאָסקאָוויטש, מיט זיין ערנסטן פּנים, קוקט אַריין אין דער קראַנקהייטס־קאַרטע פון אַ נייעם חולה; ד״ר אסא דערקלערט פאַר אַ יונגן אַסיסטענט דעם לויף און די אַנטוויקלונג פון אַ געוויסער קראַנקהייט.

אַלע קראַנקע ליגן אין געשפּאַנטער דערוואַרטונג, ווען דער גאַנצער מעדיצינישער קאָלעקטיוו קומט אַריין אין דער שפּיץ מיט ד״ר יאַנקע־לעוויטש. אויף זיין וואַרעמען „שלום!" ענטפערן אַלע שמייכלענדיק און גוטמוטיק און זייערע בליקן הענגען זיך אָן אין דאָקטאָר מיט געבעט און תחנונים...

נאָכן גרינטלעכן אונטערזוכן דעם קראַנקן קוקט אַריין ד״ר יאַנקע־לעוויטש אין די שטריכן פון זיין פּנים און אין גלאַנץ פון זיינע אויגן און שטעלט גלייכצייטיק אין אַ פאַרזיכטיקן היימישן טאָן אַזעלכע פראַגן, דורך וועלכע ער געפינט די שטילע, געהיימע וועגן פון דער נשמה...

צו אַ צווייט בעט טראָגט ד״ר יאַנקעלעוויטש צו אַן אָפן, צעוואַרעמט פּנים. ער זעצט זיך אויפן ראַנד בעט, פאַרפירט מיטן חולה אַ געמיטלעכן געשפּרעך, ווי אַ חבר צו אַ חבר.

נאָר אָט געזעגנט ער אַ יונג מיידל צו איר צוריקקער אַהיים. זי

איז זייער דערפרייט און ער ווידער זאָגט טריומפירנדיק, צעשטראַלט:
מיר זענען דאָך ביידע גלייכע שותפים צו דער שמחה!...

די קראַנקע דערציילן, אַז נאָכן אַלגעמיינעם באַזוך זעט מען ד״ר יאַקעלעוויטשן אין משך פון טאָג אַרומשוועבן איבער די לאַנגע קאָרי־דאָרן, ווי ס׳וואָלט אים אַן אינערלעכער אומרו געטריבן — נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל צו באַזוכן די שווער־קראַנקע.

*

אַ גאַנץ באַזונדערע מתנה פון דער שפּיטאָל־דירעקציע פאַר די קראַנקע, איז די ביבליאָטעק. אַ דאַנק די פרויען פון די נעבנדיקע פּראָ־ווינצן, וואָס האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן צו דער דאָזיקער אַרבעט, באַקומען די קראַנקע אויך גייסטיקע שפּייז.

טראָגט זיך, אויף אַ וועגעלע, אַ וואַנדערנדיקע מיניאַטור־ביבליאָטעק, געפירט פון צוויי פרויען אין ווייסע פאַרטוכער און באַשיידענע פריזורן. זיי בלייבן שטיין ביי יעדן קראַנקן־צימער און אין ווייכן, העפלעכן טאָן לייגן זיי פאָר זייער סחורה. די קראַנקע, וואָס גייען אַרום, קומען אַליין צו און קלייבן אויס אַ בוך. אָבער פאַר די ליגנדיקע, טראָגן די פרויען צו פאַרשידענע ביכער אויף אויסצוקלייבן.

אין דער באַזוך־שעה

נאָך מיטאָג איז די צייט פון באַזוך. דער גאַנצער טעכנישער האַר־מידער האָט זיך באַרואיקט און עס האָט זיך כמעט אויסגעליידיקט פון אָרטיקן פּערסאָנאַל. וווּ גישט ווו באַווייזט זיך אַ שוועסטער.

צו דער באַזוך־שעה שווימען אָן, איבער די גלאַנציקע שאָסייען, אויטאָס און טעקסיס מיט באַזוכער פון אַלע גרעסערע און קלענערע פּראָווינצן.

פריילעכע שטימען צעקלינגען זיך אין די אומעטיק־טרויעריקע קראַנקן־צימערן. און די קראַנקע לעבן אויף. מ׳קושט זיך, מ׳אָרעמט זיך אַרום,

מ׳גיט איבער משפּחה־מתנות, מ׳פרעגט זיך קעגנזייטיק אויס נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל...

אָבער נישט פאַר אַלע איז פאַראַן די זעלבע פרייד.

אַט ליגט דאָרט אין לעצטן בעט אַן איינזאַמע פרוי — קיינער קומט נישט צו איר. אויפן קאָפּ — פאַרגרויטע האָר. אין פאַר דער צייט צע־קאָרבטן פּנים, זיצן אַ פּאָר גרויסע, ברוינע, פאַרצערטע אויגן, וואָס קוקן אַן דעם באַלעבטן עולם פון פאַרשידענע משפּחות.

— האָט איר נישט קיין משפּחה? — פרעג איך זי.

— געהאַט אַמאָל אַ גרויסע משפּחה — זאָגט זי שטיל, — אַ געליבטן מאַן, דריי שיינע טעכטער און וויפל אייניקלעך וואָלט איך שוין היינט געהאַט? און אברהמעלע, מיין בן־יחיד, מיט זיין פלאַם־פייערדיקן קאָפּ, וואָס אַ שטאָט מענטשן האָבן זיך מיט אים געבענטשט... אַך, די דייטשע רוצחים! ווי און ווינד איז צו מיינע עלנטע, קראַנקע יאָרן, וואָס מוזן שוין דערפאָרן איבער די שפּיטעלער...

איבערן קאָרידאָר טראָגן זיך דיקע, בייכיקע ווייבער מיט שווערע, הילכיקע טריט אין געבלומטע קליידער, מיט קאָלירטע טיכלעך אויף זייערע שוואַרצע קעפּ און ראָזע פרומע פּנימער פון די בריהדיקע מזרח־עדות.

יונגע, לופטיקע מיידלעך מיט קורצע קליידלעך, לאַכנדיקע פּנימער און אונטערטאַנצנדיקע פיס, קוקן אַריין אין די צימערן, זוכן זייערע חברים־סטודענטן — קרבנות פון אַ וועג־קאַטאַסטראָפע, בעת אַן אויס־פלוג איבערן גליל העליון. אַט יאָגט זיך דאָרט אַ פאַבריקס־אַרבעטער אין אַ גרינעם כאַקי־קאָסטיום און אין אַלטע אַרבעטס־שיך מיט אַ מיד־פאַרטראַכטן פּנים. אַט איז אַ רבי אין אַ לאַנגן, שוואַרצן סורדוט, פון אונ־טער וועלכן עס קוקן אַרויס לאַנגע ציצית. דער שוואַרצער, האַרטער קאַפּעליוש אויף זיין קאָפּ, דאָס פולע פּנים אַרומגעקרייזט מיט אַ שיינער, שוואַרצער באָרד און מיט ברילן. ער פאַרשווינדט אין דער מענער־אָפּטיילונג.

אַ הויכער, גוט־געבויטער מאַן, אין ווייסן געקליידעט, אין אוניפאָרם פון אַן אָפיציר פון ישראלדיקן ים־פלאָט, גייט מיט פעסטע, אַנטשלאָסענע

טריט. ער איז סימפּאַטיש מיט אַ ברוין־פאַרברענט פּנים און דרייסטע, שטאָלצע בליקן, ווי ער וואָלט זיך געטראָגן אַנטקעגן ים־כוואַליעס. זיין שטאָלצע מענערישע שיינקייט רופט אַרויס אויפמערקזאַמקייט. מען קוקט זיך אום מיט התפעלות:

— אַן אַפּיציר פון ים־פלאָט!

עס קומען אַן צוויי טוריסטינס. איינע אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אָנגעטאָן מיט געשמאַק אין אַ העל־בלויען קאָסטיום, ווייסע, עלעגאַנטע זומער־שיך. אַ בלאָנדע, הויכע פריזור באַקרוינט איר קאָפּ. זי פאַרמאָגט אַ לענגלעך, בלאַס פּנים מיט גרויסע אויגן, וואָס בליקן ערנסט און פאַרשעריש... אויף איר הויכן, שטאָלצן האַלדז הענגען ווייסע קרעלן, אויף די הענט — ווייסע הענטשקעס און אַ פיין אויסגענייט האַנט־בייטל. די צווייטע פרוי — אַ קליין־ווּקסיקע, אַ פולע, אַ באַהאָנגענע מיט גאָלדענע צירונג און אַ פול פאַרשאָטענעם פודער־פּנים מיט פליישיקע בראָדאָווקעס און אַ פּאָר הונגעריקע, שאַרפע אויגן...

ס'האָט זיך דערהערט אַ ספּאַזמאַטיש, פאַרשטיקט געוויין פון אַ בלאַ־סער פרוי, וועלכע ס'האָבן אַריינגעטראָגן די שפּיטאָל־סאַניטאַרן. אירע אויגן שטייף פאַרשלאָסן און זי האָט זיך, ווי אַ פיש געראַנגלט, כדי איינצואָטעמען אַ ביסל לופט. אויפן דאָקטאָרס ווּנק האָבן די שוועסטערס צוגעטראָגן די גרויסע, גרינע פלאַש מיט זויערשטאָף.

צווישן די זיך שטופּנדיקע באַזוכער, האָט זיך אַריינגעשאַרט אַ פרוי מיט זייער אַ שיין פינף־זעקס יאָריק מיידעלע. זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ בעט פון אַ קראַנקן מאַן, וואָס איז געלעגן פאַרטראַכט. זיין גרויער קאָפּ פאַרזונקען טיף אין קישן, איבערן געקאַרבטן פּנים זענען פון די גליענדיקע אויגן געראָנען טרערן און זיך געגליטשט איבערן אויסגע־דאַרטן פּנים.

די יונגע פרוי האָט אים אַרומגענומען און מיט זאָרג אַ פרעג געטאָן:

— אברהם! שוין ווידער די ווייטיקן? אָפּשר צורופן דעם דאָקטאָר?

— אבאַלע, אבאַלע! — איז צוגעשפּרונגען דאָס קינד צום פאָטער

און זיך אָנגעהאַנגען אין זיין האַלדז. דעם פּאַטערס אויגן האָבן זיך צעשטראַלט פון גליק און ליבשאַפט.

ווען די באַזוך־שעה האָט זיך געענדיקט און אַלע געסט האָבן פאַר־לאָזט דעם שפּיטאָל, האָט זיך אברהם איינגעבויגן צום צווייטן קראַנקן און כמעט בסוד אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב שוין געקענט האָבן אַזעלכע אייניקלעך, ווי מיין איצ־טיקע שושנהלע! איך האָב לאַנג נישט געוואָלט זיך צוהערן צו די עצות פון מיינע חברים וועגן אויף דאָס ניי אויפבויען אַ משפּחה־לעבן, אַזוי, ווי זיי האָבן עס געטאָן גלייך נאָכן חורבן. איך קען נאָך היינט נישט פאַרגעסן מיין טייערע פרוי מיט די קינדער, וועלכע זענען אין טרעבלינקע אומגעקומען, צוזאַמען מיט אַלע מיליאָנען יידן.

נאָכן באַזוך שפּרייט זיך אויס אַ גרויסע שטילקייט, וואָס אָטעמט מיט וואַרעמקייט, משפּחה, היים און פריינד. די קראַנקע, באַרואיקטע הויבן אָן צווישן זיך שמועסן, יעדע וועגן אירע געוועזענע געסט, אַ מאָל שעפּטשענדיק און אַ מאָל טריומפירנדיק באַרימעריש...

די שווער־קראַנקע בלייבן ליגן אין די בעטן. די „גייענדיקע" אין די שפּיטאָל־כאַלאַטן גייען באַזוכן אַנדערע קראַנקע, אָדער צו דער לאָב־גער, אַלגעמיינער ווערענדע, וואָס קוקט אַרויס אין דרויסן. די ווייכע פאָטעלן ווערן גלייך באַזעצט און עס הויבן זיך אָן צו שליסן קאָנט־שאַפטן. ביסלעכווייז ווערט געמיטלעך. ווער עס פאַרזוכט פון די היימיש־געבראַכטע פּרוכטן, ווער עס פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, ווער עס זיצט אין אַ שטיל ווינקל פאַרטאָן אין אַ בוך.

אַרויפצו, אין דער מענער־אָפּטיילונג זיצן קראַנקע ביי אַ טישל, פאַרטראַכט איבער אַ שאַך. ביי די פרויען איז אַ געדיכטע דערציילעניש וועגן זייערע קראַנקהייטן. יעדע פון זיי שלעפּט אַרויס אַ שטיק קראַנק־הייטס־געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט און וויל דווקא, אַז אַלע זאָלן מסכים זיין, אַז איר קראַנקהייט איז ערנסטער און געפערלעכער ווי ביי אַנדערע... און אַז פון די פריערדיקע דאָקטוירים איז זי אַנטוישט. „אָבער מיין גליק איז, וואָס איך געפין זיך אונטער דער השגחה פון

שפּיטאָל „מאיר". מען זאָגט, אַז דאָ זענען גרויסע מומחים פאַראַן. אָבער דער עיקר־מומחה איז דאָך אונדזער ד"ר יאַנקעלעוויטש".

— אַז ער גייט צו צו מיין בעט, דוכט זיך מיר, אַז זיין שיין, וואַרעם פּנים עפנט אויף מיין קראַנק האַרץ — זאָגט די בלאָס־פאַר־טרויערטע פרוי ר.

— ווייל ער איז אַ געוויסנהאַפטער, איבערגעגעבענער רופא — באַ־הויפּטעט יענע פרוי מיטן הויכן שטערן און גלאַט פאַרקעמטן קאָפּ האָר, וואָס האָט אָוועקגעלייגט דעם בוך און זיך צוגעהערט צום שמועס.

אַ הויכער מאַן, וואָס איז די גאַנצע צייט אַן אומרואיקער געגאַנגען איבערן קאָרידאָר, אַהין און צוריק, האָט זיך אָפּגעשטעלט, דעם גרויען קאָפּ אויסגעדרייט און מיט אַ פּאָר טיף־זיצנדיקע, קלוגע אויגן, אַ זאָג געטאָן צום ווייבערישן קאָלעקטיוו:

— אָט דער אָ דאָקטער איז דער זשעני פון שפּיטאָל!

און אַ שלאַנקע יונגע ברונעטקע האָט פאַרענדיקט אויף פּויליש:

— טאָ יעסט אַניאָל! (ער איז אַ מלאך!).

דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן די נייעס. אַלע זענען שטיל געבליבן. צוגעהערט זיך און זיך פאַרטראַכט. באַלד נאָך דעם האָט זיך ביי די שאָך־שפּילער פאַרבונדן אַ פּאָליטישער שמועס, אַ וויכוח איבער די צייט־פראַגן. כמעט אַלע אַרומגייענדיקע קראַנקע האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום די צעהיצטע דיסקוטאַנטן.

— שאַ, שאַ, שקט! — לויפן אָן די שוועסטער — דאָ ליגן דאָך שווער־קראַנקע.

נאָכן בייטאָג־שלאָף איז מען שוין ווידער אויפן באַלקאָן. עס ווערט ענג. עס רייסט און בענקט נאָך דער אויסערלעכער וועלט...

קוקט מען אַראָפּ פון פינפטן שטאָק. גייען אויף פאַר די אויגן די פאַרשידענע שיכונים: ותיקים, סירקין און חצרות הדר, וואָס שפּרייטן זיך און רינגלען אַרום דעם שפּיטאָל־בנין. שיכונים, וואָס געבענטשטע יידישע הענט האָבן דאָ פאַרזייט, געפלאַנצט און אויפגעבויט זייערע ביי־היימען מיט שוויס און ענערגיע, מיט ליבשאַפט צו אייגענער ערד, מיט

שווונג צו אַ נײַ פּראָדוקטיוו לעבן, מיט אויפגאַנג פון המשכדיקע דורות אין אייגענעם היסטאָרישן לאַנד.

פון די אויבערשטע הויכן, האָבן זיך גענומען דערנענטערן בלוי־ווייסע וואָלקנדלעך, וועבנדיק זיך אײַנער אין אַנדערן, ווי אין אַ ליכטיקן קינדער־שפּיל, און ווינקען און רופן די קראַנקע אָנשליסן זיך אין זייער כאָטש אין דער מחשבה...

צוויי וווּנדערשיינע פייגעלעך אין געל־בלוי־גרויע פעדערלעך זענען אַרויפגעשפּרונגען אויפן באַלקאָן, ווי פרײַדיקע שלוחים פון די אונטערשטע בליענדיקע ישובים — צוויץ, צוויץ! קוקן זיי זיך אַרום מיט די פינקל־דיקע אויגעלעך, כדי צו זען, וואָס מ׳האָט דאָ צו טאָן... גיך האָבן זיי גענומען פּיקן מיט די צאַרטע שנעבעלעך די שטיקעלעך און ברעק־עלעך אָפּפאַל־שפּייז. פאַרענדיקט האָבן זיי אַ דריי געטאָן מיט די קעפּעלעך אַהין, אַהער און שטיפעריש אַוועקגעפלויגן! דער עולם האָט מיט ליבע זיך צוגעקוקט.

ספּאָנטאַן האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס, וועגן דער שפּיטאָל־באַשפּייזונג. אַזוי פיל ווי ס׳איז דאָ פאַראַן, קען מען נאָר טרעפן אין אַ גוטער סאַ־נאַטאָריע!

— און סאַראַ מוסטערהאַפטע זויבערקייט!

— בעיקר, די זעלטענע ריינע לופט, וואָס איז מחיה נפשות!

— און איך בין אייך מוחל אַלע גוטע מעלות, וואָס איר האָט דאָ אויסגערעכנט, בעסער זאָל מיר גאָט העלפן איך זאָל צוריק קומען צו מיין קליין, אָרעם שטיבעלע, אַרויסנעמען די פרישע מערעלעך און ציבלקעלעך פון מיין אייגענעם גאָרטן.

צימער 605.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז דאָס מאָל זאָלן ליגן אין איין שורה דריי עלטערע פרויען און אַ יונג מיידל פון פופצן יאָר. געבראַכט האָט מען די הברטע פון קיבוץ יד חנן. אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט אויפן תירס־פעלד, אין סאַמע פייערדיקן חמסין, איז דער געשטרייפטער צפע־

שלאַנג אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און אַ ביס געטאָן זי אין פוס. אויף אירע פאַרצווייפלטע געשרייען האָבן די חברים געוואָרפן די אַרבעט, אַרויפגעכאַפּט זי אויפן אַרבעטס־טראַקטאָר און געבראַכט גלייך אין שפּיטאָל, ווו זי האָט באַלד באַקומען דעם סערום קעגן גיפט.

צו ערשט האָט דאָס יונגע מיידל זיך אַרומגעקוקט אויף די שכנות „אַלטוואָרג" און זיך צעוויינט — איך וויל אַהיים; בעתן באַזוך פון די דאָקטוירים און דער באַדינונג פון די שוועסטער, האָט זי זיך באַרואיקט.

אין די דריי אַנדערע בעטן — פרויען־באָבעס, וואָס קומען פון פאַרשידענע וועלט־טיילן — פוילן, רוסלאַנד און ישראל. הייַנט — אַלע ישראל־בירגעריגס.

די פרוי פון פוילן, אין עלטער פון עפּעס העכער פון אַכט צענדליק איז פון מיטעלן וווקס. אַ גלייכע, מיט פעסטע פּלייצעס, אויף וועלכע עס גליטשט זיך אַראָפּ אַ טונקל־דיקלעך געפלאָכטענער צאָפּ, וואָס פאַר־לייקנט איר טיפן עלטער און דערמאָנט אָן יענער ווייטער יוגנט־עפּאָכע, ווען די נאַטירלעכע שיינקייט פון דער יונגער פרוי זענען געווען אירע לאַנגע, שיינע האָר. די פרוי ר. פאַרמאָגט אַן ערנסט, דרייסט פּנים מיט אַ סך שפּורן פון ענערגיע און פאַרלאָשענער שיינקייט. זי דערציילט וועגן איר רייכער פאַרגאַנגענהייט פאָלגנדעס:

„אַ טאָכטער פון אַ רייכן יידישן גוטבאַזיצער אויף דער פּוילישער ערד, אין שטאָט קאָנין. יונג האָט זי חתונה געהאַט פאַר אַ סוחר פון וואַרשע. זי איז געווען אַ דירעקטאָרין פון אַ פּוילישער גימנאַזיע. ווען דער היטלער־חורבן האָט געבושעוועט איבערן יידישן פאָלק, און איר משפּחה־נעסט איז חרוב געוואָרן, האָט זי פאַרלוירן דעם מאַן און ביידע הויך־געבילדעטע זין. אַליין האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט, געאַרבעט אין דער אונטערגרונט־באַוועגונג. אין לאַנד איז זי גע־קומען אַן איינזאַמע, אַ צעבראָכענע, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פון נעמען הילף ביי די ווייטע, לעצטע לעבנגעבליבענע משפּחה־קרובים און איז אַוועק אַרבעטן".

אַ צווייטע שטאַמט פון אוקראַינע, נאָענט פון קיעוו. זי איז געבוירן אין אַ פרומער, רבנישער משפּחה, ווו די מענער זענען געזעסן יומם ולילה

און געלערנט ש״ס. דעם עול פון פרנסה האָבן די ווייבער געטראָגן. זי האָט געבוירן קינדער, געווען אַ האַרציקע מאַמע, געטרייע ווייב צום מאַן און אַן אשת חיל אין הויז־ווירטשאַפט. בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען עס האָבן געבושעוועט די כל מיני באַנדעס פון דעניקין, מאַכנאָ, קאַלטשאַק א. א., וואָס האָבן אויסגעפירט די בלוטיקע רציחות איבער דער יידישער באַפעלקערונג, איז געפאַלן אַ העלפט פון איר גרויסער משפחה, און ווען דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט, האָט זיך די איבעריקע משפחה פון דער באָבע שרהלע — אַזוי רופט מען זי — קאָנצענטרירט אין קיעוו. ווען די בלוטיקע חיות, די נאַציס, האָבן אין ימים בלוט דערטרונקען דאָס יידישע פאָלק, איז די יידישע באַפעלקערונג באַגראָבן געוואָרן, צוזאַמען מיט דער באָבע שרהלעס משפחה, אין ברודער־קבר פון באַבי יאַר...

נאָר זי, די באָבע שרהלע, איז גראַדע געווען ביי דער ייִנגסטער טאָכטער צו גאַסט. די קריסטן האָבן זיי אויסבאַהאַלטן און שפּעטער — זאָגט זי — האָט דער אַלטער סטאַך זיי אַרויסגעטראָגן אויף די פּלייצעס (צוליב די זומפּן האָבן די קינדער נישט געקענט גיין) צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד אַריין... דאָרט האָבן די באַנדעראָווצעס געהרגעט איר טאָכטער מיטן מאַן, און זי, די אַלטע, מיט צוויי קליינע אייניקלעך, האָבן פינף יאָר געוואַנדערט איבער די וועלדער, ביז די רויטע אַרמיי האָט זיי געפונען פאַרוואָקסענע, פאַרווילדעוועטע און זיי מיטגענומען און געבראַכט צו דער באַפרייטער, אָפענער וועלט. צוזאַמען מיטן שטראָם פּליטים האָבן זיי זיך דערלאַנגט אַהערצו. דאָ האָט די יונגע מדינת ישראל זיי אויפגענומען מיט ליבשאַפט און רחמים. דער באָבען אַריינגעגעבן אין אַ בית הבראה און די אייניקלעך אין אַ קינדער־אַנשטאַלט.

איר, דער באָבען, האָט די סוכנות פאַרגעלייגט זי זאָל אויסוויילן דעם פּלאַץ, ווו זי וויל זיין.

זי האָט אָבער מיט שטאָלץ געענטפערט:

— ניין, איך וויל אַרבעטן און פאַרדינען מיין ברויט!

— היינט — זאָגט זי — זענען מיינע אייניקלעך־יתומים צווישן די

אַנגעזעענסטע פערזענלעכקייטן אין לאַנד און זיי קומען צו מיר, ווי צו זייער מאַמען אַהיים...

ווען זי האָט פאַרענדיקט דערציילן, האָבן זיך די קראַנקע מיט בייגיר ערשט גוט צוגעקוקט צו איר. די באָבע שרהלע האָט זיך אויפגעזעצט. די פּלייצע אַ הויכע, די שיטער פאַרגרויטע האָר אַראָפּגעלאָזט, ווי מאַגנעטיש צוגעצויגן צו דעם קורצן, אַלטן האַלדז; די אויסגעזויגענע בריסט אַראָפּגעהאַנגענע איבערן העכערן בויך פונעם קליינעם, מאַגערן גוף. די באָבעניו האָט געגומען זיך אַרומקוקן אין אַלע זייטן. די בליקן פון די שכנותדיקע בעטן האָבן זיך איינגעגעסן אין דער זיבעציק־יאָריקער זקנה, אין איר ברוין־צעאַקערטן פנים, ווי די קאָרע פון אַן אַלטן שטאָם. פון אונטער דעם געפאַלדעוועטן שטערן זענען טיף אַריינגערוקט האַלב־אויסגעלאָשענע, גרויע אויגן, וואָס צעפינקלען זיך נאָר דאַן, ווען אירע זכרונות צערעדן זיך...

די דריטע איז די ארץ־ישראלדיקע באָבע רחל־לאה, אַ מושבניצע. אין דער דערשעפונג פון איר פאַרמאַטערטן גוף און זייער מידן, צעאַ־קערטן פנים, ווי פאַרחתמעטע שורות, לייענען מיר די הערויִשע גע־שיכטע פון אַ יידישער מאַמען, וואָס איז מיט אירע אויפגעקומענע דורות, דורכגעגאַנגען דעם שווערן קאַמפּס־וועג צוזאַמען מיט דער יידישער מדינה...

עס בליצט פון איר מיט זכרונות:

געקומען פון מרחקים, אַ יונגע, אַ שטראַלנדיקע, חלוציש־באַפליגלט מיט חלומות און אידעען, געפינט זי זיך אין אַ חלוצישן קאָלעקטיוו; אַלע זוכן אַרבעט. מ'הונגערט און מ'פּירט וויכוחים; מ'האַקט שטיינער אויף כבישים און מ'הונגערט; מ'ראַנגלט זיך מיט מאַלאַריע און מ'קעמפט מיט אַנפאַלער־באַנדעס; מ'פייערט דעם גרויסן יוגנט יום־טוב און מ'ווערט אין האַרציק־חברישער ליבשאַפט — אַ מאַמע! און ווידער אַ מאָל אין געראַנגל, אין אַלערליי פאַלקס־קאַמפן, קאַטאַסטראָפעס און איבער־גאַנגען. ענדלעך שמידט מען זיך צו צו דער פאַרוואַרלאָזטער האַרטער ערד, צו דער המשך־ירושה פון די אור־עלטערן און מיט קדושה און ליבשאַפט צו די ניי־געבוירענע דורות פאַרקנסט מען זיך ווידער אַ מאָל מיט דער

ערד; מען שענקט איר אָוועק די ענערגיע, דעם שווייס און גלויבן; מען זייט און בראָנעוועט מיט יוגנטלעכן געזאַנג און ענטוזיאַזם. פלאַנצנדיק גערטנער און וועלדער, פלעגט מען די קינדער, וואָס גייען אויף אַלץ העכער און העכער, אַפילו איבער די דערוואַרטונגען, צו דער זכיה פון אַ היינטיקן פּראָדוקטיוון, שעפערישן ייד און מאָדערנעם מענטש אינעם באַרג־אַרויף פון מדינת ישראל".

ביי דער זייט ליגט אַ יונגינקע קיבוץ־חברטע, וואָס האָט זיך שטיל און אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די דערציילונגען פון די באָבעס. זי האָט זיך פּלוצים אויפגעזעצט און זיי באַטראַכט. איר בליק איז געפאַלן אויף דער באָבען שרהלען „איז עס מעגלעך, אַז ווען איך וועל אַלט ווערן, וועל איך זיין אַזוי מיאוס, ווי די זקנה?!"...

דערפילנדיק די פאַרשנדיקע בליקן פון דער יונגער האָט די אַלטע זי באַטראַכט און ווי פון אַ ווייטן חלום האָבן זיך אירע באָבישע אויגן ברייט צעשמייכלט:

— קינד מיינס — האָט זי שטיל געשעפּטשעט — אַזאַ יונגע, שיינע בלום ווי דו ביזט היינט, בין איך דאָך אַמאָל געווען — אין מיין יוגנט!

געדאַכט האָט זיך, אַז אין דער שטילקייט פונעם זומערדיקן חלל האָבן זיך פאַרשידענע עפּאָכעס צערוישט, יעדע באַזונדער און אַלע צוזאַמען, מיטן טראַגיזם, מיטן פּחד און יאוש, מיטן קאַמף און העראָיזם, מיט קדושה, אמונה און ליבשאַפט, ווי זיי וואָלטן פאָדערן אַ תיקון...

אַ גרויסע, ברוינע שפּין האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן אין אַ געדיכ־טער, קוים זעבאַרער נעץ, ווי וועלנדיק זיך משתתף זיין און פאַרוועבן די לעגענדאַרע אידיליע פון דער באָבעניו...

דער באָבע שרהלען זענען געקומען באַזוכן די רעליגיעזע באַקאַנטע פון ירושלים: אַ רבי אין אַ לאַנגער זשופּיצע מיט אַ זיידענעם גאַרטל, שוואַרצן סאַמעטענעם הוט, ווייסע זאָקן און פאַנטאָפל. עלטערע פרויען אין ווייסע קאָפּ־טיכלעך, מיט טונקל־ברייטע און לאַנגע קליידער איבער די שוואַרצע זאָקן. און אַ פּאָר יונגע, שיינע טעכטער אין מאָדערנע און הויך־געפּאַסטע העלדזער און אין לאַנגע אַרבל. זיי אַלע האָבן געבראַכט

פעקלעך, אַרומגערינגלט די אַלטינקע און אַריינגעשריען מיט אַ געהע־כערטער שטים, זי זאָל זיי בעסער הערן:

— שלום, באַבעניו!

ווי אַ מחנה פלאַטערנדיקע פייגל זענען שטיפעריש אַרייַנגעפלויגן אַ כאַפּטע יוגנטלעכע קיבוצניקעס, ייַנגלעך און מיידלעך אין ווייסע בלו־זעס און קורצע כאַקי־הייזלעך און לייכטינקע זומער־קליידלעך, יעדער מיט זיין מתנה: שאָקאָלאַד, בלומען, זיי האָבן פּשוט, אויף אַ היימיש־הברישן אופן, זיך אַרומגעשטעלט אַרום בעט פון דער יונגער קיבוץ־טאָכטער.

איר ראָזער פרישער פּנים האָט אויפגעלעבט מיט אַ קינדערשער פרייד און אירע שוואַרצע, גרויסע אויגן האָבן זיך צעשטראַלט פון איבעראַשונג...

זיי האָבן געגרעדט אייַנציקווייז און אַלע צוזאַמען. יעדע בייע כראַניק פון קיבוצישן לעבנס־לויף איז באַגלייט געוואָרן מיט געלעכטער און וויץ.

דער מזכיר זייערער, אַ פעסט־געבויטער, מיט ברייטע פּלייצעס, אין וויַיס־געפּרעסטן אויבערהעמד, מיט אַ פול זון־פאַרברויַנטן פּנים, וואָס אָטעמט מיט נאַטירלעכער קראַפט, שמייכלט אָפן און וויציק. זיין שוואַרצע געלאָקטע טשופּרינע, פאַלט אויפן יונגן שטערן, פון וועלכן עס קוקן אַרויס אַ פּאָר קלוגע חבריש־וואַרעמע אויגן פון אַ געניטן יוגנט־דערציער.

נאַכט אין שפּיטאָל

פאַמעלעך האָט זיך דאָס טאָגיקע ליכט געלאָשן, ווי אַ געהיימע אַכ־זריותדיקע האַנט וואָלט די פריידיקע שיין ערגעץ אַוועקגעצויגן און אַ רויט־פאַרוואונדעטע זון איז אַראָפּגעפאַלן הינטערן ערד־קיילעך...

די ליבלעכע פייגעלעך, וואָס פלעגן שטענדיק אַזוי זיס אַריינזינגען צו די קראַנקע, זענען אויך ערגעץ פאַרפלויגן. אַ פאַרצווייפלטע בענקשאַפט האָט זיך אויסגעשפּרייט אינעם טונקעלן חלל, און אין דער שרעקעוודיקער

שטילקייט האָבן די קראַנקע ווי פאַרגעסן פון דער בייטאָגיקער פרײַנד־שאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישן זיי. נאָר יעדער האָט זיך אויסגעדרייט פונעם אַנדערנס בעט און פאַרשלאָסן זיך אין זיך, אין דער אייגענער, פאַרשוויגענער שטילקייט. אָט די טרערנדיקע שטילקייט האָט זיך צע־רעדט, צעזונגען אין אַן עלעגיש געזאַנג און דאָס טראַגישע געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון אַלע שווער־קראַנקע און פון אַלע שטאָקן און אָפּטיי־לונגען: פון דער אָרטאָפּעדישער, פון דער אוראָלאָגישער און בעיקר פון דער כירורגישער אָפּטיילונג.

די חולים פונעם אינערלעכן אָפּטייל זאָגן, אַז די קראַנקע פון „דער כירורגיע״ ליגן, ווי די צעשניטענע קעלבער.

די קרעכצן, שלוכצן און הילפסרופן פילן אָן דעם גאַנצן אינגעווייד פון שפּיטאָל־וועזן מיט צער פון עלנט און מיט בלאָנדזשענדיקער פאַר־לוירנקייט. יעדער אויף זיין לשון און לויט זיין מצב.

דער יונגער ד״ר ניוויי, באַוועגט זיך פון בעט צו בעט מיט שטילער איבערגעגעבנקייט. רואיק און טריי טוט ער באַזאָרגט זיין פליכט.

די לייכטערע קראַנקע שלאָפן כמעט נאָרמאַל מיט קליינע אויס־נאַמען פון נערוועזער שלאָפלאָזיקייט. אָבער דער גרעסטער טייל ראַנגלט זיך מיט שווערע קאָשמאַרע חלומות אויף דער וואָר. און לויטן חלום־געפּלעכט, קומט מען אויף די שפּורן פונעם קראַנקנס זכרונות, אויף זיינע פאַנטאַסטישע פאַרשטעלונגען...

אָט ליגט די פרוי ש. זי איז די צווייטע פרוי ביים מאַן. די ערשטע פרוי זיינע מיט די פיר קינדער זענען פאַרברענט געוואָרן אין אוישוויץ דורך די נאַצישע מערדער. זי, די פרוי, איז צוריקגעקומען פון די סיבי־רער סטאַלין־לאַגערן. זי רעדט פון שלאָף:

— ס'איז מיר קאַלט מיט די צעריסענע שיך אין שניי... ווו זענען מיינע קינדער ווען וועל איך שוין פון דעם פייניקונגס־לאַגער, פון דעם גיהנום פטור ווערן, זאָל זיין אַפילו דורכן טויט...

און אַן אַנדערע מאַמע, אַ מושבניצע מיט גרויסע, צעפלאַמטע פיבער־אויגן:

— מיין יוסף, דער פאַרברענטער פלמחניק, איז מיר געפאַלן אין דער

סיני־אַקציע און מיין אוצר גדעון, דער ליכטיקער מוזיקל מייגער, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם שרון־אַפּשניט, איז געפאַלן אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. ווי און וויסט איז מיר מיין לעבן, די פּרדסים וויינען דאָך נאָך אים!...

זי נעמט זיך קאַנוווּלסיוו וואַרפן און שרייען מיט אַ ליידיקן קול. די נאַכט־שוועסטער לויפט צו, לייגט זי צוריק אין בעט אַריין, גיט איר אַ באַרואיקונגס־מעדיצין.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלוציגירן מיט אָפן־פאַרמאַכטע אויגן און פירן מיט זיך אַליין זייער פאַרשלאָסענע פינצטערע וועלט...

אָבער דעם גרעסטן פּחד וואַרפן אָן די נאַכטיקע שאָטנס אויף די ווענט. דאָס ליכט אין די צימערן איז כמעט שטענדיק ביינאַכט פאַר־טונקלט, כדי די קראַנקע זאָלן קענען רואיק איינשלאָפן. אָבער די קראַנקע, וואָס קענען אַראָפּגיין פון בעט, צינדן אָן דאָס בעט־לעמפּל און מיט זייערע באַוועגונגען שאַפן זיך פאַרשידן־געשטאַלטיקע ליניעס, וואָס רייצן, רעגן און שרעקן...

און די שאָטן־ליניעס ווערן אַלע מאָל געדיכטער און שווערער, נעמען אָן אומהיימלעכע פאָרמען פון חיות און רוחות, ווי טויט־שלוחים, גע־שיקטע פון אַן אומבאַקאַנטער, פינצטערער וועלט, וואָס לויערט איבער די קראַנקע קרבנות. זיי מישן זיך אויס מיט דער שווער־אָטעמדיקער לופט פון די פאַרשטיקטע ברוסט־רערן און מיט שוואַרצע פליגל פונעם שטשירענדיקן מלאך המות, שוועבן זיי אַלע מאָל פאָכענדיק נעענטער און נעענטער צום הילפלאָזנס בעט... נאָר, אַז די שוועסטער — אַ ווייסע, אַ ליכטיקע, מיט אַ וואַרעם באַרעמהאַרציק פּנים, באַווייזט זיך — לעשט זיך אָפּ דער פּחד... אויף אַ ווײַלע...

אין די האַלוצינאַציעס פונעם פאַרצווייפלטן עלנט שאַפן זיך ביים קראַנקן צוויי עקסטרעמען: דער שוואַרצער טויט און דאָס ווייסע לעבן... וואַנדערן זיי צוזאַמען אַ גאַנצע נאַכט פון צימער צו צימער, קאָרידאָר־איין קאָרידאָר־אויס, שטרייטן און קעמפן צווישן זיך עקשנותדיק. אַ מאָל איינער ביי איין בעט און אַ מאָל אַ צווייטער ביי אַ צווייט בעט...

פּלוצים דערטראָגן זיך פאַרצווייפלטע געשרייען — אַ וועג־קאַטאַ־

סטראָפּע. צעבלוטיקטע מענטשן ווערן אַריינגעטראָגן צו דער כירורגישער אָפּטיילונג.

אַ צווייט מאָל ברענגט מען אַן אַראַבער פון דאָרף טירא, וואָס האָט זיך פאַרסמט און אַ האַלב דאָרף מיט איינוווינער לויפן נאָך מיט אַ פאַר־צווייפלטן געוויש און שפּאַלטן די נאַכטיקע רו...

די יידישע דאָקטוירים פאַרגעסן באַלד די חשבונות פון יידן־אַראַבער און לויפן אַנטקעגן אַ הייליקער פליכט — ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ מענטשן!

ענדלעך, נאָכן שווערן נאַכטיקן קאָשמאַר, באַפאַלט די אַלגעמיינע מידקייט און די פאַרפייניקטע מחנה חולים פאַלן אַריין אין אַ שווערן שלאָף... אַ גרויסע נאַכטיקע שטילקייט נעמט אַרום דעם שפּיטאָל...

ביי די אַרומיקע נעענטערע און וויטערע כבישים שטייען שורות עלעקטריש־באַלויכטענע לאָמפּן, ווי טרייע שומרים, וואָס היטן און וויג־קען צו די קראַנקע ביז דעם אויפגאַנג פון זוניקן פרימאָרגן...

צוזאַמענפלי
אין אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג

דער אויטאָ ציט זיך פון ישוב צו ישוב, פון דאָרף צו דאָרף. ביי אַלע סטאַציעס שטעלט ער זיך אָפּ און נעמט אויף די גרופּעס וואָרטנדיקע פרויען, די אָרטיקע בירגערינס, וואָס זאַמלען זיך היינט צום יום־טוב פון דער אַרבעטער־פרוי אויף דער גאָרער וועלט.

ס'איז אָוונט, ערב פרילינגדיקער אָוונט, וואָס שמעקט מיט דער פייכטקייט פון צעאַקערטער ערד, מיט מיסט און פּאַרזיי. ס'איז טיף־וואָרצלדיקע יוירונג און שטיל זשומענדיקער אויפגאַנג און אויסשפּראָץ...

אין דער נאַכטיק־שטערנדיקער לופט שוועבט דער אומרו פון שוואַנגער און געבורט, דער סוד פון נאַטורס אויפבלי...

טראָגט זיך דער פול־געפּאַקטער אויטאָ מיט די צעגויפגעזאַמלטע אַרבעטער־מוטערס און שניידט זיך אַריין אין פאַרשידענע זיג־זאַג וועגן דורך געדיכט־באַוואַקסענע אַלייען מיט אַלטע ציפּרוסן און עוקאַליפּטוס־ביימער, מיט יונגע וועלדלעך, ביז ער שלייכט זיך אַרויף אויפן גלייכן, שלאַנקן שאָסיי, וואָס יאָגט אַרויף צו די ווייטקייטן... פון ביידע זייטן טראָגן די אָפענע שרון־פעלדער לופטיקע ווינטלעך, ווי זיסע אַראָמאַטן מחנות פון די יונג־צעבליטע פּרוכט־קנאָספּן.

אַ וואָרעמע כוואַליע לופט שטראָמט פון ערגעץ, ווי דער אָטעם פון דער אומדערמידלעך־שעפערישער מאַמע־נאַטור, וואָלט אַרומגענומען אירע חברטעס — די אַרבעטער־מוטערס.

פון אַלע זייטן האָבן צו אונדז געווונקען, געבלינצלט און געלויכטן די עלעקטרישע ווייטערע און נעענטערע לאָמפּן פון די אַרומיקע נייע ישובים, ווי טרייע, היימישע באַגלייטער, וואָס האָט געבראַכט דער חברה אַ היימיש, פריילעכע שטימונג און דער עולם האָט זיך געמיטלעך צעשמועסט.

אויפגענומען האָט אונדז אַ גרויסער, אָפענער פּלאַץ מיט צעלויכ־טענע פֿאַראַדנע אילומינאַציעס.

דער דאָרף כפר־יונה, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון יונה פישער, ליגט ביים סוף שרון. צום נייעם סינימאַ־טעאַטער, וואָס איז נאָר וואָס פאַרטיק געוואָרן, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צענדליקער מאַשינען. זיי האָבן געבראַכט דאָס אַרבעטנדיקע פרויען־פאָלק פון נתניה ביז תל־אביב און פון גאַנצן שרון.

די סצענע איז געווען שיין דעקאָרירט. פון ביידע זייטן ווייס־בלויע פאָנען און בלומען. אויבן, אויף דער וואַנט, דער הערב פון „אמהות עובדות" מיט דער ליכטיקער לאָזונג: „נישא את עינינו לשלום בין העמים", מיט וואָס די ווייסע, פרידלעכע כלה־בלומען האָבן אַזוי האַרמאָניזירט...

דער פּרעזידיום־טיש איז באַזעצט מיט אַלע אָרטיקע פאָרשטייערינס בראש מיט דער אָרגאַניזאַטאָרין, פרוי אסתר גלעדי, מיטן פאָרשטייער פון דער אָרטיקער המועצה, איש שלום און דעם קולטור־לייטער, אביש.

צו אַלעם ערשט האָט מען געשפּילט אַ טרויער־מאַרש נאָך לוי אשכול ז"ל, וועלכן ס'האָט אויסגעפירט דער פילהאַרמאָנישער אָרקעסטער. דער־נאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרשידענע באַגריסונגען און רעפעראַטן.

דאָס פּובליקום אין זאַל איז געווען באַהערשט מיט רעספּעקטיווער שטילקייט. הונדערטער מיטגלידערינס, געדיכט באַזעצטע שורה אין שורה, האָבן זיך מיט נייגיר און זעלבסטווירדע, צוגעהערט צו די פאַרשידענע רעדנער און רעדנערינס, וואָס יעדער אויף זיין נוסח האָט אויסגעדריקט די אומגעהויערע באַדייטונג פון דעם הייַנטיקן צוזאַמענטרעף פון דער יידישער אַרבעטער־פרוי. מען האָט געוואָלט הערן וועגן אירע ליידן און פריידן, וועגן אירע קאַמפן און דערגרייכונגען אויף אייגענער ערד, ביי זיך אין לאַנד...

נאָך דער יונגער מוטער, מאַשע לובעלסקי, האָט די כנסת־דעפּוטאַטין, בעבאַ אידעלסאָן, געגעבן איר אינהאַלטסרייכן רעפעראַט, וואָס האָט אין אַ ברייטער פאָרם אַרומגענומען די פאַרשידענע טעטיקייטן פון דער אַרבעטנדיקער פרוי, אירע באַזונדערע פּראָבלעמען, אירע שוועריקייטן אין הויז און אין לאַנד. זי האָט אויך גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פון

אַ פאַרשטייערשאַפט אין דער אויסערלעכער וועלט, מיט וועלכער עס סאַ־
לידאַריזירן זיך היינט די באַפרייטע אַרבעטער־פּרויען.

עס איז אַ צווישן־פּויזע. עס איז ליכטיק געוואָרן אין זאַל. דער עולם
האָט פריי אָפּגעאָטעמט און מען האָט פריי זיך איבערגעקוקט. דער
געדיכט פאַרזאַמלטער עולם האָט זיך גענומען רירן פון די ערטער.

ווי פאַרשידנאַרטיק עס איז די רייכע גאַלעריע טיפּן! דער מער־
סטער טייל פון די פרויען זענען דאָך מאַמעס און באָבעס פון צווייטן
און דריטן דור. דער אָפּשטאַם, דאָס לאַנד פון וועלכן זיי קומען, איז
כמעט פאַרווישט, ווייל די פאַרגרויטע האָר, קאָלירלאָזע פּנימער און אויס־
געלאָשענער גלאַנץ פון זייערע שטראַלנדיקע בליקן, שטרייכן אונטער זייער
פאַרשוווּנדענע יוגנט־תקופה, די דעפאָרמירטע פיגורן דערציילן פון זייער
לאַנג־יאָריקער פיזישער פּראַצע, ביי שווערע אומשטענדן, אָבער די אומ־
געהויערע ענערגיע שוועבט נאָך אַלץ אין אַלע זייערע מאַניערן...

אָט איז דאָך די געבענטשטע מחנה פון ישראל! די מאַמע, וואָס
האָט פאַרגאָסן איר בלוט ביי די געבורטן, געשפּייזט מיט אירע זאַפטן
די עופהלעך, געהאָדעוועט און געהיט זיי טאָג און נאַכט, מיט שרעק און
טרערן אַליין זיי דערצויגן; זיי, די פרויען, האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין
דער ווירטשאַפט, אין פעלד, אין וואַרשטאַט, מיט דער ביקס אויף דער
שמירה, אין דערציונגס־אַנשטאַלטן, אין אידעאישע קאָלעקטיוון, אין
אוניווערסיטעט, אין כנסת און אין שליחותן קיין חוץ־לארץ; אינטעלעקט־
טואַלן און פאָלקס־קינדער, וואָס ביי די שווערע ישראלדיקע באַדינגונגען,
אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל פּיינט, זענען זיי, די גרויסע, יידישע מאַמעס,
וואָס שיקן זייערע זין אין די שלאַכטן און אַליין מיט אַלע אחריותן פאַרן
לאַנד און פאַר אַלע בירגער האָפן זיי און לעכצן נאָכן אויסגעבענקטן
שלום פאַר אונדז און פאַר דער גאַנצער וועלט...

דער יידישער קינסטלער, שמאי ראָזענבלום, האָט מיט גרויס געניוס
פאַר אַלעמען פאַרענדיקט דעם אָוונט מיט זיינע קינסטלערישע רעצי־
טאַציעס, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט אַלזייטיק און טרעפלעך דעם אידעאישן
באַדייט פון היינטיקן צוזאַמענפלי אינעם אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג
אין ישראל.

אינהאַלט

וואַנדערונגען	271
בלוט	273
פרייטיק צו נאַכטס	285
ראש־השנה אין בוכאַרער שול	288
שלום־עליכם ביי דער אַלטער דעניסאָוונאַ	292
די וואַנט	302
די פּליטים־קיך אין ווין	308
שפּיטאָל־רעפלעקסן	315
„אָרט״־שול אין זאַלצבורג	333
מיט דער שארית־הפליטה אין די אַלפּן־בערג	341
יום עצמאות אין „בית־ביאַליק״	346
פון דער קינדער־וועלט	351
אויף אייגענער ערד	353
אונדז אַנטקעגן	355
עצמאות יום־טוב אין ישראל	359
דער ערשטער מאַי אין תל־אביב	361
ביי דער דיכטערין רקודה פּאָטאַש	364
אין דער וועלט פון אַ ישראל־קינסטלערין	369
יום הביכורים אין קיבוץ גבת	372
קיבוץ „אפק״	376
מיט די קינדער פון קיבוץ „עין הכרמל״	380
נאַציאָנאַלער אַרכיוו אין ירושלים	384
ביים כותל המערבי	287
תשעה באב	393
שבת אין קרית שמואל	399
גליל העליון	403
אויספלוג פון אַרבעטנדיקע מוטערס	409
ווער וועט העלפן דער באָבעניו ?	414
„בית־דינה״	417
נעגערינס ענדיקן דעם חיפהער הסתדרות־סעמינאַר	435
פורים אין ישראל	437
דער הונט טאָמי	440
אין אַ פרידלעכער וועלט	449
גאָרטן פון קולטור־הויז אין קרית מוצקין	452
חנוכה־פייערונגען אין עלטערן־קלוב	455
פייערלעכע דערעפענונג פון עלטערן־הויז	458
אויף שפּאַציר	462
אויספלוגן איבערן לאַנד	467
דער וועג צו תל־מונד	483
אַ באַזוך אין שפּיטאָל „מאיר״	496
צוזאַמענפלי אין אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג	515